STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01547

DAVID BEN DAVID (KOPPERFILD)

Charles Dickens

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence B. Lieb
in memory of
Cecelia Lieb

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טשאַרלז דיקקענס.

דָוִד בֶּן דָוִד

(קָאפּפֶּערְפִילְד).

אַ ראָמאַן

אין פיער טהייל.

פריי איבּערזעצט פון ענגליש.

3 טער טהייל.

ווילנא

שנת תרנ"ד לפ"ק

ДАВИДЪ ДАВИДОВИЧЪ (КОППЕРФИЛЬДЪ).

Романъ въ четырехъ частяхъ.

Соч. Ч. Диккенса. Переводъ съ англійскаго.

Изданіе І. Шрифтзетцера. и М. Каценеленбогена.

Часть III.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи А. Г. Розенкранца и М. Шрифтзетцера.
На Лидскомъ переулкѣ, домъ № 2598/13
1894.

Дозволено цензурою 19 мая 1894 года—Вильна.

I.

די באבע טהוט איהרע מיטלען.

אויף מארגען פריה, ווען מען האט אב געשלאססען מיין צימער, בין איך אויפגעשטאנען, האב זיך אנגעטהון און אראב אין גאסט-צימער. מיסס בעטסי, זיינענדיג טיעף פערזונקען אין איהרע געדאנקען איז געזעססען ביים טיש, אנגעשפארט אויף'ן טאץ, וואו ס'זיינען פערנאנדער געשטעלט אללע נאטווענדיגע עססענוואארג צום פריהשטאק. דער סאמאוואר האט געקאכט האסטיג, און די באבע האט ניט בעמערקט, ווי דאס וואססער פון איהם האט זיך געגאסען אויף'ן טאץ און טישטוך; נור מיין אריינקומען האט איהר ארויס געפיהרט פון פערטראכט זיין. ס'איז גאר קיין ספק ניט געווען, אז געטראכט האט זי וועגען מיר, און דאריבער האב איך נאך שטארקער געלוסט וויססען איהרע פלאנער. דאך אזוי מורא האבענדיג, זי זאלל מיך ניט אננעמען פאר א מחוצף און עזות'ניק, האב איך זיך אבגעהאלטען מיט מיינע פראגעס.

נור די אויגען מיינע, וואס האבען זיך ניט אונטערגעגעבען אזא שטרענגע רעוויזיע, ווי די צונג, האבען זיך אללע רגע געווענדעט צו מיסס בעטסי. זי פון איהר זייט האט אויך אפט געקוקט אויף מיך מיט אזא מערקווירדיגען בליק, פונקט איך זאלל זיך געפינען ווייט פון איהר אויף א הונדערט קלאפטער. האבענדיג געענדיגט דעם מיטאג, האט זי זיך פערטראכט אבגעשפארט אן רוקען פון שטוהל, אנגערוקט די ברעמען, פערלייגט די האנד און גענוממען קוקען אויף מיך אזוי אויפמערקזאם, אז איך האב זיך אין גאנצען פערלארען. און כדי צו פערבארגען מיין פערווירונג, האב איך זיך מיט נייע פליים גענוממען צום מיטאג, נור זייער אונגעשיקט: דאס מעססער האט זיך אללע ווייל געגליטשט אויף'ן גאפעל, דאס ביססען איז מיר געפאללען פון מויל צוריק אויף'ן טעלער, און איך האב זיך איינינגע מאל שיעור דער ווארגען מיט'ן טהיי. ענדליך האב איך אב גערוקט דאס עססען און געזעצט זיך מיט א-נ-אראבגעלאזטען קאפ, זייענדיג אויף דער העכסטער שטופע בעשטירצט פון דער באבעס נייגיריגע בליקען.

— הער, האט זי געזאגט צו מיר נאך א לאנגען שטיללשווייגען.

איך האב מיט רעספעקט אויף געהויבען די אויגען און בעגעגענט א לויכטיגען בליק ביי מיין קרובה.

— איך האב צו איהם געשריבען, האט זי ווייטער גערעדט.

— צו איהם?

– צוּ דַײן שְׁטִיף־פָאטֶער. עֶר מוּז טְהוּן, וָואס אִיךְ הֵײס אִיהם. אַז נִיט, וֶועלל אִיךְ זִיךְ מִיט אִיהם אָבְּרֶעכֶענֶען אוֹיף אַזַא אוֹפֶן, וָואס עֶר קָאן גָאר נִיט עֶרְוַוארְטֶען.

– עֶר וֵויסְט וואוּ אִיךְ גֶעפִין זִיךְ אִיצְט? הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט צוּרוּדֶערְט פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה.

– וִוי דֶען! אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעגֶעבֶּען צוּ וִויסֶען, אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפֶען צוּ מִיר.

– אוֹיבּ אַזוֹי... ווִילְט אִיר מִיךְ אָבּ שִׁיקֶען צוּ אִיהם? הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט, שְׁטַאמְלֶענְד.

– אִיךְ וֵויס נִיט, הָאט גֶעאֶנְטְפֶערְט דִי בָּאבֶּע. מִיר וֶועלֶען זֶעהְן.

– אָ! וָואס וֶועט פוּן מִיר וֶוערֶען? הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן, – אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ מוּזֶען גֶעפִינֶען אוּנְטֶער מ–ר מָארְדְסְטָאנְס שׁוּטְץ.

– דֶערְוַויל אִיז נָאךְ נִיט בֶּעשְׁטִימְט, הָאט דִי בָּאבֶּע גֶעאֶנְטְפֶערְט, שָׁאקְלֶענְד מִיטְ'ן קָאפּ. – מִיר וֶועלֶען זֶעהְן.

בַּײ דִי וֶוארְטֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ אִין גַאנְצֶען פֶערְלָארֶען; זֵײ הָאבֶּען זִיךְ מִיר וִוי אַ שְׁוֶוערֶע מַשָׂא גֶעלֵײגְט אוֹיפְ'ן הַארְצֶען. דִי בָּאבֶּע הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט אוֹיף מִיךְ צוּ קוּקֶען. זִי הָאט אָנְגֶעטָאן אַ פַארְטוּךְ אוּנ גֶענוּמֶען וַואשֶׁען דִי גְלֶאזֶער; דֶערְנָאךְ הָאט זִי זֵײ סִימֶעטְרִישׁ צוּ שְׁטֶעלְט אוֹיפְ'ן טֶאצִיל, צוּנוֹיפְגֶעלֵײגְט דֶעם טִישְׁטוּךְ, גֶערוּפֶען שַׁאנֶעטֶען אוּנ גֶעהֵײסֶען צוּנֶעמֶען פוּן טִישׁ. דֶערְנָאךְ הָאט זִי אָנְגֶעטָאן הַאנְדְשׁוּה, גֶענוּמֶען אַ קְלֵײן בֶּערְשְׁטֶעלֶע אָבּ שַׁארֶען דִי בְּרֶעקְלַאךְ אוּנ גֶענוּמֶען רֵײנִיגֶען דִי מֶעבֶּעל, אוֹיף וֶועלְכֶע ס'אִיז אַזוֹי אוֹיךְ קֵײן מִינְדְסְטֶער פּוּל נִיט גֶעלֶעגֶען. זַײגֶענְדִיג צוּפְרִידֶען פוּן דֶער אַרְבַּײט, הָאט זִי אוֹיסְגֶעטָאן דֶעם פַארְטוּךְ, אַרָאבּ גֶענוּמֶען דִי הַאנְדְשׁוּה אוּנ אַוֶועק גֶעלֵײגְט אִין שַׁאפֶע אוֹיפְ'ן פְרִיהֶערְדִיגֶען אָרְט. דֶערְנָאךְ הָאט זִי אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אִיהר אַרְבֵּײטְס־קֶאסְטֶעלֶע אוֹיפְ'ן טִישׁ נֶעבֶּען אָפֶּענֶען פֶענְסְטֶער אוּנ גֶענוּמֶען זִיךְ צוּ דֶער אַרְבַּײט, פֶערְשְׁטֶעלֶענְדִיג זִיךְ פוּן דֶער זוּנֶן מִיטְ'ן נְרִינֶען פָּארְהַאנְגֶעל.

– עֶס וָואלְט דִיר נִיט שַׁאדֶען אַרוֹיף לוֹיפֶען אִין דֶער הוֹיף, הָאט דִי בָּאבֶּע גֶעזָאגְט, אַרֵײנְצִיהֶענְדִיג דֶעם פָאדֶעם אִין נָאדֶעל, אוּנ בֶּעגְרִיסֶען אִין מַײן נָאמֶען מ–ר דִיקְק'ן. זָאג אִיהם, אַז אִיךְ בִּין זֵײעֶר נַײגֶערִיג צוּ וִויסֶען, וואוּ הַאלְט עֶר מִיט דִי כְּתָבִים.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְלִינְק אַ הֵײבּ גֶעטָאן פוּן אָרְט, כְּדֵי צוּ טְהוּן, וָואס זִי הֵײסְט.

– אִיךְ רֶעכֶען, אַז דִיךְ וואוּנְדֶערְט, פַאר וָואס הָאט מ–ר דִיקְק אַזַא קוּרְצֶען נָאמֶען? הָאט מִיךְ פְלוּצִים אַ פְרֶעג גֶעטָאן דִי בָּאבֶּע אַ קוּק גֶעבֶּענְדִיג אוֹיף מִיךְ מִיט דֶער זֶעלְבֶּע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵײט, וִוי זִי הָאט גֶעקוּקְט בַּײם אַרַײן צִיהֶען דֶעם פָאדֶעם אִין דֶער נָאדֶעל.

–יָע, ס'אִיז טַאקֶע מֶערְקְוִירְדִיג, הָאבּ אִיךְ גֶעאֶנְטְפֶערְט אָהן אוֹיבֶּער־הַמְצָאוֹת.

– מיין אקארשט ניט, אז ער האט ניט קיין אנדער נאמען א לייגערען, האט די באבע געזאגט מיט איין ערנסטע מינע. דער אמת'ער נאמען זיינער איז באבלי...
מ–ר ריטשארד באבלי: דאס איז זיין אמת'ער נאמען.

איך האב שוין געוואלט זאגען, אז מ–ר דיקק'ן וועל איך רופען ביי זיין נאמען, נור די באבע האט עס פערהאפט אונ געזאגט:

– דאך זאלסטו איהם ניט רופען ביי זיין נאמען: ער קאן ניט ליידען דעם נאמען. דאס איז ביי איהם אזא שגעון. האטשע פערקעהרט ריידענדיג, איז דא גאר ניטא, וואס צו בעוואונדערען. איהם האט שטארק מבייש געווען א מענש, וואס טראגט דעם זעלבען נאמען. אט דאריבער רופט מען איהם דיקק אומעדום, וואו ער געפינט זיך, האטשע פון דאנען גייט ער ערגעץ ניט ארויס. בכן, געדיינק שוין רופע איהם ניט אנדערש.

–גוט, באבינקע, איך וועלל איהם רופען מ–ר דיקק, האב איך געענטפערט אונ געהיילט זיך ערפיללען איהר וואונש.

אויף'ן וועג האב איך מיט זיך א טראכט געטאן, אז אויב מ–ר דיקק האט זיך אין דעם פערלויף פון פריהשטאק אזוי פלייסיג בעשאפטיגט מיט זיינע כתבים ווי אין דער מינוט, ווען איך בין געגאנגען פערביי זיין אפענע טהיר, ווען איך בין אראב צום פריהשטאק, האט ער היבש אויספייעט אנשרייבען. איך האב איהם ווירקליך געטראפען ביי דער ארבייט. ער האט געשריבען מיט א גרויסע פעדער צו געבויגט דעם קאפ כמעט צום סאמע פאפיר אונ האט גאר ניט בעמערקט מיין אריין קוממען – אזוי פערזונקען איז ער געווען אין שרייבען. אין צימער אין ווינקעל האב איך בעמערקט א גרויסען פאפירענען שלאנג, א גאנצע הורבע כתבים, א מענגע שרייב–פעדערם אונ ביי א געוויססע דוץ טינטערם מיט טינט. ענדליך האט דער געעהרטער דשענטלמען מיך בעמערקט.

א! פעב! האט ער אויסגעשריען, אנידערלייגענדיג די שרייב פעדער. וואס פאר א וועלט! נור איר ווייסט וואס, האט ער ווייטער געזאגט, מאכענדיג נידריגער די שטיממע, – איך וואלט וועגען דעם גאר ניט וועללען ריידען, דא האט ער מיר איינגערוימט א סוד אין אויער: אללע ברואים אויף דער וועלט זיינען משוגע, משוגע, קינד מיינס, אונ די וועלט איז א משוגעים–שטיבעל! דאס האב איך אלליין ענדעקט.

דערנאך האט ער א שמעק געטאן פון א קיילעכדיגע טאבאקערקע טאבאק, אונ האט זיך אפענהערציג פערנאנדער געלאכט.

איך האב זיך ניט בעשלאססען אנטפערען אויף זיין טיעפזיניגען מיינונג אונ האב זיך געהיילט איבערגעבען איהם, וואס די באבע האט מיר געהייסען.

– געריסט מיסס טראטוויד, האט געזאגט מ–ר דיקק – אונ זאגט איהר, אז איך האב שוין עפעס אויספייעט אנצושרייבען. יע, מיר דוכט טאקע, אז איך האב

שוין עפּעס אויסגעפּיעט, האט ער צוגעגעבען, א פיהר טהוענדיג מיט דער האנד איבער זיינע גרויע האר אונ א ווארף טהוענדיג א יום־טוב־דיג בליק אויפ'ן כתב. — איר האט זיך געלערנט אין א שוהל?

— געלערנט, סער, האב איך געאנטפערט, — נור ניט לאנג.

— געדיינקט איר, ווען איז געשטארבען טשארלז דער ערשטער?*) האט ער מיך א פרעג געטהאן אונ א קוק געטהאן אויף מיך טיעפזיננינ אונ זיך צוגעקליבען פערשרייבען מיין אנטפער.

— אויב איך האב קיין טעות ניט, האט עס פּאסירט אין יאר טויזענד זעכס הונדערט ניין אונ פיערציגסטען.

הם! האט מ־ר דיקק ארויסגערעדט, א קראץ טהוענדיג זיך מיט'ן פעדער הינטערען אויער אונ א קוק טהוענדיג אויף מיך מיט א ספק, — אין די ביכער טאקע שטייט אזוי געשריבען, נור דאס איז ניט ריכטיג: דאס האט ניט געקאנט זיין אזוי לאנג. מיט וואס פאר איין אופן האט די פערזאן געקאנט האבען די זעלבע געדאנקען, וועלכע פלאנטערען זיך ביי מיר אין קאפּ?

איך בין געווארען ערשטוינט פון דער פראגע; נור מאכען די קשיא רעכט, האב איך ניט געקאנט.

— מערקווירדיג, זייער מערקווירדיג, האט ווייטער גערעדט מ־ר דיקק, קוקענדיג פערטרוערט אויפ'ן כתב אונ גלעטענדיג זיך די האר, איך האב קיין מאל ניט געקאנט געפינען קיין תשובה אויף דער פראגע. ביז היינט בלייבט דער אומשטאנד גיט קלאהר. נור ס'איז א קנאפּע ביין! האט ער געזאגט א ביסעל מוטהיגער — ס'איז נאך גענוג צייט פאראן צו קלעהרען. געריסט מיסס טראטוויד אונ גיט איהר איבער, אז איך בין פאלקאממען געזונד.

איך האב שוין געוואלט ארויס גיין, נור ער האט מיך אב געשטעלט מיט דער פראגע:

— אונ ווי געפאללט אייך דער פּאפּיערענשלאנג (זמיי)?

— א שאנער שלאנג, האב איך געאנטפערט, איך רעכען, אז ער האט א זיבען פוס די הויך.

— דאס האב איך געמאכט. מיר וועללען א מאל צוזאממען אוועק גיין אונ אוועק לאזען איהם. בעטראכט גוט אקארשט, איר בעמערקט אט דאס?

דא האט מיר מ־ר דיקק אנגעוויזען אויפ'ן פּאפּיר. מיט וועלכען דער שלאנג איז געווען בעצויגען. דער פּאפּיר איז געווען מיט פיעל סטאראניע בעשריבען מיט זייער א דראבנען כתב נור זייער א ריינען. מיר האט געדוכט, אז טשארלז דעם ערשטענס נאמען האט זיך דא בעגעגענט עטליכע מאל.

*) טשארלז דער ערשטער — ענגלישער קאניג.

— א! פיעל שטריקלאך זיינען דא פאראן און מיט וואס פאר א קונץ זיינען זיי צונויפגעדרייט! האט אויסגעשריען מ—ר דיקק. דער שלאנג, אויפהויבענדיג זיך איבער די וואלקען, וועט וויט פערטראגען די פאקטען, וואס זיינען אויסגעצייכענט אין דעם מאנוסקריפט (כתב־יד). איך בענוץ געוואהנליך דעם מיטטעל, כדי צו פערשפרייטען וויכטיגע נאכריכט, איך וויים ניט, וואוהין פאללען זיי אריין. דאס ווענדעט זיך אן פיעל זאכען: אן ווינד און ז. וו. איבריגענס, בין איך אין דעם היגזיכט פארזיכטיג.

דאס געזיכט ביי מ—ר דיקק האט אויסגעדריקט מילדקייט און גוטמוטהיגקייט און האט ניט וויללענדיג אריינגעזעצט רעספעקט ביים צוזעהער. איך בין שוין כמעט פארטיג געווען אנגעמען זיינע ווארטער פאר א שפאס. איך האב א שמייכעל געטאן, ער אויך, און מיר האבען זיך צושיידט ווי אמת'ע גוטע פריינד.

— נו, וואס? האט די באבע געפרעגט, ווען איך בין אראב אין גאסט־צימער. — וואס מאכט מ—ר דיקק?

— ער גריסט אייך און זאגט, אז ער איז פאלקאממען געזונד, האב איך געענטפערט.

— וואס פאר א מיינונג האסטו וועגען איהם? האט די באבע געפרעגט.

צו ליעב עפעס א פערבארגענען געפיהל, האב איך ניט געוואלט פריי ארויס זאגען מיין מיינונג און האב דאריבער געענטפערט, אז מ—ר דיקק איז א פיינער מאן. נור פון דער באבען האט מען זיך ניט געקאנט ארוים מאכען מיט אזא ענטפער. זי האט אוועק געלייגט די ארבייט, צונויפגעלייגט די האנד און געזאגט:

— דיין שוועסטער, בעטסי טראטוויד, וואלט פון קיינעם ניט געלייקענט איהר מיינונג. זיי דו אויך אזוי אפענהערציג און זאג, שטער זיך ניט, וואס דיינקסטו וועגען מ—ר דיקק.

— איך... אויף נאמנות, איך וויים ניט... זאגט איר באבינקע... איז מ—ר דיקק ביים זינן? האב איך געשטאממעלט און געפיהלט זיך אין א פערלעגענהייט.

— א, געוויס! האט די באבע געענטפערט.

— ריכטיג?

— אין דער גאנצער וועלט איז ניטא אין מענש וואס זאלל זיין מעהר ביים זינן אלס ער, האט די באבע געענטפערט מיט א זיכערען טאן.

איך האב ניט געוואוסט, וואס צו זאגען און האב מיט מורא געפרעגט:

— טאקע?

— מען האט איהם געוואלט ארויסגעבען פאר א משוגע, האט די באבע געזאגט. איך פיהל פאר א שולד דערצאהלען וועגען דעם יעדעם אייצינגען בעזונדער, ווייל אין דעם פערלויף פון א יאר צעהן און נאך מעהר־צייט בעטסי טראדטוויד, דיין שוועסטער האט אב גענארט אללע מיינע האפנונגען, פערגעניג איך זיך אין זיין געזעלשאפט און בענוץ זיך מיט זיינע עצות.

— ווי ? האב איך געפרעגט ניט פערשטייענדיג, וואס די באבע זאגט.

— אונ וואס פאר מענשען האבען זיך געוואגט רופען איהם משוגע, האט די באבע ווייטער גערעדט. — מ—ר דיקק איז מיינער א ווייטער קרוב. איך רעכען ניט פאר נויטהיג ערקלערען, ווי אזוי ער קוממט אויס מיינער א קרוב. אהן מיר וואלט ער זיכער א פערפאלענער געוועזן צו ליעב זיין ברודערס נאכלאסיגקייט.

איך האב מורא, אז איך האב גע׳צבוע׳הט אנשטעלענדיג א מינע, פונקט איהר מעשה אינטערעסירט מיך זייער, איך האב עס אזוי געטאן, ווייל איך האב געזעהן מיט וואס פאר א היטץ זי רעדט וועגען איהם.

— דער נארישער בעל-גאוה, האט ווייטער די באבע גערעדט: — האט ניט געוואלט האלטען ביי זיך דעם ברודער, ווייל ער האט דארטען זיינע שגעונות (זאגאר אנדערע האבען גראסערע שגעונות פאר איהם) אונ ער האט איהם געוואלט אבשיקען אין א פריוואט-קראנקענהויז. אונ דער פאטער אליין האט פארן טוידט איהם געבעטען, ער זאלל זארגען פארן אונגליקליכען, וועלכען ער האט גערעכענט פאר איין אידיאט. געוויס איז ער אליין, דער פאטער, געוועזן א אידיאט, ווען ער האט וועגען זוהן געהאט אזא מיינונג. ביי מיר איז דאס גאר קיין ספק ניט.

איך האב ווייטער געמאכט א מינע, אז איך בין מיט איהר גאנץ איינשטיממיג.

— ענדליך האב איך זיך אריין געמישט אין דעם. איך בין אוועק צום נארישען בעל-גאוה אונ האב איהם געזאגט: אייער ברודער איז ביי זיין גאנצען זינן: ער איז אסך פערשטאנדיגער פון אייך, סער. זאלל ער זיך בענוצען מיט זיין שטענדיגע הכנסה אונ וואהנען ביי מיר אין שטוב. איך האב פאר איהם קיין מורא ניט, איך בין ניט גאוה׳דיג, איך בין גרייט זארגען פאר איהם גוט ווי אנדערע. פון יענער צייט אן געפינט זיך מ—ר דיקק ביי מיר אונ טרעט ניט ארויס אפילו פון שוועל. אין דער גאנצער וועלט געפינט זיך ניט א מענש, וואס זאלל זיין מעהר גוטהערציג אונ מילד פאר איהם. אונ ווי קלוג ער איז! וואס פאר א גוטע עצות ער גיט!... נור דאס קאן קיינער ניט פערשטיין, אויסער מיך.

די באבע האט מיט האס א טרייסעל געטאן מיט׳ן קאפ ביים געדאנק, אז ס׳געפינען זיך מענשען, וועלכע צווייפלען אין מ—ר דיקקס געזונדען פערשטאנד.

— ער האט געהאט א שוועסטער, האט די באבע ווייטער גערעדט, — א גוטע, ליעבע וועזען, צו וועלכע ער איז געוועזן צו געבונדען מיט דער גאנצער זעלע. צום אונגליק אבער האט זי גענוממען א ביישפיל פון איהרע חברת׳הס אונ האט אויך חתונה געהאט אונ ער, דער מאן איהרער, האט זיך אויך פערקוקט אויף אנדערע מאנסלייט אונ האט איהר פעראונגליקט. דער אונגליק, צוזאמען מיט דער מורא, וואס ער האט געפיהלט צום ברודער האבען אזוי צוטרייסעלט ביי מ—ר דיקק די נערווען, אז ער האט געהאפט א היטץ קראנקייט, וועלכע פארשטייט זיך, קאן מען פאר קיין פאלל ניט אנרופען משוגעת. דאמאלס האט ער נאך ניט געוואהנט ביי

מיר, נור ווען ער דערמאנט זיך וועגען דעם, פאללט אויף איהם אן א טיעפער-קימער. האט ער דיר ניט גערעדט עפעס וועגען טשארלז דעם ערשטען?

— ער האט גערעדט, באבינקע.

— נו, אזוי איז דאס! האט די באבע געאנטפערט און אריב געטאן די נאז מיט אזא מינע, ריכטיג ווי די בשורה האט אויף איהר געמאכט ניט קיין גוטען איינדרוק. ער האט א רגילות ריידען מיט משלים, אללעגאריש. ביי איהם קומט אויס, אז די יסורים פון דער פערזאן האבען בילדליך א פערבינדונג מיט זיין אייגענע קראנקהייט. היינט וואס איז דא אזוינס? עס קאן זיין, אז ער האט רעכט. אללענפאללס איז יעדעם קלוגען מענשען ערלויבט האבען אזעלכע דמיונות, ווען זיי געפאללען איהם.

— איר זאגט ריכטיג, באבינקע, האב איך געזאגט.

— די גאנצע שווערינקייט בעשטייט אין דעם, האט די באבע פארטגעזעצט, וואס אזא אללעגארישעם ריידען געפאלט ניט אללע מאל דעם המון, וועלכער איז געוואהנט צו גיין ווי א בלינדעס פערד. דעם נסיון בין איך אליין בייגעשטאנען און דאריבער טאקע ראט איך מ—ר דיקקן, ער זאלל פון זיינע כתבים ארויסווארפען די אללעגארישע דעטאליען.

— ער שרייבט פון זיין אייגענען לעבען?

— יע, האט די באבע געזאגט, רייבענדיג דעם רוקען-נאז. ער שרייבט א מעשה פון א קאנצלער — א לארד אדער פון אזוי א לארד, וואס צאהלען גוטע געלט, כדי שרייבער זאללען אפטער און פאדראבנער ריידען וועגען זייערע געשעפטען. באלד וועללען מיר עס שוין אין גאנצען וויסען. שאדע וואס ביז איצט האט זיך מ—ר דיקק נאך ניט בעפרייט פון זיין פערשטעלטען ארט שרייבען וועגען זיך זעלבסט; נור דאס איז א קנאפע בייז. זאלל ער ארבייטען. פאר איהם איז די ארבייט זייער נויטהיג.

אין אמת'ן האב איך זיך דערנאך דערוואוסט, אז מ—ר דיקק האט צעהן יאר נאך איין האנד זיך געמאטערט ארויסצווארפען דעם נאמען טשארלז דער ערשטער פון זיינע כתבים; נור יעדען טאג פלעגט ער פערגעססען און ווייטער זיך אומקעהרען צו דער פערזאן.

— איך זאג דיר, קינד מיינס, נאך א מאל, האט די באבע געזאגט. אויסער מיך פערשטייט קיינער ניט צו שעצען די טהייערע גייסטליכע אוצרות פון דעם מענשען. מ—ר דיקק איז דער קליגסטער מענש פון די אללע, וואס איך האב געקאנט. אמת, ער האט ליעב צו לאזען שלאנגען, נור מה רעש? פראנקלין פלעגט אויך לאזען שלאנגען. ער איז געוועזען א קוואקער אדער עפעס אנדערש וואס, אויב איך האב קיין טעות ניט. א קוואקער לאזט שלאנגען! אט דאס איז צום לאכען!

ווען איך זאל רעכענען, אז די באבע דערצאהלט מיר די אללע דעטאליען, כדי איך זאלל דערפון ארויס נעמען א לעהרע פאר זיך, וואלט איך זיך מיט דעם זייער

געפרייט, וועהענדיג, אז זי טרויט זיך מיר אן מיט איהרע פריינדשאפט, און איך וואלט געמאגט האפען, אז זי וועט מיך פערזארגען. נור עס איז געוועזן גרינג איבערצייגען זיך, אז איהר קאפ איז שטענדיג געוועזן פערנומען מיט די געדאנקען, און מיסס בעטסי האט זיי פאר יעדעם איינציגען ארויס געריידט, ווער ס'האט נור געהאט חשק צו הערען. דאס מאל, אז קיין פרעמדע זיינען ניט געוועזן, בין איך געוועזן איהר צוהערער.

נור אין דער זעלבער צייט, אז איך האב בערעכענט, וואס פאר איין אנטהייל זי נעמט אין דעם ארימען און אונגליקליכען מ—ר דיקק, פון וועלכען די גאנצע וועלט האט זיך ענטזאגט, האב איך גענומען האפען, אז זיכער וועט מיסס בעטסי אויך טהון עפעס פון מיינט וועגען. איך האב דונקעל אנגעהויבען פערשטיין, אז די באבע, ניט קוקענדיג אויף איהרע שגעונות, פערדיענט מען זאלל איהר אכטען. דעם טאג, אזוי ווי נאכטען, האט זי געפיהרט א מלחמה מיט די אייזלען און איין מאל איז זי געווארען שרעקליך צוקאכט, ווען א יונגער בחור האט אריין געקוקט אין פענסטער און געמאכט חן-אויגעלאך צו שזאנעטען. גראסער פאר די אבידע האט די באבע גאר ניט געוואוסט.

די צייט, וואס די באבע האט ערווארט איין אנטפער פון מ—ר מארדסטאן אויף איהר בריעף, בין איך געוועזן פיינליך-אונרוהיג; נור איך האב זיך געסטארעט דערשטיקען אין זיך מיינע יסורים און האב זיך געמאכט כלומרשט פרייליך, האב צופריעדען געשטעלט די באבען און מ—ר דיקק. מיט איהם צו זאממען האב איך א מאל אוועק געלאזט א שלאנג און וואלט גערען געוועזן שפאצירען מיט איהם אפט, ווען מיר זאלל ערלויבען מיין קאסטיום. אויף מיר איז נאך געוועזן די וועלבע קלייד, וואס מען האט מיר אנגעטאן ביים ארויסגיין פון וואנע.

ענדליך איז געקוממען דער אנטפער. צו מיין גרויס שרעק האט מ—ר מארדסטאן געשריבען, אז ער זעלבסט פארט אהער און מארגען קוממט ער, איך בין אויפגעשטאנען דאמאלס פאר טאג און גענוממען צאהלען די שעה'ן און די רגעס. מיין האפנונג איז אלס געווארען שוואכער און א טוידט-שרעק האט זיך מיר אריין גע'גנב'עט אין הארצען. נור זאלל ער שוין קוממען. וואס גיכער, איז אלס בעסער.

די באבע איז דעם טאג געוועזן שטרענגער אלס געוואהנליך, נור אין שטוב האב איך ניט בעמערקט קיינע פארבערייטונג אויף צונעמען מיין שרעקליכען גאסט. די באבע איז געזעססען ביים פענסטער מיט איהר ארבייט, און איך בין כמעט ניט אב געטראכטען פון איהר. זייענדיג פערזונקען אין מחשבות, האב איך זיך געמאטערט טרעפען, וואס וועט זיין דער סוף פון דעם וויזיט. מיר זיינען ביידע שטילל אב געזעססען ביז נאך האלבען טאג. דעם מיטאג האט מען אב געלייגט אויף איין אונבעשטיממטע צייט, נור ס'איז געווארען זייער שפעט, האט די באבע געהייסען גרייטען צום טיש. אין דעם אויגענבליק איז געווארען א טרעוואגע מיט די אייזלען. איך האב א קוק געטאן אין פענסטער און צו מיין גרויס ערשטוינונג האב איך

דערזעהן מיסס מארדסטאן. זי איז פערטראכטערהייד געפארען פערביי דעם בלומען־גארטיל און גענאהנט צו אונזער טהויער.

פורט, פורט פון דאנען! האט די באבע געשריען, טרייסלענד מיט'ן קאפ און אויסשטעלענד די פויסט פון פענסטער. איר האט דא ניט, וואס צו טהון. ווי וואגט איר פאהרען אויף פרעמדע ערד? פורט, פורט!

די באבע איז געוועזען אזוי ווייט איבערראשט פון מיסס מארדסטאנ'ס בייזע רוהיגקייט און קאלטבלוטיגקייט, אז א מינוט איז זי געבליבען זיצען אונבעוועגט און זאגאר, קענען איהר געוואהנהייט, איז זי ניט ארויס געלאפען מיט איהרע כלי־זין אויף דער גאס. בענוטצענדיג זיך מיט דער מינוט, האב איך זיך געהיילט געבען דער באבען צו וויסען, ווער די פערזאן איז; איינוועגס האב איך איהר געצייגט אויף'ן מאנספערזאן, וואס איז געפאהרען הינטער דער דאמע און געזאגט, אז דאס איז מ–ר מארדסטאן זעלבסט.

— און וואס איז מיר די נפקא מינה, ווער ער איז! האט די באבע אויסגעשריען, ארויסשטעלענדיג דעם קארפער פון פענסטער און געמאכט אזעלכע מינעס, וועלכע מען האט בשום אופן ניט געקאנט אננעמען פאר א בעגריסענדען קאמפלימענט. — איך וועל קיינעם ניט ערלויבען טרעטען מיין ערד. הוי, דו פערפוצטער דשזענטלמען, פורט פון וועג! טרייב איהם אראב, שזאנעטע!

שטייענדיג הינטער דער באבען, האב איך געזעהן די מלחמה, וואס איז פארגעקוממען צווישען שזאנעטען און מיסס מארדסטאן. דער אייזעל האט זיך בעשיצט מיט אלע פיער פיס אין דער צייט, ווען שזאנעטע האט איהם געשלעפט פאר'ן צוים, און מ–ר מארדסטאן האט איהם געטריבען פארווערטס. מיסס מארדסטאן האט געשלאגען שזאנעטען מיט'ן זאנטיק און האט ארויסגעוויזען, אז זי איז ניט קיין שרעקיגע. א צאהלדליג ווייסע־חברה'ניקעס זיינען צונויפגעלאפען און האבען געשריען מיט כל הכחות. באלד איז ארוס געלאפען די באבע אליין, האט געהאפט א איינגעל און האט איהם גוט אנגעקלאפט די ביינער. מ–ס מארדסטאן דערוויל איז גלייך מיט'ן ברודער אריין געפאהרען אין הויף און געבליבען שטייהן ביים גאנעק ביז מיסס בעטסי וועט זיי קאנען צונעמען. זייענדיג אביסעל צורודערט פון דער ביטווע, וואס איז איצט פארגעקוממען און אין וועלכע זי האט גענוממען איין אנטהייל, איז די באבע אריבער פערביי די גאסט מיט גרויס ווירדע צו זיך אין צימער און האט אויף זיי אפילו ניט א קוק געטאן, ביז שזאנעטע איז אריין און געזאגט אז א דשזענטלמען מיט א לעדי ווילען איהר זעהן.

— איך זאלל ארויס גיין, באבינקע? האב איך געפרעגט מיט שרעק.

— פאר וואס? פערבלייבט דא, סער.

ביי די ווארטער האט זי מיך א שטויס געטאן אין ווינקעל און פערשטעלט מיט שטוהלען. אין דער פאזע בין איך אב געזעסען די גאנצע צייט, וואס דאס געשפראך האט געדויערט.

מ–ר און מיסס מאָרדסטאָן זיינען אַריין.

– אַה, איר זייט דאָס? האָט געזאָגט מיסס בעטסי. – אָנפאַנגס האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט רעכענען, אַז דאָס זייט איר. נור, מחשבותן, ס'איז אַלץ איינס: איך וועל קיינעם ניט ערלויבען פאָהרען איבערן גראָז פערביי מיין הויז. דאָס איז מיין רעגעל (חק).

– אייערע רעגעלען זיינען אַ ביסעל מערקווירדיג פאַר אונבעקאַנטע, האָט געזאָגט מיסס מאָרדסטאָן.

– אַזוי דיינקט איר?

– יע, אַזוי דיינק איך.

– מערקווירדיג! און איך האָב עס זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאָרשטעללען.

דאַ האָט מ–ר מאָרדסטאָן, מורא האָבענדיג ס'זאָלל ניט אַרויס קומען קיין קריג, געזאָגט: מיסס טראָטוויד!

– ביטע אום פערציי‌הונג, סער, האָט די באָבע געזאָגט, אַ וואָרף טהוענדיג אויף איהם אַ שאַרפזיננינגען בליק. – איר זייט, דוכט, דער זעלבער מאָרדסטאָן, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט מיין זעליגען פלימעניקס, דוד קאָפּפערפילד'ס אַלמנה, פון בלאַנדערשטאָניסע זאַאַטקראָהען, האָטשע, איך בין זיך מודה, אַז איך ווייס גאָר ניט, וואָס פאַר זאַאַטקראָהען זיינען דאָרט ביי אייך. אַזוי צו ניט?

– אַזוי, מאַדאַם, איך האָב אייער פלימעניצע געהאַט פאַר אַ ווייב.

– און איר האָט שלעכט געטאָן, וואָס איר האָט חתונה געהאַט, סער, דאָס אָרימע קינד וואָלט געווען פיעל גליקליכער, ווען זי וואָלט אייך ניט געקאָנט. אַזוי איז מיין מיינונג, סער.

– און איך שטימם איין מיט אייך, מיסס טראָטוויד, האָט געזאָגט מיסס מאָרדסטאָן, וויל די אָרימע קלאַרע איז געווען נאָך אַ וואַהרעס קינד.

– געוויס, געוויס, האָט די באָבע געזאָגט, אָט איך און איר, מיר האָבען שוין גענוג געלעבט אויף דער וועלט און מיר זיינען פערזיכערט, אַז קיין מאַנספערזאָן וועט אונז ניט פערפיהרען. ניט אַזוי מיסס?

– אָהן אַ צווייפעל, האָט געאַנטפערט מיסס מאָרדסטאָן, נור פון איהר אַנטפער איז ניט געווען אַרויס צו זעהן, אַז זי מיינט עס מיטן גאַנצען האַרצען. איך בין גרייט איינשטימען מיט אייך, אַז מיין ברודער וואָלט אויך געווען פיעל גליקליכער, ווען ער וואָלט ניט חתונה האָבען מיט איהר. איך בין אַללע מאָל געווען פון דעם מיינונג.

– איך צווייפעל אין דעם גאָר ניט, האָט געאַנטפערט מיסס בעטסי. – שזאַנעטע, גערימט מ–ר דיקק'ן און בעט איהם, ער זאָלל אַראָב אַהער.

ביז דיקק איז אַריין איז די באָבע געזעססען שטילל און בייז געקוקט אויף די וואַנט. ווי ער האָט זיך נאָר בעוויזען, האָט זי איהם פאָרגעשטעלט פאַר די גאַסט.

מ—ר דיקק איז מיין אלטער אמתער פריינד; אויף זיינע עצות פערלאז איך זיך אין גאנצען, האט די באבע געזאגט און א שטרענגען בליק געטאן אויף מ—ר דיקק, וועלכער האט ביי זיין אריין קומען אין גאסט–צימער גענוממען בייסען די נאגעל און דאדורך אויסגעוויזען זייער נארעש.

נור פערשטייענדיג דער באבעס אנצוהערעניש, האט ער ארויס גענוממען דעם פינגער פון מויל און געמאכט א פערזארגטע מינע. די באבע האט אב געקעהרט דעם קאפ צו מ—ר מארדסטאן, וועלכער האט געזאגט:

— מיסס טראטוויד, ערהאלטענדיג אייער בריעף, האב איך גערעכענט פאר נויטהיג, ווי דער יושר פאדערט פון מיר און, ס'קאן זיין, פון אכטונג צו אייך...

— איך דאנק אייך, סער, האט די באבע איהם איבערגעשלאגען די רייד, ניט ארויסלאזענדיג פון איהם איהרע שארפזיניגע אויגען. — ווענען מיר זאלט איר זיך ניט בעאונרוהיגען.

— האב איך גערעכענט פאר נויטהיג אויסמיידען שרייבען בריעף און קוממען זעלבסט צו אייך, ניט קוקענדיג אויף אייניגע אונאנגענעהמליכקייטען, מיט וועלכע די רייזע איז פערקניפט, האט פארטגעזעצט מ—ר מארדסטאן. — דאס אונגליקליכע איינגעל, וואס האט אוועק געווארפען זיינע בעשיצער, וואס איז אנטלאפען פון זיין ארבייט...

— אין אזא אויסזיכט, וואס דערוייזט קלאהר זיין אונדאנקבארקייט און צולאזטקייט, האט איהם איבערגעריסען מיסס מארדסטאן און געמאכט אויפ־מערקזאם אויף מיין צעריסענעם קאסטיום.

— דושעני מארדסטאן, זייט אזוי גוט און שלאגט מיר ניט איבער די רייד, האט דער ברודער געזאגט. — דאס אונגליקליכע איינגעל, מיסס טראטוויד, איז ניט איין מאל געוועזען די סבה פון פיעל שטורמיגע אונרוהיגע סצענעס, ווען מיין אונ־פערגלייכליכע פרוי האט נאך געלעבט און נאך איהר טויט. איך האב אין איהם שטארק בעמערקט א ווילדען און צו בושהווערטען כאראקטער און אזעלכע תשוקות (אבגייגונגען), ביי וועלכע מען האט גאר ניט געקאנט דייגקען בעגיין זיך מיט איהם מיט גוטען. אזא ערציהונג וואלט געוועזען זייער ניט קלוג. איך און די שוועסטער האבען מיר זיך בעמיהט פיעל מעגליך איז אויסבעסערען זיינע מדות, נור אונזער מיה איז געוועזען אומזיסט. און דאריבער האב איך געפונען זייער פאר גוט, אדער, ריכטיגער געזאגט, מיר האבען געפונען פאר נויטהיג (די שוועסטער האט דא א גלייכע דעה מיט מיר) מונדליך דערצאהלען אייך די אללע פאדראבנאסטען און איר מאגט זיין זיכער, מיסס טראטוויד, אז מיר האבען קיין שום פניה אין דעם ניט, מיר זאגען ווי דער יושר און אמת פאדערט פון אונז.

— איך פון מיין זייט, רעדען פאר איבריג בעשטאטיגען דאס וואס דער ברודער רעדט, האט געזאגט מיסס מארדסטאן. איבריגענס בעט איך אייך צו

בעמערקען

בעמערקען, אז נאך מיין טיפען איבערציינונג, איז דוד קאפפעפילד אזא טויגעניכטס, וואס די גאנצע וועלט האט עס ניט.

— שטארק געזאגט! האט די באבע בעמערקט.

— די פאקטען אבער זיינען נאך שטארקער פון מיינע ווערטער, האט מ–ס מארדסטאן געאנטפערט.

— הם! האט די באבע א מורמעל געטאן. — רעדט ווייטער, סער.

—וואס עס בעלאנגט אן זיין ערציהונג, טהו איך, ווי איך פערשטייע אלליין, האט ווייטער אנגעהויבען מ–ר מארדסטאן, אונ דאס געזיכט איז אים אלס מער פינסטער געווארען, וואס מער זיינע אויגען האבען זיך געטראפען מיט דער באבעס דורך דרינגענדען בליק. מיינע מיינונגען זיינען געגרינדעט, פון איין זייט, אויף זיין צולאזטע צובושהוועטע נאטור, וועלכע איך האב גרינדליך אויסגעלערענט, אונ פון דער צווייטע אויף מיינע מיטלען צום לעבען. אויף אזא אופן דארף איך קיינעם ניט אב געבען קיין רעכנונג אין מיין אויפפיהרונג. ס'וועט זיין גענוג, אויב איך וועל זאגען, אז איך האב דעם אינגעל איבער געגעבען צו מיין בעסטען פריינד, ער זאלל אויף איהם השגחה געבען אונ האב פאר איהם אב געזוכט א גוטע שטעלל. נור איהם געפאללט ניט די ארבייט, וואס פאדערט פון איהם פלייסיגקייט. ער גנבהט זיך שטילערהייד אב פון ארט, שלעפט זיך ארום ווי א בראדיאגע איבער די וועגען אונ ענדליך קומט ער ווי א שלעפער צו אייך, מיסס טראדוויד. איך לאז אייך אלליין בעטראכטען, וואס פאר א סוף ס'וועט אויסגיין דעם אינגעל, אויב איר וועט זיך מיט איהם בעגיין מיט גוטען. איך זעה פאראויס דעם סוף.

— וועגען דעם וועללען מיר נאך האבען צייט צו רעדען, האט די באבע געאנטפערט. נאמיר בעסער איצט רעדען וועגען דער גוטע שטעלל, וועלכע איר האט פאר איהם אויס געזוכט. איר וואלט מסתמא אזא שטעלל אב געזוכט פאר אייערן א זוהן אויך, ווען איר זאלט האבען א זוהן: אזוי צו ניט?

— מיין ברודערס א זוהן וואלט געהאט אנדערע תשוקות (נייגונגען) אונ גאר איין אנדער כאראקטער: אין דעם איז גאר ניטא וואס צו צווייפלען, האט געזאגט מיסס מארדסטאן.

— אדער ווען די מוטער זיינע זאלל נאך האבען געלעבט, וואלט דאס ארימע קינד דאמאלס אויך בעטראכטען אזא גוטע שטעלל? האט געפרעגט מיסס בעטסי.

— איך רעכען, האט מ–ר מארדסטאן געאנטפערט, עטוואס אנבויגענד דעם קאפ, — איך רעכען, אז קלארא וואלט ניט געגאנגען אונז אנטקעגען. זי וואלט צוגעשטימט, ווי מיר, דאס הייסט ווי איך אונ די שוועסטער, דשזעני מארדסטאן, געפינען גוט פאר איהם.

— הם! אונגליקליכעס קינד!

מ–ר דיקק, וואס האט די גאנצע צייט געקלונגען מיט די מטבעות אין

קעשענע, האט איצט אנגעהויבען קלינגען אזוי שטארק, אז די באבע איז געווען גענויטהיגט א ווארף טהון אויף איהם א שטרענגען בליק, וועלכער האט איהם גלייך געבראכט צום דעת.

— אונ די הכנסות פון דעם אונגליקליכען קינד זיינען אב געשטארבען צוזאמען מיט איהר? האט די באבע געפרעגט.

— אב געשטארבען מיט איהר, האט מ—ר מארדסטאן געאנטפערט.

— נאך איהר טוידט האט זיך אב געשטעלט א הויז אונ א גארטען — זאטקראהען, אזוי דוכט, זאגאר דארט איז קיין זאטקראהען ניטא. צו דען האט זי אין צוואה ניט אבגעשריבען, אז דאס הויז זאלל געהערען איהר זוהן?

— דער ערשטער מאן, מיסס בעטסי, האט איהר איבער געלאזט דאס הויז גאר אהן א שום בעדינג אונ זי האט געהאט רעכט, האט אנגעהויבען מ—ר מארדסטאן, נור די באבע האט איהם מיט גרויס צארען איבערגעריסען:

— אללערמאכטיגער גאטט! גאר אהן א שום בעדינג! איר זאלט אזוי ריידען, סער? מיר דוכט, אז דוד קאפפערפילד קוקט איצט פון הימעל אויף די זאטקראהען אונ וואונדערט זיך, ווי אזוי זיינען זיי אריינגעפאללען צו א פרעמדען אין די האנד. פערשטייט זיך, אז דער מאן האט געקאנט איבערלאזען זיין גוטס דער אריםער פרוי זיינע גאר אהן א בעדינג. נור ווי באלד די פרוי האט א צווייטען מאל חתונה געהאט, ווי באלד זי האט געהאט דעם אונגליק חתונה האבען מיט אייך, סער... איר זעהט דאך, אז דא נעמט שוין די מעשה גאר איין אנדער ווענדונג. צו דען האט זיך ניט געפונען איין מענש, וואס זאלל פאר איהר טוידט פערוואָרפען א גוט ווארט פאר איהר ארימען איינגעל?

— מיין זעליגער פרוי האט ווירקליך געליעבט איהר צווייטען מאן אונ האט איהם אין אלם געגלויבט, האט געאנטפערט מ—ר מארדסטאן.

— אייער זעליגע פרוי איז געווען דאס אונגליקליכסטע קינד, זי האט ניט געהאט קיין שום ערפארענהייט אין דער וועלט, וואס איז זייער נויטהיג, נו האטשע צו ליעב דעם, מען זאלל קאננען בעהערשען אזא מאן, ווי איר זייט, סער, האט די באבע געאנטפערט, שאקלענד מיט'ן קאפ אויף מ—ר מארדסטאן. אייער פרוי איז געווען א טרייהערציגעס קינד, אויב איר פערלאנגט איך זאלל ריידען קורץ אונ שארף. פיעלייכט האט איר מיר נאך עפעס צו זאגען?

— נאך איין זאך, מיסס טראטוואָד, האט געאנטפערט מיין שטיף-פאטער. — איך בין אהער געקוממען נעמען דודן צו זיך, נעמען איהם אהן א שום בעדינג. איך וועלל איהם פערזארגען אזוי, ווי מיר וועט געפאללען ווערען, אויף וואס איך האב איין אונגעמבארע (וואס מען קאן ניט אב נעמען) רעכט. איך בין ניט געזאנען אב געבען וועמען ס'איז א חשבון אין מיינע מעשים אונ געבען וועלכע ס'איז הבטחות וואס ס'בעלאנגט אן דעם איינגעל. עס קאן גריילין זיין, אז איר האט געניינט אוים

געהערט אללע מעשות, וואס דאס איינגעל האט אויסגעקלעהרט, כדי צו פער-אנטפערען זיין אנטלויפען. אייער בעגיין זיך מיט אונז איז ניט זייער דעליקאטנע-ערלויבט מיר אייך צו זאגען — און דאס נאטירליך ברייננט מיר צו אזא רעיון. נור זייט וויססען, מיסס טראטוויד, אויב איר בעשליסט זיך איין מאל איהם נאך געבען, וועט שוין דאס נאכגעבעניש קיין ענדע ניט נעמען און אזוי וועט איר אין איהם איינ-ווארצלען אללע שלעכטע זיטטען. אויב איר בעשליסט זיך איין מאל שטעללען זיך צווישען מיך און איהם, וועט איר מוזען אויף דער פאזיציע בלייבען אויף אייער גאנצען לעבען. איך שפאס ניט און וועלל ניט דערלאזען, מען זאלל מיט מיר שפאסען. איך בין אהער געקוממען דאס ערשטע און לעצטע מאל נעמען איהם צו זיך. איז ער פערטיג צו פאהרען? אויב ער איז ניט פערטיג און איר לאזט איהם מיט וואס פאר א תירוץ ס'איז ניט אב, זאלט איר וויססען, אז די טהיר פון מיין הויז איז פאר איהם צוגעשלאססען און איר נעמט אויף זיך א חוב אפענען פאר איהם אייער טהיר.

די באבע האט געהערט אויפמערקזאם און האט ניט איבער געלאזט איין ווארט. זי איז געזעססען אין א גלייכע פאזע, פערלייגט ביידע האנד אויף א קניע, און ניט אראב גענוממען פון איהם איהרע דורך דרינגענדע בליקען. ווען ער האט געענדיגט, האט מיסס בעטסי, פערבלייבענד אין דער זעלבע פאזע, א קעהר געטאן די אויגען אין דעם זייט, וואו מיסס מארדסטאן איז געזעססען און קורץ א פראג געטאן.

— אפשר וועט איר עפעס זאגען?

— קיין זאך ניט, מ—ס טראטוויד, האט געאנטפערט מיסס מארדסטאן. — מיין ברודער האט גאנץ קלאהר ארויסגעזאגט אלס, וואס ס'איז געוועזען צו זאגען. מיר שטעלט זיך נור אב בעדאנקען אייך פאר אייער גוטע אויפנאמע און פאר אייער וויגדערבארע העפליכקייט, האט מיסס מארדסטאן פערענדיגט איראניש.

נור די באבע איז געבליבען זיצען רוהיג, פונקט ווי דער הארמאט, אונטער וועלכען איך האב געשלאפען אין טשעטעם.

—מען דארף איצט וויססען, וואס וועט דאס איינגעל זעלבסט זאגען, האט די באבע געפרעגט א קעהר טהוענדיג זיך צו מיר. — דו ביזט גרייט—צום פאהרען, דוד?

איך האב געאנטפערט, אז ניין, און האב איהר געבעטען, זי זאלל מיך פון זיך ניט אב לאזען, ניט איצט, ניט מארגען און קיין מאל ניט. איך האב געזאגט, אז מ—ר און מיסס מארדסטאן האבען מיך קיין מאל ניט געליעבט און האבען מיר קיין מאל קיין פריינדליכקייט ניט בעוויזען. אז די מוטער, וואס האט מיך צארט געליעבט, איז דורך זיי געווארען פערונגליקט, אזוי ווי איך און פעגאטטי וויססען. איך האב געזאגט, אז ס'איז גאר ניט געוועזען נאך איין אונגליקליכער ווי איך, ווען איך האב זיך געפונען ביי זיי. און איך האב שטארק געבעטען די באבען זי זאלל מיר שטיצען און בעהילפיג זיין אין נאמען פון מיין זעליגען פאטער, וועלכען זי האט שטענדיג געליעבט. איך געדיינק ניט ריכטיג די ווארטער, נור געהערט האב איך שאן און מיט רייץ.

— מ—ר דיקק, האט די באבע געפרעגט, — וואס זאלל איך טהון מיט דעם אינגעל?

מ—ר דיקק האט געטראכט, געטראכט אונ האט ענדליך מיט א לויכטיגע געזיכט געזאגט:

שיקט אונגעזאמט נאך א שניידער אונ זאלל ער אויפנייען א קאסטיום פאר איהם.

— מ—ר דיקק, האט די באבע געזאגט מיט שמחה, ווייזט מיר אייער האנד: איר האט געגעבען א טהייערע עצה.

זי האט איהם שטייף א דריק געטאן די האנד אונ דערנאך, צורופענדיג מיך צו זיך, האט זי זיך געווענדעט צו מ—ר מארדסטאן:

— איר קאנט גיין אדער פאהרען, וואו איר ווילט: דאס אינגעל פערבלייבט ביי מיר. אויב ער איז אין דער ווירקליכקייט אזא שלעכטער, ווי איר האט איהם פארגעשטעלט, וועלל איך זיך זעהן סטארען טהון פון זיינט וועגען אזוי פיעל, פיעל איר, געוויס, נור איבריגענס זייט וויססען, אז איך גלויב ניט אפילו אויף איין האר אין קיין ווארט אייערס.

— מ—ר מארדסטאן האט זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט אונ, ציהענד מיט די אכסלען, געזאגט:

— מיסס טראטוויד! ווען איר וואלט געוועזען א דשענטלמען...

— א, וואס פאר א נארעשקייט! האט די באבע געאנטפערט. — רעדט עס ניט.

— ווי אדעל דאס איז! האט מיסס מארדסטאן געזאגט. זיך אויפהויבענדיג פון איהר ארט. — אדעל אונ דעליקאט, מיסס טראטוויד.

נור די באבע האט די ווארטער אריבער געלאזט פערביי די אויערען, פונקט ווי דא זאלל גאר קיין מיסס מארדסטאן ניט זיין.

— אונ צו דען רעכענט איר, האט די באבע געזאגט, ווענדענדיג זיך צו מיין שטיף—פאטער, — אז איך וויים ניט אונ קאן זיך ניט פארשטעללען, וואס פאר איין ארט לעבען האט געבאך דאס אונגליקליכע עופ'עלע געפיהרט? צו דען מיינט איר אז איך וויים ניט, ווי שרעקליך איז פאר איהר געוועזען דער טאג ווען זי, ווערענדיג דערצו געבראכט פון איהר ביטערען מזל, האט אייך, גנאדיגער הערר, דערזעהן דאס ערשטע מאל! א דאמאלס האט איר זיך געמאכט פאר א מילדע שאפעלע, וואס איז ניט פייהיג צו בעריהרען אפילו א פליג אויף דער וואנד!

— העפליכער פון דעם קאן גאר ניט געבען, האט מיסס מארדסטאן בעמערקט.

— צו דען מיינט איר, אז איך האב אייך ניט געקאנט פערשטיין, גנאדיגער הערר... נור איך האב אייך אזוי גוט פערשטאנען... ווי, למשל, איך זעה אונ הער אייך איצט — וואס אפען גערעדט, פערשאפט מיר ניט דעם מינדסטען פער־גניגען. א, יע, גרויסער גאט! ווער קאן נאך אזוי בעצויבערען אונ פערנבענען זיך יענעם אין הארצען, ווי מ—ר מארדסטאן, ווען מען זעהט איהם דאס ערשטע

מאל! דאס ארימע פערבלענדטע עופ'עלע, געבאך, האט נאך קיין מאל אויף איהר לעבען ניט געזעהן אזא צויבער-שאנע דזשענטלמען! ער איז אין גאנצען א מוסטער דער ליעבענסווירדיגקייט. ער פערגאטערט איהר – ווי קאן זיין אנדערש? ער איז אויסער זיך פון איהר קליינעם אינגעל – דאס איז זעלבסט פערשטאנדליך. ער וועט איהם זיין א צווייטער פאטער, ער וועט פאר איהם זארגען אונ צארטליך איהם ליעבען, אונ דאס גאנצע לעבען וועללען זיי פערברייגען אין א ריעכענדען גארטען צווישען ראזען. אזוי, סער? אוף! גייט פון מיר פורט! מיר ווערט מאוס קוקען אויף אייך!

– אין מיין גאנצען לעבען האב איך נאך קיין מאל ניט בעגעגענט אזא פענאמען (א זעלטענער מענש) אין א ווייבערשע ספאדניצע! האט אויסגעשריען מיסס מארדסטאן.

– אונ ווען אייך האט ענדליך געלונגען בעהערשען די נארישע עופעטשקע – זיי מיר מוחל, גאט גערעכטער, וואס איך רוף איהר מיט אזא נאמען – האט איר איהר אנגעהויבען ערציהען אין אייער גוסט, צוגעוואהנען איהר צו אייער העלדעשען כאראקטער – ניט אזוי? זי איז אריינגעפאללען ווי א לאסטאצקע צו א יאסטרעב אין שטייגעל, איר האט זיך אין איהר איינגעקלאמערט מיט אייערע פאזורעס (נאגעל) אונ געצוואונגען איהר, זי זאלל אייך זינגען פרייהליכע ליעדעלאך. א, איך זעה אייך דורך אונ דורך!

– זי איז שכור אדער משוגע! האט אויסגעשריען מיסס מארדסטאן, וועלכע איז געווען פערצווייפעלט פון דעם, וואס די באבע ווענדט זיך ניט צו איהר מיט רייד, – איך בין איהר שטארק חושד. אז זי איז שכור.

נור מיסס בעטסי האט ווי ניט געהערט די ווארטער, פונקט אין שטוב זאלל אויסער דעם ברודער-קיינער ניט זיין, אונ זי האט ווייטער א גאס געטאן איהר מבול רייד אויף איהם.

– מ-ר מארדסטאן, סער! איר האט טיראניזירט דאס אונשולדיגע עופעטשקע, איר האט איהר אויסגעמוטשעט, צושלאגען איהר הארץ. זי איז געווען א ליעבע געשאפה – דאס ווייס איך. איר האט בענוטצט צו שלעכטס איהר ליעבע – דאס בעסטע זאך, וואס האט נור געקאנט געבען אין איהר נאטור אונ איר האט איהר פאר דער צייט פערטריבען אין גרוב. זייט מיר דאנקבאר פארן אמת: ניט אללע מאל געלינגט אייך צו הערען עס. זאללען זיך אייערע צווינגער בענוטצען מיט דעם, ווי זיי קאנען.

– ערלויבט צו פרעגען, מיסס טראטוויד, האט איהר איבערגעשלאגען מיסס מארדסטאן, – וועמען רופט איר אן צווינגער פון מיין ברודער? וואס מיינט איר מיט דעם?

נור זיינענדיג טויב אויף דעם אויער, וואס איז געווען אין מיסס

מארדסטאן'ס זייט, האט מיסס בעטסי גאנץ רוהיג פארטגעזעצט איהר רעדע:

— דאס שוואכע, עלענדע, שוטצלאזע עופעטשקע איז אריין געפאללען אייך אין די האנד און איז אומגעקוממען. פאר וואס איז אזוי געווארען? איז אומבעוואוסט. גאט'ס וועגען קאן מען ניט קלעהרען. איך בין געוועזן גאנץ זיכער, אז היינט, מארגען וועט זי חתונה האבען א צווייטען מאל, נור גערעכענט האב איך לכל הפחות, אז איהר פערפיהרער וועט זיין, קאן טרעפען, א שלעכטער אבער אלס ניט אזא מענש, ווי איר זייט. ס'איז געוועזן א צייט, מ—ר מארדסטאן, ווען זי האט געשיינקט דאס לעבען דעם קינד, וועלכען איר זעהט איצט. איר האט איהם געמוטשעט און מיט איהם דער מוטער געקריינקט, אלליין ניט צו וויסען פאר וואס. ס'וועט קוממען, קאן זיין, א צייט, אז די ערשינערונגען וועללען פאר אייך זיין ניט זייער אנגענאהם. ס'איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס איר קאנט אזוי ניט אנזעהן דודן... אח, וואס קרימט איר זיך? איך וויים אהן דעם אויך, אז איך זאג אמת.

מ—ר מארדסטאן איז די גאנצע צייט געשטאנען ביי דער טהיר און נאך געקוקט דער באבען מיט א שמייכעל אויף'ן געזיכט, האטשע זיינע שווארצע ברעמען, וואס האבען אהן אויפהער זיך צונויפגעצויגען און אויסגעגלייכט, האבען אויסגעדריקט א געפיהל, וואס איז דער היפך (קאנטראסט) פון פריילינקייט. אויך האב איך בעמערקט, אז, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אויף'ן געזיכט ליגט ביי איהם א שמייכעל, ווערט די פארב ביסלעכווייס ביי איהם פערשוואונדען און ענדליך האט ער גענוממען אטהעמען אויף אזא ארט, פונקט ער זאלל געמען לויפען פון א שונא.

— גוט מארגען, סער, און זייט געזונד! האט די באבע געזאגט. — גוט מארגען, מיסס, און זייט געזונד! האט די באבע פארטגעזעצט א קעהר טהוענדיג זיך פלוצים צו זיין שוועסטער. — אויב אייך וועט איינפאללען דורך פאהרען זיך איבערן גראז פערביי מיין שטוב, קאנט איר זיין זיכער, אז איך וועל ביי אייך אראב רייסען דאס היטעלע און וועלל עס צו טרעטען מיט די פיס. דאס איז אזוי ריכטיג, ווי איר טראגט א קאפ אויף די פלייצעס.

מען דארף זיין א קינסטלער און דערצו א גייסטרייכער (געניאלני) קינסטלער, אז מען זאלל קאננען ריכטיג פארשטעללען דער באבעס פהיזיאנאמיע, ווען זי האט ארויס גערעדט די ווארטער פארן צונויפגעקארטשעטען געזיכט פון מיסס מארדסטאן. די ווארטער האט זי ארויסגערעדט מיט אזא ענערגיע, וואס האט ניט דערלאזט צו קיין אנטפער. מיסס מארדסטאן האט דערלאנגט איהר האנד דעם ברודער און זיי זיינען ארויס שטילל ניט צו ריידען קיין ווארט. די באבע האט זיך גלייך א נידערגעזעצט ביים פענסטער היטען, ווי זיי וועללען דא פאהרען און איז געוועזן גרייט ביי זייער מינדסטען אראב נעמען זיך אן א זייט אויף איהר גראז מאכען מיט זיי א געשלאג.

נור אויף דער לאנקע איז ניט געוועזן ניט קיין אייזלען, ניט דער ברודער און

ניט די שוועסטער ! דאס געזיכט ביי דער באבען איז ביסלעכווייס געווארען העלער און זי איז באלד געווארען פרייהליך. איך בין דערפון געווארען מוטהיגער און האב איהר גענומען קושען פון דאנקבארקייט און ארום גענומען איהר ביים האלז. דערנאך האב איך א דריק געטאן די האנד מ–ר דיקק'ן און האב זיך צולאכט.

– פון איצט אן וועלען מיר ביידע, מ–ר דיקק, נעמען דעם אינגעל אונטער אונזער השגחה.

– מיר וועט זיין זייער אנגענעהם נעמען אונטער מיין השגחה דוד'ס זוהן, האט געזאגט מ–ר דיקק.

– בכן איז אזוי געענדיגט, האט די באבע געזאגט. – איר ווייסט וואס, מ–ר דיקק? איך דיינק רופען איהם טראטוויד.

– און זייער גוט וועט איהר טהון, האט אונטערגעהאלפען מ–ר דיקק. – זאלל זיין טראטוויד... דוד'ס זוהן טראטוויד, זייער גוט.

– טראטוויד קאפפערפילד, פערשטייט זיך. האט די באבע געזאגט.

– דאס איז געווים אזוי. יע, טראטוויד קאפפערפילד, דוד'ס זוהן. זייער גוט.

–די אידעע איז אזוי געפאללען געווארען דער באבען, אז נאך אין דעם זעלבען אבענד האט זי מיט די אייגענע האנד געמאכט אויף די נייע קליידער, וואס מען האט אקארשט פאר מיר געקויפט, א צייכען מיט טינט, וואס זאלל זיך ניט אב מעקען: „דוד טראטוויד קאפפערפילד".

אויף אזא אופן האב איך אנגעהויבען א נייען לעבען מיט א נייען נאמען. איינציגע טאג נאך א–נ–האנד האט מיר מיין נייע לאגע געדוכט פאר א פרייליכען חלום. מיר איז גאר אין קאפ ניט איינגעפאללען, ווי ווייט זיינען מערקווירדיג מיינע נייע ערציהער. די ערשטע צייט האב איך גאר ניט געדיינקט וועגען צוקונפט און האב זיך די מיה ניט געגעבען טראכטען, וואס ערווארטעט מיך. איך האב נור געוואוסט צוויי זאכען: ערשטען אז איך האב אויף עוויג געענדיגט מיטן בלאנדערסטאנישען לעבען, און דאס לעבען, האט זיך מיר איצט פארגעשטעלט, געפינט זיך ווייט פון מיר און איז פערדונקעלט מיט א נעבעל (טומאן); צווייטענס אז דער פארהאנג האט זיך אראב געלאזט אויף מיין לעבען און ארבייט ביי מארדסטאן און גרינבי אין וויין–געשאפט. פון דער צייט האט קיינער און קיין מאל דעם פארהאנג ניט אויפגעהויבען. ערפרישענדיג די ערינערונגען ביי מיין איצטיגען שרייבען, האב איך דעם פארהאנג אויפגעהויבען מיט ציטערענדע האנד און מיט שמחה לאז איך איהם אראב צוריק. די ערינערונגען וועגען דער צייט זיינען פאר מיר שטענדיג געוועזען אזוי פיינליך, אז איך האב אפילו קיין מאל די מיה זיך ניט געגעבען דערוויסען זיך, פיעל צייט האב איך פערבראכט דארט אין קאנטאר. ביי א יאר מסתמא, און אפשר מער אדער ווייניגער – ווייס איך ניט. איך ווייס נור אז אזא עפאכע איז געוועזען אין מיין לעבען געוועזען און אוועק, א דאנק גאט.

II.

איך הייב אן אנייען לעבען.

ניך בין איך מיט מ—ר דיקק געווארען אמתע גוטע פריינד, אונ זייער אפט פלעגען מיר ביידע, ווען מיר האבען געהאט געענדיגט אונזער ארבייט, ארויס פערנאכט אויף דער גאס לאזען א פאפירענע שלאנג.

מ—ר דיקק האט געהאט זייער א שווערע ארבייט. יעדען טאג איז ער געזעסען פאר זיינע כתבים אונ, ניט קוקענדיג אויף זיין גרויס הארעוואניע, זיינען זיי פארווערטס ניט געגאנגען, וייל טשארלז דער ערשטער פלעגט זיך בעווייזען אויף יעדער זייטעל. פערשמירענדיג איין זייטעל, פלעגט מ—ר דיקק זיך נעמען צו דער צווייטע אונ אויף דער האט זיך ווייטער בעוויזען די פערזאן, וואס טראגט דעם נאמען. ס'איז געווען צו בעוואונדערען מיט וואס פאר א געדולד ער פלעגט אריבער טראגען די פגעים (געאודאטשעם) אונ מיט וואס פאר איין האפנונג ער פלעגט זיך איבער א נייעם געמען זיך צו דער ארבייט. וואס וואלט געווען, ווען די כתבים זאללען ווערען געענדיגט, האט מ—ר דיקק אזוי פיעל געוואוסט, פיעל א פרעמדער, נור ער האט זיך טאקע ניט געדארפט מוטשען מיט די פראגעס: ס'איז געווען קלאהר ארויס צו זעהן, אז די כתבים וועללען זיך קיין מאל ניט ענדיגען.

ס'איז זייער ריהרענד געווען צוקוקען זיך צו מ—ר דיקק'ס פהיזיאנאמיע, ווען דער שלאנג האט זיך פון זיינע האנד געהויבען צום וואלקען. ס'קאן זיין, אז ער האט אין דער ווירקליכקייט געטראכט, אז ער פערשפרייט אין די אונבעוואוסטע לופט-קאנטען היסטארישע, סטאטיסטישע, פסיהאלאגישע ידיעות, וואס ער האט פערצייכענט אויף די כתבים, פון וועלכער ער האט געמאכט דעם שלאנג; נור אללענפאללס האט מ—ר דיקק ניט דעם געדאנק געהאט אין קאפ, ווען ער איז געזעססען הינטערן הייזעל אויף דער פרייע לופט אונ ווענדענדיג די אויגען צום הימעל, נאך געקוקט דעם שלאנג, וואס האט זיך געצויגען אונ געריסען פון זיינע האנד. אין די גליקליכע מינוטען האט ביי איהם אין די אויגען געשיינט גאר א-נ-אונגעוואהנליכע פערגונפטע ערלויכטונג. ווען איך פלעג אזוי זיצען נעבען איהם אבענדצייט אונ דער שלאנג איז געפלויגען אין בלויען הימעל, האט מיר געדוכט, אז מיין געעהרטען לעהרערס זעעלע, ארויסווארפענדיג פון זיך דעם עול פון די אללע וועלטליכע הייטעלקייט, פליהט אויך אין דער הויך אונ שוועבט ארום אונטער די שטערען. נור ווי דאס שטריקל האט זיך צוזאממענגעדרייט, דער שלאנג האט זיך גענומען אראב לאזען נידריגער אונ נידריגער, ווי ער האט זיך גענומען טרייסלען, צאפלען, ווארפען זיך אונ פאללען ווי א טוידטער קארפער, פלעגט מ—ר דיקק ביסלעכווייס אנהויבען קומען צו זיך אונ ערוואכען פון זיין פאעטישע פערגעסענהייט, אונ איך געדיינק מיט וואס פאר א טרויריגע אונרוהיגקייט

האט ער ווי א פערלארענע בעשעפעניש, וועלכע איז צוגעשטיקט געווארען צו דער ערד, ארום געקוקט זיך ארום און ארום און פערלארען דעם האפנונג. דאמאלס האב איך אויף איהם רחמנות געהאט מיט'ן גאנצען הארצען.

ביי אזא נאהענטע בעקאנטשאפט און פריינדשאפט מיט דעם דזשענטלמען, האב איך נאך גרינגער געקאנט געפאללען ווערען דער באבען. אין א קורצע צייט האט זי אזוי ווייט מיך ליעב געקראגען, אז מיין נייע פאמיליע טראטוויד האט זי פערקירצט אויף טראט און האט מיר זאגאר געגעבען צו האפען, אז מיט דער צייט וועל איך ביי איהר אין הארצען פערנעמען דאס זעלבע ארט, וואס מיין שוועסטער, בעטסי טראטוויד, אויב איך וועל זיך ווייטער אויפפיהרען אזוי גוט ווי ביז איצט. אויב אזוי, הייסט עס, אז די באבע איז געווען מיט מיר צו פריעדען.

—טראט, האט די באבע געזאגט אמאל, אין עטליכע וואכען ארום, אבענד-צייט, ווען אויף'ן טיש איז געווען אנגעגרייט דער שאכמאט פאר איהר מיט מ—ר דיקק: — טראט, מיר דארפען ניט פערגעססען וועגען דיין ערציהונג.

די פראגע נור פלעגט מיר צייטענווייז שטערען מיין רוה, און איך בין איצט געווארען מלא שמחה פון דער באבעס ווערטער.

— דו ווילסט אריין טרעטען אין קענטערבערישען פאנסיאן?

איך האב געאנטפערט, אז איך וויל זייער און נאך מער דעריבער, וואס קענטערבערי איז ניט ווייט פון דובער.

— גאנץ פיין, האט די באבע געזאגט. מארגען ווילסטו פאהרען?

— יע באבינקע, האב איך געאנטפערט.

— גוט. שזאנעטע, בעשטעלט אויף מארגען צעהן א זייגער פריה א קאבריאלעט און א סארע פערדיל און פערפאקט מאסטער טראטוויד'ס זאכען.

איך בין דערפון געווען איבער צופריעדען; נור פלוצים האט מיר דאס הארץ פערקוועטשט פון וויהטאג ביים בליק אויף מ—ר דיקק און איך האב זיך פערשעמט פאר מיין עגאאיזמוס. ווערענדיג איבערראשט פון דער בשורה, אז מיר מוזען זיך גיך שיידען, איז מ—ר דיקק געווארען טרויריג און האט אין גאנצען פערלארען די פיהיגקייט בעטראכטען די גאנג אין שפיעלען. די באבע האט איהם איינינגע מאל א קלאפ געטאן ביי די פינגער און דערנאך האט זי געהייסען שזאנעטען צו נעמען די ברעטיל פון טיש, ווייל ס'איז אונמעגליך געווען צו שפיעלען. נור ווען מ—ר דיקק האט דערהערט, אז אויף אללע שבת וועל איך קוממען א הער צו-פאהרען און מ—ר דיקק וועט אפט מאכען א רייזע צו מיר איז ער אין איין אויגענ-בליק געווארען ניי בעלעבט און פערשפראכען מיר אנגרייטען צו מיין ערשטען אראבפאהרען אהער א שלאנג, וואס וועט איבער גיין אללע פאריגע זא ווי מיט זיין גרויסקייט און זא מיט זיין וואוילען מאטעריאל. אויף מארגען פריה איז ער ווייטער און מוטהיג געווארען און פון צער האט ער מיר געוואלט אב געבען דאס גאנצע

געלט, וואס ער האט געהאט, נור די באבע האט דערצו ניט דערלאזט, זי האט איהם נור ערלויבט ער זאלל מיר געבען פינף שיללינג, וועלכע האבען ענדליך אריין געשטייגט, נאך פיעל בעטען פון זיין זייט, אין צעהן. מיר האבען זיך געזעגענט ביי דער טהירל פון גארטען אונ פערבליבען אמת'ע גוטע פריינד; מ־ר דיקק איז געשטאנען ביי דער טהירל ביז מיר זיינען פערשוואונדען געווארען פון זיינע אויגען.

די באבע, וואס איז געוועזען קאלטבליטיג צום דעת הקהל, איז גאנץ רוהיג געפאהרען איבער דובערשע גאססען אונ קינסטליך אלליין אנגעטריבען (געקעהרעוועט) דאס סארע פערדיל. זי איז געזעססען גלייך, אין דער פאזע פון בעסטען קוטשער אונ נאך געקוקט דאס פערדיל. זייענדיג שוין אונטער דער שטאדט, האט די באבע דאס ערשטע מאל א קוק געטאן אויף מיר — אונ געפרעגט:

— דיר איז גוט, טראט?

— זייער גוט, באבינקע, איך דאנק אייך.

די באבע איז געוועזען זייער צופריעדען, אונ אזוי ווי ביידע האנד זיינען איהר געוועזען פערנוממען, האט זי מיך א גלאט געטאן מיט'ן בייטשעל איבער'ן קאפ.

— דער פאנסיאן איז עפעס א גרויסער, באבע? האב איך געפרעגט.

— איך וויים נאך אלליין אויך ניט. מיר פאהרען איצטער צו מ־ר וויקפילד.

— ער איז דער פערוואלטער פון פאנסיאן?

— ניין מ־ר וויקפילד האלט א קאנטאר.

מעהר האב איך ניט געוואגט צו פרעגען. דעם גאנצען וועג האבען מיר גערעדט וועגען אנדערע זאכען ביז מיר זיינען געקוממען אין קענטערבערי. ס'איז געוועזען א מארק טאג אונ מיר האבען געדארפט פאהרען דורך'ן מארק. די באבע האט ארויסגעוויזען גרויס געשיקטקייט אין קוטשערשען קונסט, ווען דאס סארע פערדיל איז א דורך געפאהרען צווישען די וואגען, קארב אונ קאסטלאך מיט גרינסען. ביי יעדען קעהר האבען זיך געהערט אללערליי אנמערקונגען פון די הערביישטייענדע אונ אייניגע פון זיי האבען געמאכט א זעלכע קאמפלימענטען, וואס האט בשום אופן ניט געקאנט חנפ'ענען אונז. נור די באבע איז זיך ווייטער געפאהרען מיט א וואהרע ריצארישע קאלטבליטיגקייט אונ איך בין געוועזען פערזיכערט, אז זי וואלט מיט אזא העלדעשאפט דורך געדרייהט זיך דורך גאנצע מחנות מיט חיל פון דעם שונא.

ענדליך זיינען מיר געבליבען שטיין נעבען א־נ־אלטמאדישע הויז, די פאסאדע פון וועלכען איז ארויסגעקוממען אויף א גרויסען וועג. לאנגע ווענעציאנישע לאדען מיט געשניצטע פיגורען פון אויבען האבען זיך נאך מער ארויס גערוקט אויף'ן וועג אונ האבען ווי בעטראכט די פערבייגייהענדע. דאס הויז איז געוועזען זייער ריין אונ זויבער, די צוויי שטיינערנע טרעפ פארן פאראדנען אריינגאנג האבען אזוי געשיינט, ריכטיג זיי זאללען זיין צוגעדעקט מיט קלאהרע לייוואנד. אללע ווינקעלאך, סקולפטור־ארבייט, אוסאקעס אונ שויבען האבען געבלאנקט ווי דער ווייסער שניי וועלכען מען קאן נור זעהן אויף די הויכע בערג.

ווען דאס פערד האט זיך אב געשטעלט ביים טהויער און מיינע אויגען האבען בעטראכט דאס פאנטאסטישע הויז, האב איך בעמערקט א געזיכט ווי פון א ברמינן ביים קליינען פענסטער פון אונטערשטען גארען. דאס געזיכט האט זיך בעוויזען און באלד פערשוואונדען. באלד האט זיך די פאראדנע טהיר געאפענט און דאס זעלבע געזיכט האט זיך אבערמאלס בעוויזען. דא האב איך ווייטער געזעהן, אז דאס געזיכט איז ווי פון א וואהרען בר־מינן, חאטשע אין איינינע ארטער האט זיך געזעהן עפעס א רויטליכע פארבענשפיעל, ווי דאס רוב קאן מען אנמערקען ביי געלע מענשען. דאס געזיכט האט טאקע געהערט צו א געלען בחור פון א יאר פונפצעהן, ווי איך האב זיך דערנאך דערוואוסט, זאנאר אויסגעזעהן האט ער פיעל אלטער. ער האט ניט געהאט קיין ברעמען ניט קיין אונטערסטע און ניט קיין אויבערשטע און זיינע רויט־ברוינע אויגען האבען ניט געהאט דעם נאטירליכען שאטען און בעשיצונג. דאס האט מיך איבערראשט אויף דער העכסטער שטופע און איך האב ניט פערשטאנען, ווי קאן אזא מענש שלאפען. ער איז געווען געקליידט גאנץ פיין אין א שווארצען אנצוג. דער ראק מיט די לאנגע פאלעס איז געווען פער־שפיליעט אויף אללע קנאפ ביז׳ן האלז. זיין לאנגע, דארע בוינינע האנד האט זיך מיר מער פאר אלס געווארפען אין די אויגען, ווען ער, קוקענדיג אויף אונז, האט זיך אוועק געשטעלט נעבען פערד און גענוממען ג׳אטען איהם די מארדע.

— גוט מארגען, אוריה גיפפ! האט די באבע געזאגט. מ־ר וויקפילד איז צו הויזע?

— מ־ר וויקפילד איז צו־הויזע, מיסס, ער געפינט זיך דארט, האט אוריה גיפפ געאנטפערט און אנגעוויזען מיט זיין לאנגע האנד אויף א צימער.

מיר זיינען ארויס פון וואגען און, איבערלאזענדיג דאס פערד דעם געלען בחור צו די האנד, זיינען אריין אין א לאנגען און נידריגען גאסט־צימער מיט דער פאסאדע צו דער גאס. ארויסקוקענדיג פון פענסטער האב איך געזעהן, ווי אוריה גיפפ בלאזט דעם פערד אין די נאזלאכער און פערשטאפט זיי מיט דער האנד, כדי מסתמא די פארע זאלל ניט ארויס צוריק. פאר׳ן אלטען הויכען קאמין זיינען געהאנגען צוויי בילדער: אויף איינעם איז געווען אויסגעמאהלט א דשענטלמען מיט שיווע האר, זאנאר ער איז נאך געווען יונג, מיט שווארצע ברעמען, וואס זיינען געווען געווענדט עפעס אויף א פאקעל פאפירען איבערגעבונדען מיט ארויטען שניירעל; אויף׳ן צווייטען איז געווען א לעדי מיט א מילדע און צויבערשע פהיזיאנאמיע און מיר האט געדוכט, אז זי קוקט אויף מיך.

איך האב מיט די אויגען געזוכט אוריה׳ס פארטרעט, ערשט די טהיר האט זיך געאפענט און אין צימער איז אריין א דשענטלמען. ביי מיין ערשטען בליק אויף איהם האב איך ניט ווילענדיג אב געקעהרט דעם קאפ צום פארטרעט, כדי זיך איבערצייגען, אויב ער איז ניט ארויסגעשפרונגען פון ראם; נור דער פארטרעט

איז געווען אויף א-נ-ארט; אונ ווען דער דזשענטלמען איז צוגעגאנגען נאהענטער, האב איך דערזעהן, אז ער איז מיט עטליכע יאר עלטער פארן פארטרעט.

— מיסס בעטסי טראטוואוד, האט געזאגט דער דזשענטלמען, — איך בין אין דער הייליגע געווען פערנומען, נור איהר דארפט מיר פערציהען, וואס איך בין געווען פערנומען; איהר ווייסט שוין מיינע תירוצים. איך האב, ווי אייך איז בעוואוסט, איין תשוקה אין לעבען.

מיסס בעטסי האט איהם בעדאנקט אונ מיר זיינען אריין אין קאבינעט אדער, ריכטיגער געזאגט אין קאנטאר, וואס איז געווען פערוואָרפען מיט ביכער, בלעכענע קאסטלאך אונ ז. וו. דער צימער איז ארויס אין א גארטען אונ איך האב אין וואנד בעמערקט איין אייזערנען שראנק. דער דזשענטלמען, ווי איך האב זיך גלייך דער־וואוסט, איז געווען מ—ר וויקפילד, א-נ-אדוואקאט, א געניטער אין זיין געשאפט אונ דאביי איז ער געווען א פערוואלטער (סוכן) פון א גוט ביי א לארד.

— נו, מיסס טראטוואוד, וואס פאר א ווינט האט אייך געבראכט אין אונזער קאנט? איך פאר האף, אז ניט קיין בייזער, האט געזאגט מ—ר וויקפילד.

— ניין. איך בין ניט געקוממען משפטען זיך.

— אונ זייער גוט. ס'איז שוין לאנג צייט געווען אוועק ווארפען די אללע יוריסטישע עסקים.

די האר זיינען ביי איהם געווען אין גאנצען וויים אונ די ברעמען זיינען געבליבען שווארץ ווי פריהער. דאס געזיכט האט געהאט זייער א מילדען אויסדרוק אונ ביי מיר האט עס אויסגעזעהן זייער שאן. זיינע פוללע באקען זיינען געווען בעפארבט מיט דעם פראכטפאללען קאליר, וועלכער קומט, וועדליג איך האב שוין געוואוסט פון מיין צוקוקען זיך צו מ—ר פעגאטטי, פון טרינקען אונ מיט דעם טאקע האב איך ערקלעהרט, פאר וואס איז זיין שטיממע אזוי הילכענד אונ שטארק. מ—ר וויקפילד איז געווען אנגעצויגען זייער ריין אין א בלויען פראק, א בונטען (ראבען) שוילעט אונ נאנקענע הייזען. זיינע פיינע מאנשעטען אונ האלזטוך זיינען געווען אזוי ווייך אונ וויים, אז מיין קינדערשע פאנטאזיע האט אין זיי געפונען א-נ-אהנליכקייט מיט די פוך פון א שוואן (לעבעד).

— דאס אינגעל איז מיינער איין אייניקעל, האט די באבע געזאגט.

— אונ איך האב גאר ניט געוואוסט, אז איהר האט איין אייניקעל.

— מיין פלימעניקס א אינגעל, האט די באבע איהם ערקלעהרט.

— איך האב ניט געוואוסט, אז איהר האט א פלימעניק.

נור צו ער האט יע געוואוסט צו ניט געוואוסט, איז פאר דער באבען געווען אלם איינס אונ זי האט פארטגעזעצט:

— פון א קורצע צייט האב איך איהם צוגענוממען צו זיך אונ האב איהם געבראכט אהער אבגעבען אין א פאנסיאן, וואו מען זאלל לערנען גוט אונ

בעגיין זיך מיט די קינדער מענשליך. זאגט, וואו געפינט זיך אזא פאנסיאן, ווער איז דער פערוואלטער און וואס איז דארט פאר איין ארדנונג.

— איידער איך וועל זיך בעשליעססען געבען אייך א-נ-אנטפער ווי געהעריג איז, האט געאנטפערט מ—ר וויקפילד, — רעכען איך פאר נויטהיג, מיסס בעטסי, ווענדען זיך צו אייך מיט מיין אלטע פראגע. וואס וועקט אייך אדער, ריידענדיג ווי א יוריסט, וואס פאר א מאטיוו צווינגט אייך טהון די זאך?

— וואס פאר א מערקווירדיגער מענש איר זייט! האט אויסגעשריען די באבע. אייביג ווארפט איר אייער ווענדקע האפען מאטיווען, ווען זיי זיינען געבען אייער נאז, אויבען אויף'ן וואססער. ס'איז זעלבסט פערשטאנדליך, דאס איינגעל דארף זיין גליקליך און די פפליכט פון שוהלע מאכען פון איהם א נויטהיגען גליעד פאר דער מענשהייט.

— בכן וועקען אייך דערצו צוויי זאכען, האט געזאגט מ—ר וויקפילד, טרייסלענד מיט'ן קאפ און ווארפענד א-נ-אונגלויבליכען שמייכעל אויף דער באבען. אזעלכע וועקקער האבען אין יוריסטישען זינן א צו מישטען האראקטער.

— א צומישטע נארעשקייט איז ביי אייך אויף דער צונג, סער! האט די באבע געאנטפערט.

— ווילט איר וויססען וואו איז דער בעסטער פאנסיאן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס טרייבט אייך דערצו.

די באבע האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

—אין בעסטען פאנסיאן קאן אייער איינקעל ביי איצטיגער צייט ניט אנקוממען, האט מ—ר וויקפילד געאנטפערט נאך א קורצען נאכדיינקען.

— פאר וואס?

— אללע בעטלאך און ארטער ביים טיש זיינען דארט פערנוממען.

—טא וואס איז דא פאר א בייז? וועט ער וואהנען און עססען אין א צווייטען ארט און אהין וועט ער נאר גיין לערנען.

מ—ר וויקפילד האט מודה געווען אז דאס איז מעגליך. ער האט פארגעלייגט דער באבען, זי זאלל אליין גיין אין פאנסיאן און בעטראכטען דארט דעם ארדנונג.

— און דערנאך וועללען מיר אריין גיין אין עטליכע הייזער אויסזוכען א דירה פאר אייער איינקעל, האט געזאגט מ—ר וויקפילד.

די באבע האט איינגעשטיממט און מיר האבען זיך זאלבע-דריט גענוממען קלייבען צום גיין, נור ביים שוועל האט זיך מ—ר וויקפילד אבגעשטעלט און געזאגט:

— פאר אייער קליינען פריינד, קאן זיין וואלט געווען בעסער פערבלייבען דא און ווארטען אויף אונז.

די באבע איז דערפון געוועען ניט צופריעדען, נור איך האב געאנטפערט, אז איך וועלל מיט פערגעניגען דא פערבלייבען, אויב זיי געפאללט אזוי. זיי זיינען אוועק

אלליין. איך האב זיך אומגעקעהרט צוריק אין קאנטאר אונ זיך געזעצט אויף'ן שטוהל, וואו איך בין פריהר געזעססען.

איך בין אויסגעקוממען מיט'ן פנים אנטקעגען אוריה גיפפ'ן. וועלכער האט אויסגעפייעט אב פיהרען אונזער פערד אין א דאבייהיגען שענק אונ איז איצט געזעססען אין א צווייטען צימער, פון וואנען איך האב דאס ערשטע מאל דערזעהן זיין געזיכט פון קיילעכדיגען פענסטער, ביי דער קאנטארקע אונ געשריבען. זיין געזיכט איז געוועזען געווענדעט צו מיר, נור אנפאנגס האב איך גערעכענט, אז ער זעהט מיך ניט, ווייל דאס פאפיר, וואס ער שרייבט, פערשטעלט מיך פון איהם, ווען אבער איך האב זיך בעסער צו געקוקט צו איהם, האב איך בעמערקט, אז זיינע פערשלאפענע אויגען האבען אפט ארויס געקוקט פון אונטער'ן פאפיר אונ ער האט אויף מיך געקוקט אזוי דורך דרינגענד, אז מיר איז געווארען אונבעקוועם. דאך האט די פעדער זיינע ניט אויפגעהערט צו סקריפען, פונקט ער זאלל איהר גאר ניט אב נעמען פון פאפיר. אומזיסט האב איך זיך געמאטערט אב ווענדען מיין בליק פון איהם אונ קוקען אין א צווייטער זייט: אוריה'ס אויגען האבען מיך צו געצויגען ווי צוויי רויטע זוננען אונ ניט ווילליגענדיג האב איך זיי בעטראכט, ווי זיי פלעגען אויף גיין אונ פערגיין.

ענדליך צו מיין גרויס שמחה איז די באבע אונ מ—ר וויקפילד געקוממען צוריק. דער פאנסיאן איז דער באבען זייער געפאללען געווארען, אבער קיין דירה האט זי ניט געקאנט אב זוכען.

— ווי פערדראסיג דאס איז! האט די באבע געזאגט. איך ווייס ניט, וואס זאלל איך טהון מיט דיר, טראט.

— וואס איז צו ריידען, ס'איז זייער פערדראסיג! האט מ—ר וויקפילד אונטער־געהאלפען. נור איר ווייסט וואס?

— וואס? האט די באבע געפרעגט אונגעדולדיג.

— לאזט איבער אייער אייניקעל דערווייל ביי מיר. ער איז, דוכט, א שטיללער איינגעל, אונ איך האף, אז ער וועט מיר ניט שטערען. דאס הויז איז ווי מיט א כיון געמאכט געווארען צום לערנען. אלס איז דא רוהיג, שטילל, אונ איינערוויינינ פעהלט קיין זאך ניט. לאזט איהם איבער ביי מיר.

— נו, וואס, מיסס טראטוואוד? האט פארטגעזעצט וויקפילד. — דאס איז כמעט דאס איינציגע מיטטעל, וואס אייך האט זיך אבגעשטעללט. ס'איז זעלבסט פערשטאנדליך, אז דאס מאכען מיר נור אויף דערווייל. אויב מיר וועללען באלד געוואר ווערען, אז פאר אונז איז ניט זייער בעקוועם זיין צו זאממען, וועלען מיר איהם דאמאלס איינארדענען, ווי מיר פערשטייען: דערווייל וועלען מיר ניט היילענדיג זוכען פאר איהם א בעסערען וואהנונג. נאך מיין מיינונג, איז פאר איהם בעסער פערבלייבען דאס מאל ביי מיר. איצט טהוט ווי איר פערשטייט.

— איך בין אייך זייער דאנקבאר, מ—ר וויקפילד; מיין איינינקעל, ווי איר זעהט, איז אויך צופריעדען; נור...

— וואס נור? איך זעה, וואס ביי אייך איז אויף'ן געדאנק, מיסס בעטסי. גענוג אייך וועגען דעם צו טראכטען. איך צווינג אייך ניט אננעמען פון מיר טובות: איר קאנט צאהלען, אויב איר ווילט. וועגען די אופנים, רעכען איך, וועט אונז ניט זיין שווער איינשטימען: צאהלט, אויב אייך געפאללט.

— נו, אויב אזוי בין איך זייער צופריעדען, האטשע איר טהוט מיר די גרעסטע טובה, אויף וואס איך האב זיך גאר ניט געריכט.

— אויב אזוי דארף איך אייך איצט בעקאנט מאכען מיט מיין קליינע בעל הבית'טע. קומט.

מיר זיינען געגאנגען איבער אלטמאדישע טרעפ מיט זייער ברייטע פארענצען, אויף וועלכע מען האט געקאנט אזוי פריי גיין, ווי אויף די טרעפ. די טהיר האט זיך געעפינט, און מיר זיינען אריין אין א האלב פינסטערען גאסט—צימער, וועלכער איז געווען בעלויכטען מיט א דריי פיער פאנטאסטישע שמאלע פענסטער. אללע שטוהלען, טישען ווי אויך די באלקען אויף'ן סופיט זיינען געווען געמאכט פון זעלבען דעמב, ווי די פאדלאגע. אין צימער, וואס איז געווען צוגעקליבען מיט א געשמאק, איז אויך געשטאנען א פארטעפיאן און עטליכע בוקעטען מיט פרישע בלומען. ס'איז לייכט געווען צו בעמערקען, אז ריינקייט און זויבערקייט ציינגען אויס דעם פאנטאסטישען וואהנונג.

מ—ר וויקפילד האט אנגעקלאפט אין א טהיר, וואס איז געווען אין ווינקעל צימער, און צו אונז איז געשווינד ארויס געלאפען א מיידעלע, כמעט אין איינע יארען מיט מיר. זי האט זיך אווארף געטאן מ—ר וויקפילד'ן אויף'ן האלז און האט איהם א קוש געטאן. ביי מיין ערשטען בליק, האב איך בעמערקט אין דער הימעל—ווייזען דעם מילדען און צארטען אויסדריק פון יענער זעלבע לעדי, וואס האט אויף מיך געקוקט פון ראם, אין וועלכען איז געהאנגען איהר פאטרעט. מיר האט אויסגעוויזען, אז דער פארטרעט האט אלליין אנגענוממען די פארמע פון איין ערוואכסענע פרוי און דער אריגינאלל איז פערבליבען א קליין מיידעלע. ביי איהר אין די אויגען האט געפינקעלט איין אויסדריק פון גליק און צופריעדענהייט, זאגאר אין דער זעלבע צייט איז איהר גאנצע פיגור געווען דורכגעדרונגען מיט עפעס אזא שטיללע, אונגעשטערטע, ערנסטע רוהיגקייט, וועלכע איך וועלל ניט פערגעססען קיין מאל.

— אט איז מיין קליינינקע בעל הבית'טע, האט געזאגט מ—ר וויקפילד, — מיין טאכטער, אגנעסא.

און דערהערענדיג די ווערטער, האב איך אין איין אויגענבליק פערשטאנען, וואס איז די איין זארג און תשוקה אין מ—ר וויקפילד'ס לעבען.

די קליינינקע בעל הבית'טע איז געווען ווי צוגעפאסט צו דעם פאנטאסטישען

הויז און מען האט ניט געקאנט קוקען אהן א ריהרענדען מיטלייד אויף'ן בינטעל שליסעלאך, וואס האט געשטעקט ביי איהר אונטערן קארסאשז. זי האט אויסגעהערט דעם פאטער מיט א צויבערישען שמייכעל, ווען ער האט מיך פאר איהר פארגעשטעלט, אלס איהר שכן. נאך דער רעקאמענדאציע זיינען מיר ארויף אין דער הויך בעקוקען מיין וואהנונג. די בעל הבית'טע איז געגאנגען פריהער ווייזען אונז דעם וועג. דער צימער איז אונז געפאללען געווארען.

איך געדיינק ניט ווען, האב איך נאך זייענדיג א קינד, געזעהן א מאזאאישע קארטינע. איך געדיינק אפילו ניט גוט, וואס איז געוועזען דער אינהאלט פון דער קארטינע. נור ווען די קליינע בעל הבית'טע האט זיך אויף די טרעפ צו אונז אב געקעהרט מיט א נ–ערנסטע מינע פון א געזעצטען מענשען, האב איך זיך ניט ווילענדיג דערמאנט אן יענע קארטינע און פון דער צייט פלעגט מיר די קארטינע שטענדיג דערמאנען אנגעסען.

מיר זיינען אראב אונטען אין גאסט–צימער זייער צופריעדען. מ–ר וויקפילד האט געבעטען דער באבען פערבלייבען אויף מיטטאג, נור זי האט זיך ענטזאגט, ווייל נאך איהרע רייד מוז זי קומען נאך פאר ליכטיג א היים. איבערשפארען איהר איז געוועזען אונמעגליך און דעריבער האט די קליינע בעל הבית'טע געזעהן פער-פערטיגען א גיכען פריהשטאג. ווען דער פריהשטאג האט זיך געענדיגט, איז אגנעסע אוועק צו איהר גוּבערנאנטין; מ–ר וויקפילד–צו זיך אין קאנטאר. בלייבענדיג אלליין האבען מיר זיך געקאנט זעגענען, ווי מיר האבען געוואלט.

די באבע האט מיר געזאגט, אז מ–ר וויקפילד האט אלס פעראָרדענט, ווי מען דארף גאר בעסער ניט און מיר וועט דא קיין זאך ניט פעהלען. דערנאך האט זי זיך צו מיר געווענדעט.

– טראט, קינד מיינס, זאלל דיר גאט געבען גליק! סטארע זיך, אז דיינע האפנונגען, מיינע און מ–ר דיקק'ס זאללען ניט גיין פערלארען.

זייענדיג זייער צושרויפט פון איהרע ווארטער, האב איך דער באבען בעדאנקט און געבעטען אבגעבען א גערוס מ–ר דיקק'ן. די באבע האט פארטגעזעצט:

– דו זאללסט קיין מאל ניט זיין נידערטרעכטיג, קיין מאל צבועטשע ניט און זיי ניט הארט. אויב דו וועסט אויסמיידען, קינד מיינס, די דריי חטאים הייסט עס, אז מיינע האפנונגען זיינען מקוים געווארען.

איך האב צוגעזאגט פאלגען פינקטליך איהר ראטה.

– דאס פערד ווארט אויף מיך ביים טהויער, האט די באבע געזאגט. – איך פאהר. פערבלייב דא.

ביי די ווארטער האט זי מיך ארום גענוממען און געשווינד ארויס פון צימער. אנפאנגס בין איך איבערראשט געווארען פון איהר פלוצליכען אב פאהרען און איך האב זיך זאגאר דערשראקען, צו איך האב איהר ניט בעליידיגט מיט עפעס; נור

ארויסקוקענדיג פון פענסטער אויף דער גאס, האב איך אפענבאר ארויסגעזעהן דעם קיממער, וואס האט זיך אבגעטונקט ביי איהר אויף'ן געזיכט, ווען זי האט זיך אריין געזעצט אין קאבריאלעט. איך האב בעסער פערשטאנען מיין באבען.

פינף א זייגער, ווען מען האט געקלונגען צו מיטטאג, האב איך אין ארדנונג געבראכט מיינע געדאנקען און בין פרייהליך אראב אונטען, זייענדיג פערטיג ארבייטען מיט'ן גאפעל-מעסער. געגרייט צום טיש איז געווען פאר צוויי פערזאן — פאר מיר און מ—ר וויקפילד; נור אגנעסע איז שוין געווען אין צימער מיט'ן פאטער און האט זיך געזעצט אנטקעגען איהם. איך האב פערשטאנען, אז מ—ר וויקפילד קאן ניט עססען אהן דער טאכטער.

נאך מיטטאג זיינען מיר ארויף אין דער הויך אין דעם זעלבען גאסט-צימער, וואו מיר זיינען פריהר געווען. אויף איין טישעל, וואס איז געשטאנען אין ווינקעל, האט אגנעסע אוועק געשטעלט א גלאזעל מיט א קאראפין פארטוויין פארן פאטער. איך האב פערשטאנען אז דער וויין וואלט ניט געהאט דעם זעלבען טעם, ווען איהם וואלט אוועק געשטעלט ניט די טאכטער.

און ער איז געזעססען און געזופט ביסלעכווייס, און געטרונקען, ער האט פיעל געטרונקען, אגנעסע איז געזעססען ביים פארטעפיאן, האט געשפיעלט, געזונ-גען, געארבייט, געשמועסט מיט'ן פאטער און מיט מיר. מ—ר וויקפילד איז געווען פרייהליך און בערעדט; נור צייטענווייס האבען זיינע אויגען, אבשטעללענדיג זיך אויף דער טאכטער, אויסגעדריקט עפעס א טרויריגען נאכדיינקען און ער האט געשוויגען. אגנעסע פלעגט עס גלייך בעמערקען און בעמיהען זיך מאכען איהם פרייהליכער עפעס מיט א פראגע אדער א קינדישע לאסקע. מ—ר וויקפילד פלעגט גלייך אויפהערען צוטראכטען און אנגיסען א נייע גלאזעל פארטוויין.

אגנעסע האט אנגעגאסען טהיי און האט אבענדצייט געבעל הבתישט ביים טיש. די צייט איז אזוי אוועק, ביז מיר האבען זיך אויסגעקליבען שלאפען. מ—ר וויקפילד האט איהר ארום גענוממען, געקושט און ווען זי איז ארויס, האט ער געהייסען אנציגדען ליכט אין קאנטאר. דאמאלס בין איך אוועק שלאפען.

נור אין דעם פערלויף פון דעם אבענד בין איך אייניגע מאל ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, כדי נאך אמאל א קוק טהון אויף די אלטע געביידעס, פערביי וועלכע מיר זיינען ביי טאג געפאהרען. אויך האב איך געוואלט בעטראכטען גוט דאס הויז, וואו דער שיקזאל האט מיך איצט געבראכט. אומקעהרענדיג זיך צוריק, האב איך אנגעגעגנט אוריה גיפפ, וועלכער האט פערמאכט די לאדען פון קאנטאר. זייענדיג דורכגעדרונגען מיט פריינדליכע געפיהלען צו די אללע פערזאנען פון דעם הויז, בין איך צו איהם אונטערגעגאנגען, בעגריסט און ביים שיידען זיך דערלאנגט די האנד. נור וואס פאר א זעלטזאמען קברות'דיגען דריק האב איך דערפיהלט אין זיינע פינגער! אוריה גיפפ האט מיר איצט, נאך מער, ווי פריהר, געדוכט פאר

א וואנדערער פון עולם התהו. איך האב א ריב געטאן מיין האנד, כדי אב רייבען די סמנים פון זיין בעריהרען.

זיין בילד האט פאר מיר געשוועבט זאגאר ביי נאכט, ווען איך בין געוועזן ביי זיך אין שלאף-צימער. אפען־עגדיג דאס פענסטער האפען פרישע לופט, האב איך א קוק געטאן אויף די דאכער פון די ארומיגע געביידעס און אין דער מינוט איז מיר פארגעקומען, אז אוריה גיפפ, מיט'ן סערפ פון טוידט אין די האנד, שפרינגט פון איין קוימען אויף'ן צווייטען. איך האב געשווינד פערהאקט דאס פענסטער און געלייגט זיך שלאפען.

III.

איך בין ווייטער אין פיעל הינזיכטען א נייער אינגעל.

אויף מארגען פריה בין איך ווייטער אריין געטראטען אין שוהל — לעבען, וואו מיך האט אריין געפיהרט מ—ר וויקפילד. די שוהלע האט זיך געפונען אויף א ברייטען הויף און זי האט געהאט א געלערטען און געזעצטען אויסזעהן, וואס אפילו ווערליג ס'האט געשיינט, האבען פערשטאנגען די פייגלאך, וועלכע האבען מיט גדלות שפאצירט אויף'ן גריגען גראז נעבען הויז. מ—ר וויקפילד האט מיך פארגעשטעלט פארן דירעקטאר פון אינסטיטוט, דאקטאר סטראנג.

דער דאקטאר סטראנג ווי מיר האט אויסגעוויזען איז געוועזן אזוי פיעל בעדעקט מיט ראסט, פיעל — די אייזערנע פארענצען און דער טהויער פון דרויסען — זייט הויז. ער איז געוועזן דיק, עלאסטיש און שווער און געזעססען ביי זיך אין ביבליאטהעק טאקע גאר ווי א געלערטער מאן, נור מען קאן ניט זאגען אז זיינע קליידער זיינען געוועזן ריין, ווי מען בעדארף און אז די האר זיינען געוועזן פערקאמט מיט גרויס געשיקטקייט. זיינע שווארצע שטיבלעטען זיינען געוועזן אבגעשפיליעט און מען האט געקאנט מיינען, אז זיינע שיך, וואס זיינען געשטאנען אויף'ן קאווער, גענעצען שרעקליך פון מיעדקייט און לאנגווייליגקייט. זיינע פארבלאזע (בעזצוועטנע) אויגען האבען מיר ערינערט א בלינדע קליאטשע, וואס האט א מאל געבראדשעט פערביי דעם פלאנקען נעבען קירכהאף אין בלאנדערסטאן. דאקטאר סטראנג האט זיך געווענדעט צו מיר און געזאגט, אז איהם איז אנגענאהם מיך צו זעהן. דערנאך האט ער מיר דערלאנגט זיין מאססיווע האנד, מיט וועלכע איך האב ניט געוואוסט, וואס צו טהון.

ניט ווייט פון דאקטאר איז געזעססען מיט א—נ—ארבייט א יונגע און שאנע לעדי, דעם דאקטארס א טאכטער, ווערליג מיר האט אנפאנגס געדוכט, ווייל מ—ר סטראנג האט איהר גערופען אנני. אין א מינוט ארום נאך אונזער אריין קוממען אין קאבינעט, האט זי זיך געשווינד א הייב געטאן פון איהר ארט און, שטייענדיג פרייהליך אויף די קניע, האט זי גענוממען אנטהון דעם דאקטאר די שיך. האבענדיג

גענענדיגט די ארבייט, האט זי אונז בענריסט אונ מיר זיינען אללע אריין אין זאל פון קלאסס. איך בין געווען איבערראשט, ווען מ—ר וויקפילד האט איהר גערופען מ—ס סטראנג, אונ איך האב ניט פערשטאנען, צו איז זי דעם דאקטארס א שנור צו א פרוי. נור דער דירעקטאר פון אינסטיטוט האט ניט וויללענדיג רעכט געמאכט מיינע ספקות.

— מ—ר וויקפילד, האט ער געזאגט אבשטעללענדיג זיך אין קארידאר אונ א נידער לייגענדיגו אויף מיין אכסעל זיינע האנד, איר האט נאך ניט אב געזוכט א שטעלל פאר מיין פרוי'ס קוזין?

—ניין, האט מ—ר וויקפילד געאנטפערט.—ניין, איך האב נאך ניט אב געזוכט.

— ס'טהוט מיר זייער לייד. וואס גיכער איך וואלט פטור געווארען פון דעם קלאפאט, וואלט אלס בעסער געווען. דזשאן מילדאן געפינט זיך אין א שלעכטע לאגע אונ שלעפט זיך ארום גאר אהן א בעשאפטיגונג; אונ איר ווייסט דאך, אז די צוויי שלעכטע זאכען ברייננען צו א סוף נאך איין ערגערען. ניט אומזיסט האט געזאגט דאקטאר אואטס, אז ליידיג—גיין אונ פוילקייט איז דער ווארצעל פון אללע זינד, האט דער דאקטאר געזאגט אונ אבגעשטעלט אויף מיך זיינע טוידטע אויגען.

— דאקטאר אואטס האט געקאנט צו זיין שפריכווארט נאך צוגעבען, האט געאנטפערט מ—ר וויקפילד, — אז אפט קוממט ארויס די גרעסטע שלעכטס וואס איינינע טהוען אונ ארבייטען צופיעל. בלאטעלט דורך די היסטאריע פאר די לעצטע צוויי הונדערט יאר, וועט איר זעהן, אויב איך בין גערעכט אדער ניין. פיעל צרות האט די מענשהייט געליטען פון די לייט, וואס האבען, ניט קוקענדיג אויף קיין זאך, געוואלט ניט אנדערש ווי רייך ווערען.

— זאלל זיין אזוי; נור איך האף, אז דזשאן מילדאן וועט קיין מאל ניט קיין געלטגייציגער זיין, האט געאנטפערט דאקטאר סטראנג, רייבענדיג פערטראכט זיין קינבאק.

— ס'קאן זיין, האט געאנטפערט מ—ר וויקפילד. — נור נאמיר זיך אומקעהרען צוריק צו אונזער זאך. ניין, דאקטאר, איך האב נאך ניט אב געזוכט א שטעלל פאר אייער ווייבס קרוב. מיר דוכט, אז איך פערשטיי זייער גוט, וואס וועקט אייך בעזארגען אייער ווייב'ס קרוב, האט מ—ר וויקפילד געאנטפערט נאך דעם, ווי ער האט א קורצע צייט געקווינקעלט.

— מיך וועקט גאר א פשוט'ע זאך, האט דער דאקטאר געאנטפערט, — איך וויל פערזארגען מיין ווייב'ס קוזין מיט א גוטע שטעלל.

— נו, יע, איך ווייס — אויסזוכען פאר איהם א שטעלל דא אדער ערגע'ץ ווייט, ווי אין אויסלאנד, למשל, האט געזאגט מ—ר וויקפילד אונ בעטאנט די לעצטע ווארטער.

— וואס איז דא פאראן צו קלעהרען? איך האב געזאגט קלאהר: דא אדער אין אויסלאנד.

— און פאר אייך איז דאס אלס איינס?

— אלס איינס.

— זיכער?

— זיכערער קאן גאר ניט געבען.

— און איר האט קיין אורזאכע צו פערלאנגען בעסער, ער זאלל פאהרען ערגעץ אין א ווייטען קאנט, איידער פערבלייבען דא?

— קיינע אורזאכען.

— איך מוז אייך גלויבען, נור איך בין זיך מודה, אז אנפאנגס האט מיר געדוכט, אז איר האט אין זינן א-נ-אנדער ציעל.

דאקטאר סטראנג האט אויף איהם א ווארף געטאן א דורכדרינגענדען און־רוהיגען בליק, נור אין איין אויגענבליק האט זיך ביים דאקטאר אויף'ן געזיכט בעוויזען א צויבערישער שמייכעל, פון וועלכען מיין הארץ איז פולל געווארען מיט פריידליכע האפנונגען. איך בין געוועזען צופריעדען, וואס דאס מזל ערלויבט מיר ענדיגען מיין בילדונג אונטער דער השגחה פון א מענשען, וועלכער האט אוועק געווארפען די קלאסישע שטרענגקייט, און בעגייט זיך גוט, מילד. איבערהזרענדיג נאך איינע מאל, אז ער מיינט גאר אהן איבער־המצאות, איז דער דאקטאר סטראנג פריידליך געגאנגען פארווערטס, מיר זיינען געגאנגען נאך איהם. איך האב בעמערקט, אז מ—ר וויקפילד איז געוועזען ווי בעזארגט און האט איינע מאל א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

דער קלאסס־זאלל איז געוועזען א לאנגער און א ברייטער צימער. די פענסטער זיינען ארויס אין א גארטען. אין מיטען גארטען זיינען געוואקסען צוויי אלאענ־פלאנצען מיט ברייטע בלעטער, וועלכע, ווי מיר האט געדוכט, זיינען געוועזען געמאכט פון געפארבטע בלעך. פון דער צייט דיענט מיר אלאענפלאנץ פאר א סימבאל (משל) פון א שטיללען און פערמאכטען לעבען. א פאר דוזן אינגלאך, וואס זיינען געזעסען פאר זייערע ביכער, האבען זיך ביי אונזער אריינקומען אויפגעהויבען פון זייערע ערטער, בעגריסט דעם דירעקטאר און געבליבען שטייהן, דערזעהענדיג מ—ר וויקפילדן און מיך.

— אט האט איר א נייען חבר, יונגע דשענטלמענעס! האט געזאגט דער דאקטאר, — טראטווד קאפפערפילד.

איינער פון די שילער, דער אלטסטער, מיט'ן נאמען אדאמס איז צו געגאנגען צו מיר און בעגריסט מיך. אין זיין לאנגען ראק און ווייסען האלזטוך, איז ער געוועזען זייער אהנליך אויף א יונגען פאסטאר, נור זיין פריי־האלטען זיך האט ארויסגעוויזען, אז ער איז א וועלטליכער דשענטלמען. מאסטער אדאמס האט מיך פארגעשטעללט פאר די לערער און אנגעוויזען מיין ארט צום זיצען אין קלאסס מיט אזא העפליכקייט, אז ווען איך וואלט אנגעקוממען אין קלאסס ביי איין אנדער אופן, וואלט איך זיך אויך אין גאנצען בערוהיגט.

נור איך האב זיך שוין לאנג אבגעוואהנט פון געזעלשאפט מיט גוטערציגענע קינדער, לאנג האב איך שוין ניט געזעהן חברים, אויסער מיקק אואקער און די מעלענע בולבע, און מיר איז דאס ערשטע מאל געווען זייער שווער ביים אריינ-טרעטען אין מיין נייען לעבען. זייענדיג נאך גאר א קינד, האב איך דאך שוין אויספייעט אין מיין ביסעל יארען דורך גיין דורך פייער און וואסער און בין געווען א סך מער ערפארענער פון זיי אללעמען צו זאמען: מיר האט געדוכט, אז איך נארר זיי אללעמען אב, וואס איך טרעט אריין אין זייער קרייז ווי א ביילינג, פון דער צווייטער זייט האט מיין זיין ביי מארדסטאן און גרינבי אין געשאפט, מיך אבגעוואהנט פון אללע קינדישע שפילען און האב געקאנט קריגען ביי מיינע נייע חברים א שם פאר א-נ-עם הארץ אין די זאכען. אללע מיינע קענטניססע, וואס איך האב ערווארבען אין דער היים אונטער דער השגחה פון דער מוטער און ביי מ--ר קריקל אין פאנסיאן, זיינען מיר ארויס פון קאפ, נאך ווען איך האב געפיהרט מיין בלאטיגען לעבען און איצט, אז מען האט מיך עקזאמענירט פאר אללע מיינע נייע חברים אין די אויגען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז איך וויים לחלוטין גאר ניט. מיך האט מען אוועקגעזעצט אויף'ן לעצטין ביינקעל אין קלאסס. נור דאס איז נאך א קנאפע בייז. ערגער פאר דעם איז געווען דאס, וואס אללע ערפארונגען און בעאבאכטונגען וועלכע איך האב צונויפגעקליבען אויף'ן וועג פון מיין שמוציגען לעבען, האבען מיך א סך מער ערווייטערט פון מיינע נייע חברים, אלס מיין אונוויסענהייט. איך האב זיך געפרעגט: וואס וואלטען זיי געטראכט וועגען נייען איינגעל, ווען זיי זאללען וויסען, אז ער איז קלאהר אין אללע מנהגים פון טורמע פאר בעל-חובות און האט דארטען בעקאנטשאפט מיט פיעל מאנסלייט און פרויען? האט זיך אין מיר ניט אב געשטעלט עפעס אזוינס, וואס קענען מיין ווילען קאן ארויס געבען מיין בעקאנטשאפט מיט מיקאבער — די אללע משכנות, קניהם און וועטשערעס אין די גארקיכען? ווער וויים? מ'קאן זיין, אז ווער פון די אינגלאך האט מיט זיינע אויגען אליין געזעהן, ווי איך האב זיך ארומגעשלעפט א פערשמוצטער, א-נ-אבגעריסענער איבער די גאססען? וואס וועללען זאגען די אללע יונגע הערען, וועלכע האבען אוצרות געלט, ווען זיי וועללען זיך דערוויסען, ווי איך פלעג גיין איבער די קראמען קויפען א בולקע און א שטיקעל קוגעלע און געבראכען דעם קאפ ווי אין צושפארען א פאר פענס, וואס זיינען ביי מיר געווען פערוויקעלט אין א שמוציגען פאפיר? וואס וועללען זיי זאגען ווען זיי וועללען ענטדעקען, מיט וואס פאר א חברים איך האב זיך ארום געשלעפט איבער לאנדאנער גאססען? די אללע געדאנקען האבען איינער דעם אנדערן געשטופט ביי מיר אין קאפ דעם ערשטען טאג, ווען איך האב זיך געפונען אין פאנסיאן ביי דאקטאר סטראנג. איך האב מורא געהאט אויפהויבען די אויגען און ווען איינער איז צו מיר צוגעגאנגען, האב איך געפיהלט, ווי דאס גאנצע לייב שוידערט מיר פון שרעק. ווי נור די ארבייט אין קלאסס האט זיך געענדיגט, בין איך געשווינד

ארויס געלאפען פון זאל, כדי אויסמיידען א פראגע אדער א פריינדליכען שמועס מיט די נייע חברים, ווייל איך האב זיך געשראקען, טאמער בלייב איך אין בזיונות פון מיינעם א נארישען אנטפער.

מ—ר וויקפילד׳ס אלטע הויז האט אויף מיר זייער גוט געווירקט, ווען איך בין צו איהם צוגעגאנגען מיט די ביכער אונטערן ארים. אנקלאפענדיג אין טהיר, האב איך געפיהלט, אז איך ווער ביסלעכווייס רוהיגער. ווען איך האב זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפ צו זיך אין פאנטאסטישען צימער, האט מיר געדוכט, אז דער שאטען פון די פארענצען און די טרעפ לאזט זיך אראב אויף מיינע ספקות און פערשטעלט אין גאנצען אלע טרויריגע סצענעס פון מיין פערגאנגענען לעבען. איך האב זיך געזעצט ביים טיש און גענוממען חזרען די לעקציאנען און בין אזוי געוועזען פערטיעפט אין דער ארבייט ביז פינף א זייגער (אין קלאסס פלעגט זיך די ארבייט ענדיגען דריי א זייגער). ווי נור מען האט געקלונגען צו מיטאג, האב איך אוועק געלייגט דאס בוך און בין אראב אונטען מיט׳ן האפנונג, אז איך וועל נאך אפשר זיין ניט דער לעצטער שילער ביי דאקטאר סטראנג אין פאנסיאן.

אגנעסע איז געזעסען אין גאסט—צימער און האט אב געווארט דעם פאטער, ער האט נאך ניט געהאט געענדיגט זיין ארבייט אין קאנטאר. זי האט מיך בעגעגענט מיט א פריינדליכען שמייכעל און געפרעגט, אויב עס געפאללט מיר דער אינסטיטוט. איך האב געאנטפערט, אז יע, נור דאס ערשטע מאל איז מיר געוועזען זייער שווער אין א קרייז פון פרעמדע קינדער.

— און איהר, מיסס, האט קיין מאל ניט געלערנט אין א פאנסיאן? האב איך געפרעגט.

— א, ווי דען! איך לערען איצט אויך... אלע טאג.

— איך ווייס; נור איהר לערנט צו הויזע, ניט אין א פאנסיאן.

— אנדערש, קאן ניט זיין, האט אגנעסא געאנטפערט מיט א שמייכעל און צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ. דער פאטער וועט ניט איינווילליגען אב לאזען מיך פון זיך. זיין בעלת הבית׳טע, ווי איהר איז בעוואוסט, דארף זיך שטענדיג געפינען נעבען איהם.

— ער ליעבט איהך זייער, מיסס?

אגנעסע האט געאנטפערט: „יע" און איז צו געגאנגען צו דער טהיר זעהן, אויב דער פאטער גייט; זי פלעגט שטענדיג ארויס אויף די טרעפ בעגעגענען איהם. נור מ—ר וויקפילד איז נאך ניט ארויף, און אגנעסע האט זיך אומגעקעהרט צוריק.

— די מוטער איז געשטארבען גלייך, ווי איך בין געבוירען געווארען, האט אגנעסע געזאגט מיט א טרויריגען קול. — איך קאן איהר נור פון פארטרעט, וואס הייננגט אין דער נידער. איהר האט איהם, ווי איך האב געזעהן, נאכטען בעטראכט: האט איהר געטראפען, וועמעס בילד דאס איז?

— ווי זאלל מען ניט טרעפען ? איר זייט זייער אהנליך אויף אייער מוטער.

— דער פאטער זאגט אויך דאס זעלבע, האט אנגעסע געאנטפערט מיט פערגניגען. — טסס! ער גייט!

ביי די ווארטער איז זי איהם ארויסגעלאפען אנטקעגען און אין א מינוט ארום האט זי זיך אומגעקעהרט צוריק. מ—ר וויקפילד האט מיך בעגריסט זייער פריינדליך און געזאגט, אז איך וועלל זיין גאר אהן א ספק גליקליך אונטער דער אנווייזונג פון דאקטאר סטראנג, וועלכער איז דער ארדענטליכסטער מענש אין אללע הינזיכטען.

— איך ווייס ניט ריכטיג, נור ס'קאן זיין, אז ס'זיינען פאראן מענשען, וועלכע בענוצען צו שלעכטעס זיין צוטרויען, האט געזאגט מ—ר וויקפילד. — מיידט אוים, טראטוואוד, די געזעללשאפט פון אזעלכע מענשען און טהוט זיי ניט נאך. ס'איז אויף דער גאנצער וועלט ניטא נאך א וועזען, וואס זאלל האבען אזא צוטרויען צום צווייטען, ווי דאקטאר סטראנג. איך זאג ניט צו דאס איז א מעלה אדער א חסרון; נור אללענפאללס איז אייך דאס נויטהיג צו וויססען, ווי באלד איר דארפט זיך געבען איהם געפינען אזוי אפט.

מ—ר וויקפילד האט גערעדט מיט א בייזען טאן און ס'איז געוועזן לייכט ארויס צוזעהן, אז ער האט עפעס א פערבעהאלטענעם כעס. איך האב ניט אויספייעט צופראגען, וואס איז די אורזאכע דערפון: דער מיטטאג איז שוין געשטאנגען גרייט; מיר זיינען אריין אין עסס-צימער און געזעצט זיך אויף די ארטער.

נור קוים האבען מיר זיך געזעצט, האט זיך אין טהיר בעוויזען אוריה גיפפ'ס קאפ מיט די פערשלאפענע אויגען. ער האט געזאגט:

— מ—ר מאלדאן בעט ערלויבניש ריידען מיט אייך, סער.

— נאך וואס? מיר האבען דאך מיט איהם איצט אלס גע'פטר'ט, האט מ—ר וויקפילד געזאגט מיט א-נ-אפענעם כעס.

— יע, סער, האט אוריה געאנטפערט, נור מ—ר מאלדאן האט זיך אומגעקעהרט צוריק און בעט ערלויבניש זאגען עטליכע ווערטער.

אנהאלטענדיג זיך מיט זיין דארע האנד אן טהיר, האט אוריה געקוקט אויף מיך און געקוקט אויף אגנעסען, געקוקט אויף די געריכטען, אויף די טעללער, געקוקט אויף אלס און אויף יעדע זאך בעזונדער, נור אויסגעוויזען האט, אז ער קוקט אויף קיין זאך ניט און מען האט געקאנט מיינען, אז די גאנצע צייט האט ער זיינע רויטע אויגען ניט אראב גענוממען פון זיין בעל הבית.

— ביטטע אום פערצייהונג, סער, האט זיך דערהערט אימעצענס א שטיממע פון אונטער אוריה'ס פלייצע.

באלד איז אוריה'ס געלער קאפ פערשוואונדען און אין טהיר האט זיך בעוויזען די פיגור פון דעם, וואס האט גערעדט.

— איך האב אייך געשטערט.. ביטטע אום פערצייהונג, סער, האט דער

הערייַנקומענדער געזאגט. — איך האב זיך בעדיינקט און ביי מיר איז געבליבען, אז וואס גיכער, איז אלס בעסער, ווי באלד איר לאזט מיר ניט אויסקלייבען. איז אויסלאנד, זאלל זיין אויסלאנד; איך בין גרייט, מ—ר וויקפילד. נור ווען איך האב וועגען דעם גערעדט מיט דער קוזינע אננא האט זי מיר געזאגט, אז איהר וואלט געוועזען אנגענאהמער זעהן איהרע פריינד געבען זיך, איידער גאט ווייסט וואו, און דער אלטער דאקטאר...

— דאקטאר סטראנג, ווילט איר זאגען, האט איהם איבערגעשלאגען מ—ר וויקפילד.

— נו, דאקטאר סטראנג, אויב איר ווילט... נור איך ווייסט דאך, אז איך רוף איהם אללע מאל אלטער דאקטאר; איך רעכען, אז דאס איז אלס איינס.

— איך ווייס פון קיין זאך ניט, סער, האט געאנטפערט מ—ר וויקפילד.

— זייער גוט, זאלל זיין, ווי איר ווילט. אנפאנגס איז דער דאקטאר סטראנג געווען דעם זעלבען מיינונג, וואס די קוזינע מיינע, אנני; נור איצט לאזט זיך אויס, אז איך צו פערדאנקען, האט ער אומגעביטען זיין מיינונג. בכן איז איצט איבעריג וועגען דעם צורייידען: וואס גיכער איז אלס בעסער. צו ליעב דעם טאקע האב איך זיך אומגעקעהרט צוריק און ערלויבט מיר אייך צוזאגען, אז וואס גיכער איר וועט מיך פון דאנען אבשיקען, איז אלס בעסער. אויב מען מוז זיך ווארפען אין וואסער, דארף מען ניט זיצען ביים ברעג און טראכטען.

— פון אונזער זייט וועט קיין אבהאלט ניט זיין, אויף דעם קאנט איר זיך פערלאזען, מ—ר מאלדאן, האט געאנטפערט מ—ר וויקפילד.

— איך דאנק אייך זייער. איך האב לאנג געוואוסט, אז איר זייט א גוטער מענש.

— איך האב ניט פערדיענט קיין דאנק, מ—ר מאלדאן.

— דאס איז שוין ווי איר פערשטייט. איך ווייס נור דאס, אז פון מיין זייט איז ניט פיין קוקען, ווי מען זאגט, אין די ציינער דעם געשיינקטען פערד. ווען ניט דאס, וואלטען מיר אנדערש געקאנט איינארדענען אונזער געשעפט, ווי געהעריג איז, דאס הייסט ווי מיר ווילען. מיין קוזינע דארף נור איין ווארט זאגען דעם אלטען דאקטאר...

— דאס הייסט, אז מ—ס סטראנג וועט זאגען איין ווארט איהר מאן: אזוי מיינט איר, סער?

— ריכטיג אזוי, האט געאנטפערט מ—ר מאלדאן. מיין קוזינע דארף נור זאגען, אז זי וויל דאס און איר מאנט שוין זיין זיכער, אז ס'וועט שוין ווערען, ווי זי וויל.

— פאר וואס רעכענט איר אזוי? האט געפרעגט מ—ר וויקפילד און האט זיך צערשטרייט גענומען צום מיטטאג.

— פאר וואס? איר דארפט וויסען, סער, אז מיין קוזינע איז א שאנע און

יונגע פרויענצימער און דער אלטער דאקטאר... איך מיין דאקטאר סטראנג איז גאר ניט אהנליך אויף א שאנען אינגעל, האט געאנטפערט מיט א הויכען געלאכטער מ–ר דשאן מאלדאן. איך בעליידיג קיינעם ניט, מ–ר וויקפילד, און מאך דא ניט קיינע אנצוהערעניש. נור צווישען א זעלכע שדוכים מוז מען געבען א געוויסע בעלאהנונג דער זייט, וואס האט מער געאפפערט.

– ווי זאלל איך אייך פערשטיין? איר רעכענט, אז מען דארף געבען א געוויסע בעלאהנונג מ–ס סטראנג.

– אזוי מיין איך. מיין קוזינע דארף האבען געוויססע פריווילעגיעס, האט געאנטפערט דזשאן מאלדאן מיט א שמייכעל.

נור בעמערקענדיג, אז מ–ר וויקפילד האט זיך קאלטבלוטיג גענוממען צום מיטטאג, ניט אנטפערענדיג קיין ווארט, האט מ–ר מאלדאן געמאכט איין ערנסטע מינע און געזאגט:

– איצט ווייסט איר מיינע געדאנקען, סער, און מיר פערבלייבט נור בעטען אייך אום פערצייהונג. ס'איז זעלבסט פערשטאנדליך, אז איך וועלל טהון אלס, וואס איר וועט הייסען און איך האף, אז מיינע רייד וועללען ניט דערגיין צום דאקטאר סטראנג.

– פיללייכט וועט איר מיט אונז עססען? האט געפרעגט רוהיג מ–ר וויקפילד.

– ניין, איך דאנק אייך, האט געאנטפערט דזשאן מאלדאן. איך עסס היינט ביי דער קוזינע. זייט געזונד.

מ–ר וויקפילד האט איהם בעגלייט פערטראכט מיט די אויגען. דזשאן מאלדאן האט מיר געשיינט, איז א פוסטער מענש, זאנאר די ציינע פון זיין געזיכט זיינען זייער שאן. ער האט גערעדט גיך און ניט בעטראכט זיינע ווארטער, זיין קעהר און זיין ריהר האבען אויסגעדריקט עזות און אז ער איז ביי זיך פעררישען. דאס איז געווען דער ערשטער איינדרוק, וואס דער מענש האט אויף מיך געמאכט.

נאך מיטטאג זיינען מיר אללע ארויף אין דער הויך אין גאסט–צימער, און איצט אזוי ווי נאכטען האט זיך איבער געחזרט די זעלבע סצענע מיט אללע דעטאלייען. אגנעסע האט אויף'ן קיילעכדיגען טישעל אין דעם זעלבען ווינקעל אוועק געשטעללט א גראפין מיט גלעזלאך; מ–ר וויקפילד האט זיך גענוממען צום פארטוויין און געטרונקען זייער פיעל. אגנעסע האט געשפיעלט אויף'ן קלאוויר, איז געזעססען נעבען פאטער, זי האט געלאכט, געשטיפט, געארבייט, גערעדט און געשפיעלט מיט מיר עטליכע פארטיעס אין דאמינע. צו דער צייט האט זי פערפערטיגט טהיי און דערנאך, ווען איך האב אראב געטראגען מיינע ביכער, האט זי אין יעדעס בוך אריין געקוקט, און דא האב איך געזעהן, אז זי בעזיצט פיעל קענטניססע, זאנאר זי האט זיך געמאכט, אז קיין זאך ווייס זי ניט. לאנג האב איך מיט איהר געשמועסט וועגען לערנען און זי האט מיר געגעבען דעם בעסטען מיטטעל ווי אויסלערנען די לעקציאנען.

פיעל זוממערן אונ ווינטערן זיינען פאראיבער פון יענער צייט, פרייהליכע אונ אונמוטהיגע, נור זאגאר איצט, שרייבענדיג די ציילען, ווען איך דאס וואונדער-בארע מיידעלע אין איהר צויבערשע שאנהייט אונ איך הער איהר שאנע אונ צארטע שטיממע.

פון דער טאג הויבט זיך אן די גוטע ווירקונג, וואס אגנעסע האט געמאכט אויף מיינע געפיהלען אונ געדאנקען. איך האב ליעב די קליינע עממי; נור איך ליעב ניט אגנעסען... ניין! גאר אנדערע געפיהלען אונ געדאנקען האב איך צו דער לופט-וועזען. איך פיהל ביי זיך זאנפטמוטה, אינגערליכע רוהיגקייט, אמת אומעדום, וואו נור אגנעסע בעוויזט זיך.

אין דער בעשטיממטע שטונדע האט זי זיך געזעגענט מיט'ן פאטער אונ איז ארויס צו זיך אין שלאף-צימער, אונ איבערגעלאזט אונז אלליין. איך האב אויך געגעבען די האנד מ–ר וויקפילדען אונ געוואלט גיין צו זיך שלאפען. ער האט מיך אבגעהאלטען אונ געזאגט:

– נו, וואס, מאסטער טראטווד: ווי רעכענט איר? וועט איר פערבלייבען ביי אונז אדער איך דארף זוכען פאר אייך א-נ-אנדער וואהנונג?

– א, ניין, סער! האב איך געאנטפערט בעלעבט–ערלויבט מיר פערבלייבען ביי אייך.

– ריכטיג?

– יע, מ–ר וויקפילד, איך פערלאנג פערבלייבען ביי אייך, אויב איר וועט מיר ערלויבען.

– פון מיין זייט קאן קיין מניעה ניט זיין; נור איר זעהט דאך, אז ביי אונז איז דא זייער אונמוטהיג.

– א, איר קאנט זיין זיכער אז מיר וועט ניט זיין אומעדיגער ווי אגנעסען.

– ווי אגנעסען! האט ער ווידערהאלט אונ איז צוגעגאנגען צום קאמין. – ווי אגנעסען!

דעם אבענד האט ער געטרונקען אזוי פיעל, אז די אויגען זיינען אנגעגאסען געווארען מיט בלוט: אזוי האט מיר געדוכט אונ דאס האב איך נאך בעמערקט, ווען ער איז געזעסען אין ווינקעל ביים קיילעכדיגען טישעל. איצט אבער האב איך זיינע אויגען גאר ניט געזעהן, וויל ער האט זיי געהאלטען פערדעקט מיט דער האנד.

– איך וואלט וועללען זיך דערוויסען אונ דערגיין, האט ער געמורמעלט – צו איז אגנעסען אומעדיג אין דער שטענדיגע געזעללשאפט מיט איהר אלטען פאטער. מיר איז קיין מאל ניט אומעדיג מיט איהר. נור דאס איז גאר א-נ-אנדער זאך... יע, גאר א-נ-אנדערע.

ער האט גערעדט צו זיך אונ דאריבער האב איך גערעכענט, אז פון מיין זייט איז ניט שאן אריין מישען זיך אין זיינע רייד.

– יע, אין מיין אלטע הויז איז אומעדיג, האט ווייטער גערעדט מ–ר וויקפילד, – אונ דאס איינפארמיגע לעבען אין די פיער וואנד איז טרויריג. נור אגנעסע מוז זיין נעבען מיר... נעבען מיר אונ ניט אנדערש וואו. נו, אונ אז איך וועלל שטארבען אונ איבערלאזען איהר א יתומה?... אונ אז זי וועט שטארבען אונ וועט מיך איבערלאזען אויך אזא יתום?... א דער געדאנק גנב'עט זיך צו מיר אין קאפ ווי א שרעקליכע ערשיינונג אונ פערגיפטעט מיר מיינע גליקליכע שטונדען!... דעם געדאנק קאן מען נור דערטרינקען אין...

ער האט ניט געענדיגט די פראזע, נור צוגייענדיג צום טישעל מיט ניט קיין גלייכע טריט, האט ער זיך געזעצט אויף זיין פרידערדיגען ארט, גענוממען מאשינאלנע דעם ליידיגען גראפין, אקעהר געטאן איהם אונ איז צוריק צוגעגאנגען צום קאמין.

– אויב די טרויריגע געדאנקען לאזען מיך ניט רוהען, ווען זי געפינט זיך נעבען מיר, וואס וועט פון מיר ווערען, ווען זי וועט שוין ניט זיין? האט מ–ר וויקפילד געזאגט מיט א טיעפען קרעכץ. – ניין, ניין, ניין! איך וועלל ניט אריבער לעבען, אויב איך וועלל זיך מיט איהר מוזען שיידען. אגנעסע וועט זיך ניט שיידען מיט'ן פאטער.

ער האט זיך ווייטער אנגעשפארט אן קאמין אונ איז פערזונקען אין טיעפען קלעהרען. איך האב ניט געוואוסט, וואס צו טהון, צו זאלל איך גיין צו זיך אין שלאף–צימער אדער פערבלייבען דא, ביז ער וועט ערוואכען. ענדליך איז מ–ר וויקפילד געקוממען צו זיך, ער האט מיט די אויגען א פיהר געטאן איבערן צימער אונ זיין בליק האט זיך אבגעשטעלט אויף מיך.

–פערבלייב ביי אונז, טראטוויד, איך בין זייער צופריעדען, האט ער געזאגט מיט זיין געוואהנליכען טאן. דו קאנסט זיין א חבר אונ א געזעללשאפטער פאר אונז ביידען. ס'איז זייער גוט, וואס דו פערבלייבסט ביי אונז. גוט פאר מיר, גוט פאר אגנעסען, גוט פאר אונז אללעמען.

– אונ איבערהויפט פאר מיר, האב איך געאנטפערט. – איך בין זייער צופריעדען, וואס מיר וועללען זיין צוזאממען.

– דו ביסט א פיינער אינגעל, טראטוויד, האט געזאגט מ–ר וויקפילד. אויב אונזער געזעללשאפט פערשאפט דיר פערגעניגען קאנסטו ביי אונז פערבלייבען פיעל דו ווילסט. ביי די ווערטער האט ער מיר געגעבען די האנד אונ האט מיר לייכט א קלאפ געטאן איבערן רוקען.

בעגלייטענדיג אגנעסען, גיי איך שטענדיג צו זיך אין קאבינעט, האט ווייטער גערעדט מ–ר וויקפילד. דו קאנסט, אויב דו וועסט וועללען, אויך גיין א היין מיט מיר, דו וועסט דארטען קאנען לעזען א בוך אדער בעשעפטיגען זיך מיט דיין ארבייט. איך האף, אז מיר וועללען איינער דעם צווייטען ניט שטערען.

איך האב איהם בעדאנקט פאר דער ערלויבניס און גענומען א בוך גיין צו איהם לעזען ביי א האלב שעה, ווייל שלאפען האב איך נאך ניט געוואלט.

נור דערזעהענדיג פייער אין קאנטאר, האב איך גלייך דערפיהלט אויף זיך אוריה'ס בייד רויטע אויגען און איך בין אהן דעת אוועק צו איהם. אוריה איז געזעסען פאר א גרויסען גרינגען בוך און, ס'האט געדוכט, ער האט עס געלעזט זייער אויפמערקזאם, דאביי איז זיין צייג-פינגער איבערגעגאנגען פון איין שורה אויף דער צווייטע, איבערלאזענדיג הינטער זיך שמוציגע און פייכטע סימנים אויף'ן פאפיר, ריכטיג, ווי איבער איהם זאלל קריכען א שנעקע.

— איר ארבייט היינט זייער שפעט, מ—ר גיפפ, האב איך געזאגט.

— יע, מאסטער קאפפערפילד, האט אוריה געאנטפערט.

איך האב זיך געזעצט אנטקעגען איהם, כדי איך זאלל קענען בעסער פיהרען דאס געשפרעך און האב דא בעמערקט, אז ביי אוריה'ן אויף'ן געזיכט איז ניט געוועזען און זיכער האט זיך קיין מאל בעוויזען, וואס זאלל אהנליך זיין אויף א שמייכעל: ער האט נור געקאנט עפענען ברייט דאס מויל און מאכען עפעס פאלדען אויף די באקען. ס'איז קלאהר, אז דער מענש האט קיין מאל ניט געלאכט.

— איך בעשעפטיג זיך ניט מיט די קאנטאר-עסקים, מאסטער קאפפערפילד, האט ער געזאגט.

— מיט וואס דען, מ—ר גיפפ?

— איך סטארע זיך ערווערבען בלויז פאר זיך אליין איינעגע יוריסטישע קענטניססע און איצט, ווי איר זעהט, לערען איך טידד'ן. א, מ—ר טידד איז א גרויסער שרייבער, מאסטער קאפפערפילד!

און נאך דעם פרייהליכען אויסגעשריי האט ער ווייטער גענומען לעזען מיט דער זעלבע אויפמערקזאמקייט, לאזענדיג שמוציגע סימנים פון זיין צייג-פינגער אויף'ן פאפיר. נאך קוקענדיג איהם פון מיין געזעס, האב איך בעמערקט, אז זיינע דינגע נאזלאכער האבען געהאט איין אונגעוועהנליכע פייהיגקייט ווערען שמאלער און ברייטער, פונקט ווי אוריה גיפפ זאלל מיט זיי פינטלען אנשטאדט די אויגען, וועלכע, ס'איז שוין געוועזען געזאגט, האבען ניט געהאט קיין ברעמען.

— איר זייט אהן א צווייפעל א גוטער יוריסט, מ—ר גיפפ, האב איך געזאגט נאך א קורצע פויזע.

— ווער איך, מאסטער קאפפערפילד? ווי קום איך דערצו? איך בין נאר א קליין מענשעלע.

ערשט האב איך בעמערקט, ווי אוריה האט גענומען רייבען די לאדאניעס, ריכטיג ווי ער זאלל זיי וועלען טרוקען מאכען און דערווארעמען.

—איך ווייס זייער גוט, אז איך בין א ניכטיגער מענשעלע, האט אוריה גערעדט בעשיידען און מיט ענייוות. זאללען אנדערע שטייגען ווי זיי ווילען און ווי זיי קאנען:

מיין קרייז ארבייט איז זייער קליין. מיין מוטער, אזוי ווי איך, איז א פראסטע פרויענצימער. מיר לעבען זייער געמיין אין איין איינפאכע שטיבעל; נור הערצער האבען מיר פיהלענדע, מאסטער קאפפערפילד, און מיר קאנען זיין דאנקבאר. מיין פאטער האט געהאט זייער א ניכטיגע שטעלל: ער איז געוועזען א קברן, מאסטער קאפפערפילד.

— און מיט וואס בעשעפטיגט ער זיך איצט?

— איצט?... איצט איז ער אויף דער אמתער וועלט, האט אוריה געענטפערט, אויפהויבענד זיינע דארע האנד צום סופיט. יע, סער, מיר קאנען זיין דאנקבאר. אט צום ביישפיעל, דארף איך ניט דאנקען מיין שיקזאל וואס איך געפין זיך ביי מ—ר וויקפילד?

— ווי לאנג געפינט אין זיך דא, מ—ר גיפפ?

אוריה האט פערמאכט דאס בוך, מאכענדיג א סימן וואו ער האט געלאזט.

— שוין מער ווי פיער יאר, ווי איך האב געהאט דעם גליק אריינטרעטען דא אין קאנטאר, האט ער געזאגט. — דאס האט פאסירט פונקט אין א יאר ארום נאך מיין פאטערס טוידט. א, ווי איך בין דאנקבאר מיין בעל טובה! מ—ר וויקפילד האט מיר געגעבען מיטלען איך זאלל ערלערנען אונזערע זאקאנען און אהן איהם וואלט איך געוועזען א פערפאללענער, ווייל מיר זיינען זייער ארים.

— אויב אזוי רעכענט איר, מ—ר גיפפ, צו ווערען מיט דער צייט א-נ-אדוואקאט, ווי באלד איר ערלערענט אונזערע זאקאנעס?

— איך פערהאף מיט גאטטעס הילף, מ—ר קאפפערפילד.

— ס'קאן זיין, אז איר וועט מאכען מיט דער צייט שותפות מיט אייער איצטיגען בעל הבית, האב איך געזאגט, כדי צו געבען איהם א קאמפלימענט: דאמאלס וועט דער קאנטאר האבען א שותפית'ע פירמע פון וויקפילד און גיפפ. ס'קאן דאך נאך זיין, אז צום סוף וועט איר איבערנעמען אללע געשעפטען אויף זיך און איר וועט זיין דער גאנצער בעל הבית.

— א, ניין, מ—ר קאפפערפילד, ניין! איך בין צוקליין פאר אזא קאריער.

דאביי האט ער געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף א צייכען, אז ניט און, קוקענדיג אויף מיך פון אונטערן שטערען, האט ער ברייט פערנאנדערגעעפענט דאס מויל און פון ביידע זייטען געזיכט האבען זיך ביי איהם געלייגט זייער ניט קיין שאנע פאלדען.

— מ—ר וויקפילד איז זייער א וואוילער מענש, האט געזאגט אוריה. איר וועט דא מער זיין, וועט איר איהם בעסער ערקאנען, אלס פיעל איך קאן אייך מיט ווערטער אויסדריקען.

איך האב געענטפערט, אז אין דעם בין איך זיכער. זאלל זיין, אז איך האב זיך ניט לאנג בעקאנט מיט מ—ר וויקפילדן, נור ער איז מיין באבעס א-נ-אלטער

בעקאנטער און דאס רעקאמענדירט איהם אין מיינע אויגען בעסער ווי אלס.

— א, יע, מ-ר קאפפערפילד! אייער באבע איז זייער א ווירדיגע פערזאן!

ארויסרייעדענדיג זיין שמחה, האט אוריה גיפּ געמאכט זייער מאוסע תנועות און דאס מאל האב איך נור בעמערקט שלאנג-גרימאסען ביי איהם אין האלז און דער באבעס קאמפּלימענט האב איך אריבער געלאזט פערביי די אויערען.

— איך זאג, אז אייער באבע איז זייער א ווירדיגע פערזאן. זי, דוכט, האט זייער ליעב מיסס אגנעסען; ניט ריכטיג, מ-ר קאפפערפילד?

— איר האט קיין טעות ניט, האב איך געאנטפערט דרייסט, וואנאר איך האב גאר ניט געוואוסט, ווי קוקט די באבע אויף אגנעסען.

— און איר אויך, מ-ר קאפפערפילד, פערגאטעורט איהר. א, איך בין אין דעם זיכער.

— יע, איר האט רעכט: איהר ניט ליעבען קאן מען ניט.

— א, איך דאנק אייך, מ-ר קאפפערפילד, איך דאנק אייך! דאס איז זייער ריכטיג, איהר ניט ליעבען קאן מען ניט. ביי מיין גאנצע קליינקייט, פערשטיי איך זייער גוט, ווי ריכטיג דאס איז. א, איך דאנק אייך, מ-ר קאפפערפילד!

זייענדיג פולל פון איגערליכע געפיהלען, איז ער געשווינד אראבגעשפּרונגען פון ביינקעל, וואו ער איז געזעססען און האט זיך גענוממען קלייבען א היים.

— איך האב געלאזט לאנג דער מאמען ווארטען, האט ער געזאגט, ארויס-געמענדיג דעם זייגער פון טאש און קוקענדיג אויף איהם מיט זיינע רויטע אויגען. — מיר זיינען, געוויס, ארים, מ-ר קאפפערפילד, ארים און ניכטיג, נור דאס שטערט אונז ניט ליעבען איינער דעם צווייטען. ווען איר וואלט א מאל געפינען פאר גוט אריין קוממען צו אונז אין שטיבעל אזוי אבענדצייט אויף א גלאזיל טהיי, וואלט מיין מוטער זייער שטאלצירט מיט אייער וויזיט, זא גלייך, ווי איך, מ-ר קאפפערפילד.

איך האב געאנטפערט, אז איך בין גרייט מיט פערגעניגען זיי בעזוכען, אויב זיי וועט דאס זיין אנגענאהם.

— אזוי אנגענאהם, אז איר קאנט זיך גאר ניט פארשטעללען, האט אוריה געזאגט און אוועקגעלייגט דאס בוך אויף דער פאליצע. איך דאנק אייך, סער. איך רעכען, אז איר וועט דא ניט זייער לאנג פערבלייבען? מ-ר קאפפערפילד.

איך האב געזאגט, אז איך וועלל דא פערבלייבען, ביז איך וועלל ענדיגען דעם קורס אין פאנסיאן.

— ריכטיג?! אט וואס! האט אויסגעשריען אוריה. מען דארף רעכענען, אז דערנאך וועט איר אריינטרעטען צו אונז אין קאנטאר אויף א שטעלל.

איך האב איהם פערזיכערט, אז איך און די באבע זיינען זייער ווייט פון אזעלכע פלאנער; נור דער געדאנק, האט געשיינט, איז ביי אוריה'ן פערזעססען

אין קאפ ווי א נאגעל, און ניט קוקענדיק אויף מיינע רייד, האט ער אלץ געחזרט:

— א, יע, מ—ר קאפפערפילד, אין דעם קאן גאר קיין צווייפעל ניט זיין. איר וועט ענדיגען דעם קורס און וועט אריינטרעטען צו אונז: דאס איז אזוי ריכטיג, ווי צוויי מאל צוויי איז פיער.

ענדליך האט ער צונויפגעלייגט אלע זאכען און, קלייבענדיג זיך ארויס גיין, האט ער געפרעגט:

— קאן איך פערלעשען די ליכט מ—ר קאפפערפילד?

— איר קאנט זייער. איך וועלל אין דער פינסטער אויך אב זוכען דעם וועג.

אוריה האט פערלאשען די ליכט און ביים געזעגענען האט ער מיר א דריק געטאן די האנד. דאביי האב איך דערפיהלט ריכטיג ווי א נאסע פיש וואלט מיר בעריהרט די האנד. דערנאך האט ער פערמאכט פון דרויסען די טהיר און איז אוועק.

פערבלייבענדיג אליין אין דער פינסטער, האב איך מיט שוועריגקייטען אבגעזוכט דעם וועג צו זיך אין צימער און האב זיך איינינע מאל אויסגעגליטשט. דאס האט געמוזט זיין די אורזאכע, וואס א גאנצע נאכט האב איך געזעהן חלומות וועגען אוריה היפ, און איין מאל האב איך געזעהן, ווי אוריה היפ ווערט א פיהרער ביי א באנדע ים—מערדער און בעפאללט אויף פעגאטטים הויז פון זיין שיף וואס איז בעפוצט מיט א שווארצען פאן מיט איין אויפשריפט: „פראקטישע לערע פון טידד“. אוועקרויבענדיג די גאנצע ווירטשאפט ביים ארדענטליכען פישער, פיהרט אוריה היפ אוועק מיך און עממי, כדי אריינווארפען אונז אין אבגרונד פון ים.

ביסלעכווייס האב איך זיך צום פאנסיאן צו געוואהנט און אין א פאר וואכען ארום האב איך זיך געפיהלט אין דער געזעלשאפט פון מיינע נייע בעקאנטע ווי ביי זיך אין דערהיים. אמת, אז אין די קינדישע שפיעלען און אין לערנען בין איך זייער ווייט אב געשטאנען פון מיינע חברים, נור איך האב געהאפט, אז מיט דער צייט וועלל איך זיך צו געוואהנען צום שפיעלען, אזוי ווי מיט התמדה וועלל איך דער-יאגען די חברים. אין א קורצע צייט איז מיין פערגאנגענעס לעבען פערשוואונדען געווארען פון מיין זכרון אזוי, אז איך האב אליין ניט געגלויבט, אז איך האב זיך א מאל געפונען ביי מארדסטאן און גרינבי אין וויין—האנדעל. דערווייל האב איך זיך אין גאנצען אריין געצויגען אין מיין נייען לעבען און מיר האט געדוכט, אז איך געפין זיך שוין לאנג אין דער געזעלשאפט.

דעם דאקטארס אינסטיטוט איז געווען אין זיין ארט זייער א וואולער אנשטאלט און ער איז געווען אזוי ווייט פון קריקלס פאנסיאן, ווי ווייט איז גוט פון שלעכטס. דער פעדאגאגישער טהייל איז געווען איינגעארדענט, ווי מען דארף גאר ניט בעסער, און די ערציהונג זא די זיטטליכע ווי אויך די וויססענשאפטליכע איז געגאנגען מיט א שטרענגע סיסטעם. דער דירעקטאר האט אין אלע הינזיכטען געגלויבט די שילער און פלעגט זיך שטענדיג פערלאזען אויף זייער עהרען געפיהל. די שילער

פון זייער זייט, האבען איהם קיין מאל ניט געענדערט. מיר זיינען אללע געוועזען שטארק איבערצייגט, אז אויף אונז ליגט א גרויסער פפליכט, פערהיטען דעם כבוד פון אינסטיטוט, וואו מיר ערציהען זיך. מיר האבען געליעבט דעם אינסטיטוט ווי ווייט מיר זיינען נור פייהיג געוועזען צו ליעבען; מיר האבען מיט איהם שטאלצירט אונ געסטארעט זיך פערדיענען דעם כבוד זיין א שיללער אין דעם אינסטיטוט. מיט איין ווארט דער אינסטיטוט האט געקאנט זיין א מוסטער פיר אללע פעדאגאגען.

איינינע פון די גרעסערע שיללער האבען געהאט טיש אונ וואהנונג ביי דאקטאר סטראנג אונ פון זיי האב איך זיך דערוואוסט, אז דאקטאר סטראנג האט מיט א יאר צוריק חתונה געהאט מיט א שאנע יונגע לעדי, וועלכע איך האב געזעהן אין קאבינעט. חתונה האט ער געהאט אויס ליעבע, ווייל די יונגע לעדי האט ניט געהאט א גראשען ביים לייב אונ זעעל, אונ אלס צונאב האט זי געהאט א גאנצען צעטיל ארימע קרובים, וועלכע זיינען געוועזען גרייט אוועק לאזען דעם דאקטאר סטראנג מיט א טארבע איבער די הייזער. דאקטאר סטראנג איז כמעט שטענדיג געוועזען פערטיפט אין געדאנקען, ער האט, וועדליג די שיללער האבען מיר ערקלעהרט, אבגעזוכט גריכישע ווארצלען (שרשים). זייענדיג פרעמד אין פהילאלאגיע (חכמת הלשונות), האב איך אנפאנגס געמיינט אז, דא ווערט גערעדט וועגען ווארצלען וואס וואכסען אין די גארטענער אונ מיין השערה האט זיך נאך פערשטארקט, ווען איך האב געזעהן, אז דאקטאר סטראנג גייט שטענדיג מיט איין אראבגעלאזטען קאפ; נור דערנאך האב איך פערשטאנען, אז מען מיינט שרשים פון גריכישע ווערטער, ווייל פון א געוויסע צייט איז דאקטאר סטראנג געוועזען פערנוממען מיט א-נ-ארבייט צונויפשטעללען א גריכישען ווערטער בוך (סלאווער). אדאמס, דער עלטסטער שיללער אין לעצטען קלאסס, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פייהיגקייטען אין מאטעמאטיקע, האט אויס־גערעכענט, ווען דעם דאקטארס ארבייט וועט זיך ענדיגען. נאך דעם רעכענונג איז אויס געקוממען, אז דער נייער גריכישער לעקסיקאן וועט זיך ענדיגען מער ווי אין אנדער האלבען טויזענד יאר ארום.

דאך איז דאקטאר סטראנג געוועזען זייער א גוטער מענש אונ די גאנצע שוהל האט אויף איהם א גרויסען כבוד געלייגט. ווען דער דאקטאר פלעגט שפאצירען אויף דער גרינער וויעזע הין אונ צוריק מיט איין אראב געלאזטען קאפ. האבען די פייגעלאך אויף איהם געקוקט אונ געסטארעט זיך דערווייזען איהם, אז אין וועלטזאכען פערשטייען זיי א סך מער פון איהם, וועלכער איז א וואהרעס קינד אין די זאכען. איין שלעפער האט געקאנט צוגיין עטליכע מאל א טאג מיט עפעס איין אויסגעקלעהרטע מעשה: דער דאקטאר פלעגט יעדעס מאל איהם אויסהערען אונ געבען א נדבה. דאריבער האבען אללע לעהרער אונ שיללער געמאכט פאר א חוב פערטרייבען אללע שלעפער, ווי נור זיי פלעגען זיך

 בעווייזען

בעוויזען אויף'ן הויף. דער דאקטאר האט פון דעם ניט געוואוסט, כאטשע די מעשה פלעגט פאסירען אללע ווייל פאר זיינע אויגען. פערשטייענדיג גוט אללע פהילאזאפישע שפיצלאך, איז ער דאך געווען אונבעשיצט, ווי א שעפסעלע, אונ יעדער טויגעניכטס האט איהם געקאנט שערען אונגעשטערט. א נדבן פון דער נאטור, האט ער געקאנט אב געבען די שיך פון די פיס דעם, ווער ס'זאלל נור בעטען. אין אינסטיטוט טאקע האט מען דערצאהלט א שפאסהאפטע היסטאריע, אין וועלכע איך צווייפעל ניט, אז דאס איז טאקע אזוי געווען. א מאל אין א ווינטער-מארגען האט ער אבגעגעבען זיינע שיך א נ-ארימע פרוי, אונ האט דערנאך שפאצירט איבערן הויף אין איינע זאקען איינינע שטונדען. דאס ארימע פרוי האט זיך מיט דער מתנה געשלעפט פון שטוב צו שטוב, צודעקענדיג מיט זיי דעם קאפ ביי איהר קינד. אללע האבען די שיך דערקאנט פון ערשטען בליק, אונ די מעשה איז געווארען בעוואוסט אין גאנץ שטאדט, אויסער ער אליין האט דערפון ניט געוואוסט. ווען אין א געוויססע צייט ארום זיינען די שיך געווען אויסגעהאנגען אויף א טהיר פון א טראקטיר, וואו מען האט זיי אויסגעביטען אויף א פלאשיל דשין, אונ דער דאקטאר איז געגאנגען פערביי, האט ער זיך געוואונדערט, ווי גוט די שיך זיינען גענייט אונ געזאגט, אז זיין שוסטער איז ניט פייהיג צומאכען אזעלכע קווייטען ביי די נאזער אונ פיאטעס.

ריהרענד איז געווען צוזעהן דעם דאקטאר מיט זיין שאנע פרוי. ער האט איהר גאלובעט, ווי א פאטער. מיסס סטראנג האט זיך בעזארגט פאר'ן מאן אונ האט איהם, וועדליג ס'האט געשיינט, געליעבט צארטליך, זאגאר איך האב קיין מאל ניט בעמערקט, אז זי זאלל נעמען א לעבהאפטען אנטהייל אין זיין גריכישען ווארטערבוך. שטיקער כתבים פון זיין ווערק, האט דער דאקטאר שטענדיג מיט געטראגען אין די קעשענעס אדער אין די אונטערשלאג פון הוט אונ ער פלעגט איהר שטענדיג ערקלעהרען, שפאצירענדיג, וואס איז די הויפט-זאך פון די ווארצלען.

מיסס סטראנג איז מיר געפאללען געווען צוליעב פיעל אורזאכען: ערשטען האט זי מיך ליעב געקריגען פון ערשטען מאל, ווען זי האט מיך דערזעהן ביים דאקטאר אין קאבינעט; צווייטענס האט זי מיך גאלובעט אונ גענומען אין מיר א גרויס אנטהייל; דריטען האט זי זייער געליעבט אגנעס אונ פלעגט יעדען טאג קוממען צו אונז. דאך האט זי זיך געפונען אין דעם געגענווארט פון מיין ווירט עפעס ווי געצוואונגען: מיר האט זאגאר געדוכט, אז זי האט מורא פאר איהם; יעדעס מאל, ווען ער פלעגט וועללען גיין איהר בעגלייטען אהיים, האט זי זיך מיט שרעק ענטזאגט אונ פלעגט געשווינד א וועק גיין מיט מיר אונ אזוי בין איך געווען איהר שטענדיגער בעגלייטער. מיר פלעגען לויפען זייער גיך כדי אויסמיידען וואס פאר א בעגעגעניש ס'איז, נור כמעט יעדעס מאל האט געטראפען, אז דשזאן מאלדאן פלעגט אונז אנגעגענען אויף'ן האלב וועג אונ יעדעס מאל פלעגט ער איבערראשט ווערען, וואס ער זעהט אונז.

מיסס סטראנג'ס מוטער איז געווען א בעיארטע פרוי, איהר פאמיליע איז געווען מיסס מארקעלהיים, נור די שילער פון אינסטיטוט האבען איהר גערופען אלטער הוזאר, האבענדיג אין זינן, מיט וואס פאר א קונסט זי פלעגט בעוואפנען איהרע פיעל קרובים קעגען דאקטאר סטראנג. זי איז געווען פון נידריגען וואוכס מיט שארפזיניגע אויגען, אויף'ן קאפ איז ביי איהר געווען א הויבע מיט קינסטליכע בלומען, איבער וועלכע האבען זיך געדרייט און געפלויגען קינסטליכע זוממער-פויגעלאך. ביי אונז האט מען געזאגט, אז די הויבע איז אראב געבראכט געווארען פון פראנקרייך, ווייל ענגלאנד האט נאך ניט ארויסגעגעבען אזעלכע מאדיסטקעס, וואס זאללען פעהיג זיין אויסטראכטען א זעלכע קונצען אין פרויען-טואלעט. איך קאן ניט ערב זיין, אויב די זאגע איז ריכטיג, נור דאס ווייס איך, אז וואו מיסס מארקעלהיים האט זיך געפונען, דארט איז געווען די הויבע, און די זוממער-פויגעלאך האבען געהאט א וואונדערליכע פעהיגקייט פליהען אללע רגע, און זיי פלעגען זיך ארום דרייהען ארום דאקטאר, ווען ער האט נור געהאט לעדיגע צייט.

איך האב געהאט מעגליכקייט בעטראכטען דעם אלטען הוזאר (זאלל די געעהרטע לעדי מיר מוחל זיין פאר דעם נאמען, ווייל מיט דעם טיטול האט מען איהר ניט געמיינט צו בעריידען חס ושלום) אין איין דיינקווירדיגען אבענד. דעם אבענד האט דער דאקטאר געגעבען ביי זיך אין שטוב לכבוד דשאן מאלדאן, וואס האט געדארפט תיכף אב פאהרען נאך אינדיען אויף א גוטע שטעלל, וואס מ-ר וויקפילד האט פאר איהם אב געזוכט. גראדע איז אויסגעקוממען, אז אין דעם אבענד איז געווען דעם דאקטאר געבורטסטאג. מ-ר וויקפילד, אגנעס און איך זיינען געקוממען צום דאקטאר אויף א גלאזיל טהיי.

מ-ר דשאן מאלדאן איז שוין געווען אין גאסט-ציממער. מיסס סטראנג אין א ווייסע קלייד, בעפוצט מיט ראזע-לענטעס איז געזעססען ביים קלאוויר. מ-ר מאלדאן איז געשטאנען געבען איהר און געמישט די בלעטער. דאס שפיעלענדע בלוט אויף איהרע שניעווייסע וואנגען איז געווען, ווי מיר האט געדוכט, ניט אזוי פריש און בליהענד, ווי געוועהנליך; דאך האט מיסס סטראנג געשיינט דעם אבענד, זי איז געווען רייצענד-שאן.

— זאגט, איך בעט אייך! מיר איז גאר פון זינען ארויס! האט אנגעהייבען מ-ס מארקעלהיים, ווען מיר האבען זיך געזעצט. — איך האב גאר פערגעססען, דאקטאר, גראטולירען אייך מיט אייער געבורטסטאג. איך ווינש אייך פון גאנצען הארצען פיעל, פיעל יאהרען.

— איך דאנק אייך, האט דער דאקטאר געאנטפערט.

— פיעל, פיעל, פיעל יאהרען! האט ווידערהאלט דער אלטער הוזאר. — לעבט לאנג פאר אייך זעלבסט, פאר אנני, פאר דשאן מאלדאן, פאר אונז אללעמען. נאט מיינער ווי די צייט לויפט! ווי לאנג ביזט, דשאן, געווען א קליין קינד מיט

א גאנצען

א גאנצען קאפ נידריגער פאר מאסטער קאפפערפילד? איך זעה ווי ס'זאלל איצט פאסירען, ווי דו האסט מיט אנני געשפיעלט געבען די אגרעס-קוסטען און ערקלעהרט זיך איהר אין ליעבע.

– אה, מוטערל, פערגעססט עס! האט אויסגעשריען מ—ס סטראנג.

– פערגעססען? זייער שאן! האט געאנטפערט מארקעלהיים. דו ביזט שוין ניט קיין קינד, מיין ליעבינקע. א-נ-אלטע ווייבעל, וואס האט א מאן, האט זיך ניט צו שעמען מיט אזעלכע זאכען.

– וואס איז דאס פאר א נייעס? האט אויסגעשריען דשזאן מאלדאן. אנני איז א-נ-אלטע ווייבעל!

– יע, דשזאן, האט דער אלטער הוזאר בעשטעטיגט זיינע רייד, ווען איך זאג, אז זי איז א-נ-אלטע פרויענצימער, מיין איך ניט אין יארען, נור מיט מעשים טובים: קאן איך דען זאגען אויף א צוואנציג יאריגע מיידעל – אלטע? נור דיין קוזינע איז דעם דאקטאר סטראנגס א פרוי און דעריבער איז זי א-נ-אלטע פרויענצימער. און פאר דיר, דשזאן, איז א גליק, וואס דיין קוזינע האט חתונה געהאט מיט'ן דאקטאר. ער איז א מענש, וואס האט וואס צו זאגען און דו האסט אין איהם געפונען א-נ-אמתען גוטען פריינד: ער וועט דיר אללע מאל שטיצען, פערשטייט זיך, אויב דו וועסט ביי איהם פערדיענען. איך בין ניט גענארט און שעם זיך ניט מודה זיין, אז איינינע קרובים מיינע דארפען האבען א שטיצער. און דו, דשזאן, א דאנק דיין קוזינע אנני, האסטו געפונען א שטיצער.

דער דאקטאר האט א מאך געטאן מיט דער האנד, זי זאלל אויפהערען ריידען וועגען דעם, ווייל דאס איז געוועזען זייער ניט אנגענעהם פאר דשזאן מאלדאן. מיסס מארקעלהיים האט נאך נאהענטער צוגערוקט איהר שטוהל צום דאקטאר און, אנשפארענדיג איהר פאכער ביים דאקטאר אויף'ן אכסעל, געזאגט:

– ניין, ליעבער דאקטאר, פערצייהעט מיר, וואס איך שטעלל זיך אב מיט אזא פערגעניגען אויף די דעטאליען: דאס איז מיין שוואכע זייטע. איך קאן זאגאר זאגען, אז איך בין אויף דעם פערריקט. גאט אלליין האט אייך צוגעשיקט פאר אונז, און איר זייט אונזער וואלטהאטער.

– פוסטע זאכען! האט דער דאקטאר געאנטפערט.

– ניין, דאס איז ניט קיין פוסטע זאכען, האט דער אלטער הוזאר איבערגעשלאגען: – ביטע אום פערצייהונג! איר וועט מיר ניט נויטהען שווייגען, ווען קיין פרעמדע מענשען זיינען נאך ניט דא, אויסער מ—ר וויקפילד, וואס איז אונז אללעמען א גוטער פריינד. איך בין זאגאר גרייט בענוצען זיך מיט'ן רעכט פון א שוויגער און זאגאר צוקריגען זיך מיט אייך, אויב איר ווילט... נור פערשטייט זיך, איך ווייס זיך ווי צו האלטען אין א געזעללשאפט און דערצו וועט ניט קוממען. איך וויל אייך איצט זאגען דאס זעלבע, וואס איך האב אייך שוין א מאל געזאגט,

ווען איר האט געבעטען אום מיין טאכטערס האנד. איר געדיינקט, דאקטאר, ווי איבערראשט איך בין געווארען פון אייערע רייד? איך בין פשוט אויסער זיך געווארען. געוויס, דא איז גאר ניטא וואס צו בעוואונדערען — ס'איז גאר לאבערליך טראכטען וועגען דעם! — נור איבערהויפט האט מיך איבערראשט דער געדאנק, וואס איר זייט געוועזען אזוי גוט בעפריינדעט מיט איהר ארימען פאטער, ווען זי איז נאך געלעגען אלס זעכס מאנאטליכעס קינד אין וויגעלע; האב איך דאמאלס זיך געקאנט פארשטעללען, אז די האנד פון דעם קליין קינד וועט א מאל געהערען אייך? אט פאר וואס איך בין אזוי איבערראשט געווארען.

— אח, זאלל שוין זיין גענוג! האט דער דאקטאר געבעטען.

— ניין, איך מוז זיך אויסריידען — ביטע אום פערצייהונג! איך דערמאן בכיון די אללע פאדראבנאסטען, כדי די הערביייזיצענדע זאללען מיר קאנען אבשלאגען, אויב איך האב א טעות. זייער גוט! ווי נור איר האט ארויס גערעדט אייער פערלאנג, האב איך גערופען אנני און דערצאהלט איהר אלס. פריינד מיינער, זאג איך: איצט און ערשט איז דא געוועזען דאקטאר סטראנג און ער איז געוועזען זא גוט און געבעטען אום דיין האנד... פרעג איך, צו האב איך איהר חאטשע עטוואס געצוואונגען? חס ושלום! איך האב געזאגט גאר איינפאך: בעדיינק זיך, אנני, און זאג מיר דעם ריינען אמת: איז דיין הארץ פריי? דאביי האט זי זיך צו וויינט, ווי א נארישעס קינד און געזאגט: „מוטערל, איך בין נאך זייער יונג —“ דאס איז געוועזען זייער ריכטיג. אויב אזוי, ליעבינקע מיינע, האב איך געאנטפערט: — קאנסטו זיך פערלאזען אויף מיך: דיין הארץ איז פריי. וואס זאללען מיר איצט טהון? דאקטאר סטראנג איז ניט רוהיג און פאדערט א-נ-אנטפער. מען מוז דאך, נשמהניו, ווי ס'איז ענדיגען. „מוטער, האט אנני געאנטפערט מיט טרערען. צודען וועט דער דאקטאר זיין אונגליקליך אהן מיר? אויב אזוי זאגט איהם, אז איך שעטץ איהם און וויללינ איין ווערען זיין פרוי.“ אזוי האבען מיר געענדיגט. און דאמאלס, אבער ניט פריהער, — איך בעט בעמערקען דעם תנאי — דאמאלס האב איך געזאגט צו אנני: מיין פריינד, דאקטאר סטראנג וועט פאר דיר זיין ניט נור א מאן, נור אויך א פאטער. ער וועט זיין דער פארשטיהער פאר אונזער גאנצע פאמיליע, ער וועט אונז אללעמען ארויס פיהרען פון אונזער שלעכטע לאגע. ער וועט זיין אונזער וואלטהאטער און דער צווייטער פאטער, יע איך האב אייך שוין דאמאלס גערופען וואלטהאטער, אזוי ווי איך רוף אייך איצט. ניט אין מיין נאטור איז אבזאגען זיך פון מיינע ווארטער: מיט דעם קאן איך זיך ריהמען.

אין דעם פערלויף פון דער לאנגער רעדע איז מיסס סטראנג געזעססען שטילל מיט אראבגעלאזטע אויגען צו דער ערד. מאלדאן איז געשטאנען נעבען איהר און אויך געקוקט אויף דער פאדלאגע. ווען די רעדע האט זיך געענדיגט, האט מיסס סטראנג געזאגט מיט א ציטערדיג קול:

— איך האָב, מוטער, אַז איר האָט שוין אַלס געענדיגט.

— ניין, גשמהניו, ווייט ניט אַלס, האָט געענטפערט דער אַלטער הוזאר. און אַזוי ווי דו אַלליין פרעגסט מיך, אַנגעל מיינער, מוז איך דיר זאָגען, אַז איך האָב נאָך האַלב ניט דערצעהלט. פריהער פאַר אַלס דאַרף איך דיך אַנקלאָגען, וואָס איך בעמערק אין דיר ניט קיין פריינדשאַפט צו אייגענע קרובים מיט דער אַנקלאַגע (שוואַלאַבע) וועגד איך זיך צו אייך, דאָקטאָר סטראַנג: בעקוקט נוט אייער נאַרישע ווייבעלע.

דער דאָקטאָר האָט מיט אַ גוטהערציגען שמייכעל אַ קעהר געטאָן דעם קאָפּ אין איהר זייט: מיסס סטראַנג האָט נאָך מער אַראָב געבויגען דען קאָפּ צו דער ערד. איך האָב בעמערקט, אַז מ—ר וויקפילד האָט איהר אין דער מינוט נאָך געקוקט דורכדרינגענד. מיסס מאַרקעלהיים האָט שטיפענד אַ מאַך געטאָן מיט'ן פאָכער און ווייטער געריעדט מיט אַ שפּאַס—טאָן.

— די מעשה איז אַזוי. ניט לאַנג האָב איך דער נאַרעלע געגעבען אָנצוהערעניש, אַז זי דאַרף אייך דערצעהלען פון איין אומשטאַנד, וואָס האָט געטראָפען אין אונזער פאַמיליע. איהר חוב איז געוועזען טהון מיין פערלאַנג. נור וואָס רעבענט איר? זי האָט מיר לחלוטין ענטזאָגט, ווי זאָגט זי, איר זייט שוין אַזוי אויך צו גוט. געבען אָנצוהערעניש, קומט אויס נאָך איהרע רייד, איז אַקוראַט ווי בעטען און אַזוי ווי איר זאָגט דער נאַרעלע צו ליעב גוטסקייט, קיין מאָל ניט אָב. בכן וויל זי ניט בעטען. ווי געפאַללט עס אייך?

— אַנני, ליעבע מיינע, דאָס איז זייער ניט גוט פון דיין זייט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. דו ווייסט דאָך, אַז מיר איז אַללע מאָל זייער אַנגענעהם ערפיללען דיין וואונש.

— אָט טאַקע אַזוי, כמעט וואָרט אין וואָרט, האָב איך איהר געזאָגט. ליעבער דאָקטאָר! האָט אונטער געחאַפּט דער אַלטער הוזאר. נור שטעלט אייך פאָר, אַז איבער שפּאַרען דעם עקשן איז גאָר ניט מאָגליך. קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט; ערלויבט מיר, דאָקטאָר, אין אַזעלכע פאַללע נאָר אָהן צערעמאָניעס ווענדען זיך זעלבסט צו אייך.

— ביטע, ביטע, האָט געענטפערט דער דאָקטאָר. מיר וועט דאָס זיין זייער אַנגענעהם.

— ריכטיג?

— איך פערזיכער אייך.

— נו אויב אַזוי איז געענדיגט. איך דאַנק אייך, דאָקטאָר.

דערשלאָגענדיג זיך צו דעם וואָס זי האָט געדאַרפט, האָט מיסס מאַרקעלהיים אַ קוש געטאָן דעם שפּיץ פאָכער, האָט מיט איהם אַ קלאַפּ געטאָן דעם דאָקטאָר איבער דער האַנד און איז אַוועק צוריק אויף איהר פריהרדיגעס אָרט אין גאַסט—צימער.

ס'האבען זיך אנגעהויבען צונויפקלייבען געסט און פריהר פאר אנדערע זיינען געקוממען צוויי לערער און מאסטער אדאמס. ס'האט זיך פערבונדען צווישען אללעמען א געשפראך, איבערהויפט האט מען גערעדט וועגען דשזאן מאלדאן, וועגען זיין ווייטע רייזע, וועגען דער לאנד, וואו הין ער פאהרט איצט און ז. וו. אין דער נאכט נאך'ן אבענדברויט האט דשזאן מאלדאן געדארפט אב פאהרען. די געשעפטען האבען איהם געדארפט אב האלטען אויף עטליכע יאר אין אינדיען, אויב נור דאס געזונד וועט איהם ערלויבען זיצען אזוי לאנג. אללע, ווי איך געדיינק, האבען געזאגט, אז דער קאנט דארט איז זייער א גוטער און דאס, וואס מען בעגעגענט דארט א מאל א פאר טיגערס און די זונן ברענט זייער ביי טאג איז א קנאפע בייז.

מיסס סטראנג האט געזונגען זייער גוט, ווי א וואהרע ארטיסטין און איך האב איהר אפט געהערט זינגענדיג, ווען זי איז געזעססען פאר'ן קלאוויר אין נאכט־צימער. נור איצט, צו פון מורא פאר'ן פובליקום אדער ווייל זי איז ניט געווען ביי דער שטיממע, האט זי גאר ניט געקאנט ארויס לאזען א קול. אנפאנגס האט זי געפרובט א דועט (אין צוויי שטיממען) מיט'ן קוזין, נור זי האט אפילו ניט געקאנט אנהייבען. דערנאך האט זי געפרובט אלליין זינגען און ס'איז אוועק גוט; נור פלוצים האט דער קול א ציטער געטאן און די זינגער'ן האט שוואך אראב געלאזט דען קאפ.

דער נוטהערציגער דאקטאר האט אויפמערקזאם געמאכט, אז זיין פרוי ליידעט אפט פון נערווען, און דעריבער האט ער פאר געלייגט דעם עולם שפיעלען אין קארטען, האטשע ער אלליין האט אזוי פיעל פערשטאנגען אין דעם שפיעל, פיעל אין שפיעלען אויף א טראמבאן. דער אלטער הוזאר האט איהם גלייך צוגענוממען אונטער איהר קאמאנדע אלס מיט העלפער. דער שפיעל האט זיך אנגעפאנגען און באלד זיינען איבער געגאנגען אללע זילבערנע מטבעות פון דאקטארס קעשענע צו זיין העלדישע שוויגער אין רידיקיול (האנדבייטעלע).

נור דאס איז גאר ניט. דער שפיעל איז געגאנגען זייער פריילעך, האטשע דער דאקטאר האט געמאכט פיעל פעהלערען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די ארטיסטישע זוממער־פליגעלאך האבען ניט אויפגעהערט צו פליהען איבער זיין קאפ. מיסס סטראנג, פיהלענדיג א נערוועון־שוואכקייט האט זיך ענטזאגט פון שפיעלען; דשזאן מאלדאן האט זיך אויך ענטזאגט אונטער'ן אויסרייד, אז ער האט נאך צופאקעווען זיינע זאכען. צו ליעב דעם טאקע איז ער ארויס פון צימער, נור באלד האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק און האט זיך געזעצט נעבען דער קוזינע אויף דער סאפע. זיי האבען געשמועסט שטילל. צייטענווייס פלעגט מיסס סטראנג זיך אויפהייבען פון איהר ארט, צוגיין צום דאקטאר און ווייזען איהם ווי צו שפיעלען. זי איז געווען זייער בלייך, און די האנד האבען איהר געציטערט, ווען זי האט געציינט אויף די קארטען.

נור צום אבענדברויט איז די פרייליכקייט פערשוואונדען געווארען. יעדער האט געפיהלט, ווי אונאנגענעהם ס'איז אזא ארט שיידען זיך, און וואס נעהענטער ס'איז אנגעקוממען די מינוט, זיינען די געסט אלס מער אומעדיגער געווארען. מ-ר דזשאן מאלדאן האט זיך געפרובט מאכען פרייהליך, נור אללע האבען געפיהלט, אז דאס איז א געמאכטע זאך און דעריבער איז נאך ערגער געווארען.

דער דאקטאר אבער האט עס ניט פערשטאנען, ער האט געמיינט, אז דאס גאנצע געזעללשאפט פרייהט זיך מיט זיין געזעגענונג. ער איז געווען גליקליך ביים געדאנק, אז אלס ארום איהם פרייהט זיך, ווי מען דארף גאר ניט בעסער.

— אנני, פריינד מיינער, האט דער דאקטאר געזאגט א קוק טהוענדיג אויף'ן זייגער און געמענדיג דעם באקאל אין האנד: — אט איז שוין כמעט אנגעקוממען די מינוט, וואס דיין קוזין דארף אבפאהרען. זאלל ער פאהרען: מיר טארען איהם ניט אבהאלטען. די צייט און דער ים-פלוט ווארט ניט אויף'ן מענשען. איך ווענד זיך צו אייך, מ-ר דזשאן מאלדאן! אייך ערווארטעט א לאנגע רייזע איבער'ן ים אין גאר א פרעמדע לאנד. נור פיעל מענשען האבען געמאכט א זעלכע רייזעס און אהן א צווייפעל וועללען אזעלכע רייזעס נאך זיין ביז די וועלט וועט שטייהן. די שטורמיגע בורעס האבען טויזענדער שיפפען צערשמעטערט און געווארפען אין אבגרונד פון ים, גאנצע מילליאנען זיינען געבליבען גאנץ און האבען זיך אומגעקעהרט צוריק ניט געשאדט. גאטס וועגען קאן מען ניט קלעהרען.

— דאך זאגט, וואס איר ווילט, דאקטאר, האט געזאגט דער אלטער הוזאר: מען קאן ניט בלייבען גלייכגילטיג, ווען א שאנער יונגער מאן, וועלכען מען האט פון קינדוויים אן געקאנט, פאהרט אין א ווייטע לאנד אויף יענער זייט וועלט און לאזט דא איבער אלס, וואס איהם איז ליעב. א יונגער מאן מיט אזעלכע אייגענשאפטען פערדיענט מען זאלל איהם שטיצען, ווי ווייט מען קאן, איבערהויפט, אז מיר ווייסען ניט, וואס איהם ערווארטעט אויף יענער זייט אקעאן. ניט יעדער איז פייהיג אויף אזא אפפער.

די צייט לויפט געשווינד, מ-ר דזשאן מאלדאן, און פערפלייצט אין ים השכחה אללע וואלטליכע געשאפטען, האט ווייטער גערעדט דאקטאר סטראנג. — אייניגע פון אונז קאנען, נאטירליך, ניט האפען זעהן זיך מיט אייך א צווייטען מאל. וואס עס בעלאנגט אן מיך, קאן איך גאר ווינציג אויף דעם האפען. איך וועל אייך ניט בעלאסטיגען מיט לערעס און עצות: איר האט זיך א לאנגע צייט געקאנט מיט אייער קוזינע אננע, געמט פון איהר א בייששפיעל.

— פארט אייך געזונד, מ-ר דזשאן! האט ווייטער געזאגט דער דאקטאר, אויפהויבענדיג זיך פון ארט, דאבּיי זיינען מיר אללע אויפגעשטאנען. איך וויני'ש אייך א גליקליכע רייזע איבער די רוישענדע וואללען פון ים, א גליקליכע קאריער אויף יענעם זייט אקעאן און גליקליך זיך אומקעהרען אין פאטערלאנד.

מיר האבען אללע געטרונקען פאר איהם א טאסט אונ געדריקט איהם די האנד, אונ גלייך טאקע האט ער גענוממען זעגענען זיך געשווינד מיט די דאמען אונ ארויסגעלאפען פון שטוב. איך בין געשווינד ארויס צום טהויער, וואו ס'האט אויף איהם געווארט א־נ־עקיפּאזש אונ געזעהן ווי ער האט זיך, זייענדיג צורודערט, אריין געזעצט אין קארעטע. ביי איהם אין האנד, וואס האט איהם געטרייסעלט, איז געווען עפּעס א זאך פון ראזע קאליר.

די שילער האבען געשריען דריי מאל הורא לכבוד דעם דאקטאר, דערנאך דריי מאל לכבוד זיין ווייב אונ מיר זיינען אללע צוריק אריינגעלאפען אין גאסט־צימער. דער דאקטאר איז געשטאנען אין מיטט'ן צימער, ארום איהם די גאסט אונ האבען געשמועסט פון דזשאן'ס אבפארען. נור פּלוצים האט מיסס מארקעלהיים אויסגעשריען:

— אונ וואו איז אנני?

— ניטא אנני. אומזיסט האט מען צו איהר געשריען מיט אללערליי קולות: קיינער האט זיך ניט אב גערופען. ס'איז געווארען א שרעקליכער גערודער, נור באלד האט מען איהר געפונען; זי איז געלעגען חלשות אונ געוואהנליכע מיטטלען האבען איהר אויפגעמונטערט. דער דאקטאר האט גענומען איהר קאפּ אונ אנידערגעלייגט צו זיך אויף די קניע, אבמאבענדיג די לאקען פון איהר געזיכט אונ געזאגט:

— ארימע אנני! וואס פאר א פיהלענדעס, וואהרעס אונ צארטעס הארץ! איהר איז זייער שווער געווען איבערטראגען דאס שיידען זיך מיט'ן איינציגען פריינד פון איהר קינדהייט, וועלכען זי האט אזוי געליעבט. אח, נעבאך, נעבאך!

— מיסס סטראנג האט געעפענט די אויגען, א קוק געטאן אויף אונז אללעמען אונ מיט'ן דאקטארס הילף האט זי זיך געשטעללט אויף די פיס. דערנאך האט זי אבערמאלס א ווארף געטאן אויף אונז א פערווירטען בליק אונ אנגעשפּארט איהר קאפּ ביים דאקטאר אויפ'ן אכסעל, צו ווייל זי האט געפיהלט א שוואכקייט נאך'ן חלשען אדער ווייל זי האט געוואלט פערבארגען איהר אויפריהרונג. מיר האבען געוואלט ארויס גיין אין גאסט־צימער אונ איבערלאזען איהר ביים דאקטאר אונ מוטער אויף די האנד; נור מיסס סטראנג האט געזאגט אז זי פיהלט זיך בעסער אונ וויל פערבלייבען מיט אונז. מען האט איהר איבער געטראגען אין גאסט־צימער אונ אנידערגעלייגט אויף דער זאפע. איך האב בעמערקט, אז זי איז געווען שרעקליך בלייך.

— אנני, ליעבינקע מיינע, האט די מוטער געזאגט, פערריכטענדיג איהר די קלייד, — דוכט, אז דו האסט פערלארען דעם באנט... יע, דו האסט פערלארען. הערען! בעמיהט זיך אויסזוכען אנניס באנט פון ראזע־לענטעס.

דעם באנט האט מיסס סטראנג געטראגען שטענדיג אויפ'ן הארצען. מיר

האבען איהם גענומען זוכען — איך האב מער פאר אללעמען געזוכט — נור קיינער האט גיט געפונגען.

— נור געדיינקסטו ניט, אנני, וואו האסטו איהם ניט לאנג געהאלטען? האט די מוטער געפרעגט.

ביי דער פראגע האט זיך די טוידטע בלאסקייט אויף מיסס סטראנגס וואנגען פערוואנדעלט אין א רויטקייט. זי האט געאנטפערט, אז מיט איניגע מינוט צוריק האט זי דעם באנט געהאלטען אין די האנד, נור ס'לייענט איהם ניט צו זוכען.

דאך האבען מיר ווייטער אנגעהויבען זוכען, נור מיר האבען ווייטער ניט געפונען. אומזיסט האט מיסס סטראנג ווידערהאלט איניגע מאל, אז ס'לייגט ניט אזא קליינינקייט צו זוכען: מיר אבער זיינען אללע געווען אונרוהיג און געזוכט אזוי לאנג ביז איהר איז ווייטער געווארען שלעכט און דערנאך זיינען מיר אללע צוגעגאנגען א היים.

מיר זיינען געגאנגען זייער לאנגזאם, קוים, קוים געריהרט מיט די פיס. אגנעסע און איך, האבען געקוקט אויף דער לבנה, מ—ר וויקפילד איז געגאנגען שטילל מיט אראבגעלאזטע אויגען צו דער ערד. זייענדיג שוין נעבען הויז, האט זיך אגנעסע דערמאנט, אז זי האט פערגעסען איהר רידיקיול ביין דאקטאר. איך בין געווען מלא שמחה, וואס איך קאן איהר מיט עפעס דיענען און בין אוועק געלאפען צוריק.

דער דאקטאר איז געזעסען אין א פאטעל ביים קאמין און זיין יונגעסווייב — אויף א קליין בייגקעלע נעבען זיינע פיס. דער דאקטאר האט מיט א געניינטען שמייכעל געלעזט עפעס א כתב, וועלכער האט זיכער ערקלעהרט די פערפלאנטערטע טהעאריע פון די גריכישע שרשים; מ—ס סטראנג, אויפהויבענד דען קאפ, האט אויף איהם געקוקט; נור אויף איהר געזיכט איז געווען עפעס אזא מין אויסדרוק, וועלכען איך האב ביי איהר קיין מאל ניט געזעהן. איצט, ווי אללע מאל, איז דאס געזיכט געווען זייער שאן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס עס איז געווען בעדעקט מיט א טוידטע בלאסקייט, נור אין דער זעלבע צייט איז דאס געזיכט געווען משונה, און אויף איהם האבען זיך געשפיגעלט טויזענדער געדאנקען, די אויגען זיינען געווען ברייט פערנאנדער געאפענט; איהרע קאשטאניען האר זיינען אראב געפאללען אין פראכטיגע לאקען אויף די אכסלען און אויף דער ווייסער קלייד. וואס האבען איהרע פייערדיגע בליקען אויסגעדריקט? ווייס איך אפילו איצט ניט, ווען איך קוק אויף זיי מיט אויגען, וועלכע זיינען געוואהנט צו בעטראכטען אללע אומשטאלטען פון מענשענס נאטור. שאנדע, ערנידרונג, חרטה, שטאלץ, ליעבע, צוטרויליכקייט, האפנונג — דאס אלס האב איך קלאהר געלייענט אין איהר בליק, אויסער דעם, האט איהר פיגור אויסגעדריקט א-נ-אונבעשרייבליכען שרעק.

ביי מיין אריין קוממען איז זי, ווי ס'האט געשיינט, געקוממען צו זיך.

דאקטאר סטראנג האט אויך געדארפט אוועק לייגען זיין אונענדליכען כתב. ווען איך בין צוריק אריין אין צימער אוועק שטעללען די ליכט, וואס איך האב גענומען פון טיש, האט ער איהר מיט פאטערליכע צארטקייט געגלעט איבער'ן קאפ אונ געבעטען, זי זאל, גיין שלאפען, נור זי האט איהם זייער גענומען בעטען, ער זאלל איר ערלויבען פערבלייבען מיט איהם די גאנצע נאכט. ביי מיין ארויסגאנג האב איך אבגעקעהרט דען קאפ אונ געזעהן, ווי מיסס סטראנג האט אנידער געלייגט איהרע האנד צום מאן אויף די קניע אונ איין געפראגט אין איהם איהר בליק, וועלכער איז איצט געווען אביסעל רוהיגער, ווי פריהר. דער דאקטאר האט זיך ווייטער גענומען פארן כתב.

די קארטינע האט אויף מיר געמאכט א טיפען איינדרוק אונ ניט איין מאל האב איך אין דער שפעטערדיגע צייט איהר ארויסגערופען ביי זיך אין געדאנק צו ליעב אורזאכען, וואס דער לעזער וועט וויססען אין דער צייט.

IV.

דאס מזל שמייכעלט צו פאר איינגע מענשען.

פון דער צייט, וואס איך בין אנטלאפען פון מארדסטאן אונ גרינבים ווינ־האנדעל, האב איך נאך קיין איין מאל ניט דערמאנט וועגען פעגאטטי; נור ס'איז זעלבסט פערשטאנדליך, אז איך האב איהר תיכף נאך מיין קומען אין דובער געשריבען אבריעף, אונ דערנאך, אז איך האב זיך איינגעלעבט ביי דער באבען, האב איך איהר געשריבען א צווייטען בריעף אונ פאדראבנע דערצאהלט איהר פון מיין נייען לעבען. ביי מיין אריינטרעטען אין אינסטיטוט צום דאקטאר, האב איך איהר ווייטער אוועק געשיקט א גרויסען פאקעט. פון דעם געלט, וואס איך האב ערהאלטען א מתנה פון מ—ר דיק, האב איך אבגעשיקט א האלבע גינייע איינצאהלען איהר מיין חוב אונ איצט ערשט האב איך זיך בעשלאססען דערצאהלען איהר פון טויגעניכטס אין טאראטייקע.

אויף די אללע בריעף האט זי געאנטפערט מיט דער ערשטע פאסט מיט דער זעלבע אקוראטנאסט, וואס דער אלטער פריקאזציק אנטפערט זיין בעל הבית אויף א נויטהיגען בריעף, זי האט געבאך אויסגעמאטערט איהר גאנצע מארך אויס־שרייבען מיר דייטליך איהרע געפיהלען, וואס האבען זיך געשטויסען אין איהר הארצען, ווען זי האט בעקומען די ערשטע בשורה פון מיין אנטלויפען, פיער זייטלאך פערשריבען מיט קורצע זאצען אהן א-נ-אנהויב אונ אהן א סוף מיט גרויסע פלעקען טינט האבען מיר דערוויזען, אז זי האט דאס פאפיר צו ווייקט אין טרערען, שרייבענדיג. קיין חכם אין דער וועלט וואלט ניט געהאט כח ערקלערען דעם

אינהאלט פון בריעף, וועלכען נור פעגאטטי אלליין האט פערשטאנען; נור זי האט געוויינט, ווען זי האט איהם געשריבען: וואס דארף מען נאך?

דאך האב איך לייכט פערשטאנען, אז פעגאטטי האט א פארטהייל וועגען דער באבען אונ ס'איז געוועזען גרינג ארויס צו זעהן, אז איהר איז שווער אומבייטען איהר מיינונג וועגען איהר. „ס'איז משוגה" האט זי געשריבען: — „וואס מיר האבען ביז אהער וועגען מיסס בעטסי קיין גוטעס ניט געהערט. אונ אט זאגט איר פונקט דעם היפך. דאס איז דאך, ווי זאגט מען דאס, א גוטער מוסר". פעגאטטי האט מורא געהאט פאר דער באבען, דאס האט מען געקאנט ארויסזעהן פון די גערוססען, וואס זי האט געשריבען צו דער באבען מיט פחד. אויך האט זי מורא געהאט פאר מיר אונ האט גערעכענט, אז איך וועלל נאך אנטלויפען א צווייטען מאל פון דובער. דאס האב איך פערשטאנען פון די אנצוהערעניש, וואס זי האט מיר געגעבען אין די בריעף, אז דער דיליזשאנס גייט פון דוער אין יארמאאוז דריי מאל א וואך אונ איהר אדרעס ווייסען אללע קאנדוקטארען.

איין נאכריכט אין איהר בריעף האט מיך ארויף געבראכט אויף טרויריגע געדאנקען. זי האט געשריבען, אז אין אונזער אלטען הויז האט מען געמאכט א ליציטאציע אויף די גאנצע מעבעל, אז מ—ר אונ מיסס מארדסטאן זיינען אוועק געפארען אונ מען ווייסט ניט וואו, אונ אז אונזער הויז ווערט פערקויפט אדער פערדונגען. איין גאט ווייסט, אז ווען דער שטיף-פאטער האט מיט דער שוועסטער געוואהנט אין הויז האב איך אויך דארט קיין שום חלק ניט געהאט, נור דאך איז מיר שווער געוועזען צו טראכטען, אז אונזער אלטער ניעסט ווערט איצט פערווארפען, דער גארטען וועט פוסטעוועץ אונ אהן א צווייפעל אויף די ארטער, וואו פריהער האבען געבליט גאנצע בייטען בלומען, וועגען וועלכע מיין מוטער האט אזוי געזארגט, וועללען איצט פערדעקט ווערען מיט קראפעווע. איך האב זיך פארגעשטעלט מיט א גרויס קלאפונג אין הארצען, ווי דער ווינד קלאגט אונטער די וואנד פון אונזער הויז, ווי די טראפען רעגען קלאפען אין די שויבען, ווי פוסט ס'זיינען געווארען אללע צימערען אונ ווי פאר'ן שיין פון דער לבנה זעהן זיך שאטענס פון גייסטען אונ ערשיינונגען אין שטיללע האלבע נאכט. נאך א מאל זיינען מיר ארויף אויף'ן געדאנק די צוויי קברים אונטער די ברייטצווייגע בוימער אונ מיר האט איצט געדוכט, אז צוזאממען מיט'ן הויז איז אבגעמעקט געווארען דער לעצטער זכר פון מיין פאטער אונ מוטער.

ווייטער קיין נייעס האב איך ניט געפונען אין איהרע בריעף. בארקיס איז געוועזען, נאך איהרע ווארטער, זייער א גוטער מאן, האטשע ער איז א ביסעל קארגלאך נור דאס איז א קנאפע זאך, ווייל יעדער מענש האט זיינע פעהלערען אונ זי (פעגאטטי) האט זיי זייער פיעל (האטשע ביז איצט ווייס איך ניט אין וואס זיינען בעשטאנען איהרע פעהלערען). דער קליינער שלאף-צימער ביי מ—ר

בארקים אין הויז איז שטענדיג גרייט פאר מיר און בארקים לאזט מיר פריינדליך גערימסען. מ-ר פענאטטי איז געזונד, נאט צו דאנקען, חם איז אויך געזונד; מיסס גודמידשו טרויערט, ווי פריהר, די קליינע עממי ווילל מיך אלליין ניט קושען, נור זי בעט פענאטטין, זי זאלל מיר אבשיקען דעם קוש.

די אללע ידיעות האב איך פינקטליך איבער געגעבען דער באבען, רעכענענדיג פאר נויטהיג פערשווייגען נור וועגען דער קליינע עמיליע, ווייל נאך מיין רעכענונג איז אויס געקוממען קאן די באבע צו איהר ניט פיהלען קיין ליעבע.

די ערשטע מאנאטען פון מיין לערנען אין אינסטיטוט, פלעגט מיסס בעטסי קוממען צופארען זייער אפט אין קענטערבערי און כמעט יעדעס מאל אין איין אנדער צייט, כדי, ווי איך פערשטיי, טרעפען מיך פלוצים; נור צום גליק האט זי מיך שטענדיג געטראפען ביי ביכער און יעדעס מאל האט מען איהר געגעבען דעם בעסטען מיינונג וועגען מיר, וואס האט איהר דערצייגט, אז איך מאך גרויסע פארשריטע אין לערנען. דאריבער האבען זיך באלד אויפגעהערט איהרע פלוצליכע וויזיטען. איצט פלעג איך זיך מיט איהר זעהן א פאר מאל אין מאנאט אין די שבתים טאג, ווען מיר איז געווען ערלויבט פארען אין דובער. מ-ר דיקק פלעגט צו מיר קוממען מיטוואך ריכטיג אין האלבען טאג. ער פלעגט ביי מיר פערבלייבען ביז אויף מארגען פריה.

ביי יעדער רייזע פלעגט ער מיט ברייגגען זיין לעדערנען פארטפעל מיט אללע שרייב געצייג וואס איז נויטהיג צו זיינע כתבים. יעדעס מאל האט ער מיר א שמחה אנגעזאגט, אז ער פערענדיגט שוין די כתבים און גאר גיך ווערט ער פון זיי פטור.

מ-ר דיקק האט זייער ליעב געהאט איינגבער-לעקאכלאך און כדי פערשאפפען איהם פערגניגען ביי זיינע רייזעס, האט די באבע מיר געגעבען ערלויבנים מאכען פאר איהם א קאנטע אין א לעקאך-קראמיל, נור דאך האט די באבע פריהר בעווארענט, אז פאר קיין פאלל זאלל מען מיר ניט בארגען מער ווי פאר א שיללינג אין מעת-לעת. דאס, ווי אויך דער רעכנונג פון טראקטיר, וואו מ-ר דיקק פלעגט שלאפען, וואס איך פלעג אבשיקען דער באבען, זי זאלל איינצאהלען, האבען מיר ארויף געבראכט אויף'ן געדאנק, אז מ-ר דיקק האט נור רעכט געהאט קלאפען מיט זיין געלט אבער ניט אויסגעבען עס. און דאס איז טאקע אזוי געווען. דערנאך האב איך זיך דערוואוסט, אז די באבע האט מיט איהם אויסגענוממען א תנאי, ער זאלל ניט אויסגעבען איין פענס אהן איהר ידיעה. ער האט זיך שטענדיג געסטארעט נאך געבען איהר און האט איהר קיין מאל ניט גענארט. דאס האט איהם געראטעוועט פון פיעל איבריגע הוצאות, און מ-ר דיקק האט מיר איינגערוימט א סוד, אז די באבע איז אין דעם היגזיכט, ווי אין אללע היגזיכטען, די קליגסטע פרוי אין דער וועלט. די ווארטער האט ער

ארויס גערעדט אזוי שטילל, אז מען האט זיי קוים געהערט, און ער האט דאבייַ געדרייט מיט'ן קארפער.

א מאל, קומענדיג צו פארען מיטוואך האלבען טאג, איז ער אריין צו מיר אין צימער מיט א פערזארגטען געזיכט און געזאגט:

— טראטוויד, ווייסטו ניט, ליעבער פריינד, וואס פאר א מאנספערזאן דרייט זיך ארום אונזער שטוב און שרעקט איהר?

— וועמען? די באבען?

— מ—ר דיקק האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אויף יע.

— אט דאס איז די מעשה, האט ער געזאגט:— איך האב אנפאנגס גערעכענט, אז מיסס בעטסי האט פאר קיינעם אין דער וועלט קיין מורא ניט, ווייל — וועגען דעם בעט איך דיר, דו זאללסט קיינעם ניט ריידען, טראטוויד — דיין באבע, איז די קליגסטע פרוי אויף דער וועלט.

ארויסריידענדיג די ווערטער, איז ער אבגעטראטען אויף עטליכע טריט, כדי בעססער זעהן דעם איינדרוק, וואס אויף מיר האבען זיי געמאכט.

— דאס ערשטע מאל, האט זיך דער מענש בעוויזען, אויב איך האב קיין טעות ניט.... ווארט.... גאט, גיב זכרון.... יע, יע ער האט זיך בעוויזען אין טויזענד זעכס הונדערט ניין און פיערציגסטען יאר.... אין דעם זעלבען יאר ווען טשארלז דער ערשטער איז געשטארבען. דו האסט, דוכט זיך, טראטוויד, געזאגט, אז דאס איז געווען אין טויזענד זעכס הונדערט ניין און פיערציגסטען יאר?

— יע, סער.

— איך בעגרייף ניט, ווי אזוי האט עס געקאנט פאסירען, האט מ—ר דיקק געזאגט פערטראכט, זייענדיג דורכגעדרונגען מיט פינסטערע ערינערונגען. צו דען בין איך טאקע אזו אלט.

— רעכענט איר, סער, אז דער מענש האט זיך דאס ערשטע מאל בעוויזען אין יענעם יאר? האב איך געפרעגט.

— געוויס, יע. איך בין כמעט זיכער, אז דאס איז אזוי, האט מ—ר דיקק געאנטפערט נאך א קורצען נאכדיינקען. און דו, ליעבער פריינד, פון וואנען ווייסטו דאס יאר? פון געשיכטע?

— יע, סער.

— נו, אומזיסט די מיה. די געשיכטע (היסטאריע) שרייבט דאך קיין מאל קיין ליגענד ניט?

— א, ניין, סער, קיין מאל ניט! האב איך געאנטפערט ענטשלאססען.

איך בין נאך געווען זייער יונג און צוטרוליך, אז איך זאלל צווייפלען אין דעם, וואס די געשיכטע (היסטאריע) זאגט.

— די מעשה עפעס פערפלאנטערט זיך זייער, האט דיקק געזאגט, שאקלענד

מיט'ן קאפ. ווער ווייס פיעלייכט האט זיך דא אריינגעגנבעט א ראדיקאלנער טעות. נור גאר נישט... יע... דער מענש האט זיך ווירקליך בעוויזען דאס ערשטע מאל אין דער זעלבע שעה, ווען טשארלז'ס מארך האט זיך איבער געקייקעלט צו מיר אין קאפ און די מעשה האט פאסירט גאר איינפאך געוואהנליך. מיר זיינען מיט מיסס טראטוויד ארויס שפאצירען נאך טהיי אבענדצייט: דא האט זיך געגעבען אונזערע פענסטער בעוויזען דער מענש.

— ער האט אפשר שפאצירט? האב איך געפרעגט.

— שפאצירט — ווער? נור ווארט, איך וועל זיך א ווייליע בעדיינקען. ניין, ניין. ער האט ניט שפאצירט. קיינער האט ניט שפאצירט.

כדי קירצער מאכען די מעשה, האב איך איהם פראסט געפרעגט:

— וואס האט דער מענש געטאן?

— וואס הייסט וואס? ס'איז גאר ניט געוועזן. ער איז נור אונטער געגאנגען צו איהר פון הינטען און א שושקע געטאן... וואס האט ער געזאגט, ווייס איך ניט. זי האט אב געקעהרט צו איהם דאס פנים און געפאללען חלשות. איך בין געשטאנען און געקוקט אויף איהם. ער איז אוועק. וואו ער איז אוועק צו אין דער ערד, צו אונטער דער ערד, ווייס איך ניט, א וואונדערבארע זאך! איך ווייס נור, אז ער האט זיך בעהאלטען.

— און פון דער צייט, וואס ער האט זיך בעהאלטען, האט איר איהם מער ניט געזעהן?

— אט דאס טאקע איז דער גאנצער רעטעניש, וואס איך האב איהם געזעהן, האט מ—ר דיקק געאנטפערט, שאקלענדיג וויכטיג מיט'ן קאפ. ביז געסטער'ן ביי נאכט האט ער זיך ניט בעוויזען, מיר זיינען ווייטער ארויסגעגאנגען שפאצירען; ער איז צו איהר צוגעגאנגען פון הינטען. איך האב איהם גלייך ערקאנט:

— און ער האט ווייטער דערשראקען דער באבען?

— זי האט אנגעהויבען ציטערען, האט געזאגט מ—ר דיקק, און איבער־געמאכט זייער ריכטיג ווי דאס איז געוועזן, דאבאי האבען די צייגער ביי איהם געגומטען סקריידזען. — זי האט זיך אנגעהאפט פאר'ן פארענץ. זי האט געשריען. קום אונטער אהער, טראטוויד, האט מ—ר דיקק געענדיגט, צושלעפענדיג מיר צו זיך, כדי בעסער סוד'ען מיר אין אויער: קאנסטו מיר ניט ערקלעהרען, פאר וואס האט זי איהם געגעבען געלט אין דער ליכטיגע נאכט.

— געוויס איז דאס געוועזן א־נ־ארימאן.

מ—ר דיקק האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ אויף א צייכען, אז ניט און איינינע מאל ווידערהאלט מיט גרויס ענערגיע:

— ניין, סער, ניט קיין ארימאן. וואס פאר א־נ־ארימאן! ניין, דו האסט א טעות. עט, ווי קומט ער צו א־נ־ארימאן!

דערנאך האט ער אין קלאהרע רייד מיר דערצאהלט, אז שפעט ביי נאכט האט ער אלליין מיט זיינע אויגען געזעהן פון פענסטער, ווי די באבע האט מיט דעם מענשען גערעדט ביי דער טהירל פון גארטען אונ האט איהם פאר דער שיין פון לבנה געגעבען געלט. ער איז אוועק אדער, ריכטיגער, אריינגעפאללען אין דער ערד אונ פון דער צייט האט מען איהם שוין מער ניט געזעהן. די באבע איז געשווינד אונ געהיים אריין צוריק אין שטוב אונ אויף מארגען פריה איז זי ניט געווען ביים מוטה. דאס אלס האט זייער געשטערט זיין רוה.

ביים אנהויב מעשה, האב איך ניט אנגעהויבען צו צווייפלען, אז דער אונבעוואוסטער, וואס האט אנגעשראקען מ־ר דיקק'ן אין בלויז בעשאפען געווארען ביי איהם אין פאנטאזיע אונ ער געהערט צו יענעם טהייל ברואים, וואס האבען א שייכות מיט טשארלז דעם ערשטען; נור דערנאך ווען איך האב מער בעטראכט די מעשה, זיינען מיר איינגעפאללען אנדערע מחשבות: ס'קאן גרייליך זיין, אז איינער פון דיקק'ס קרובים האט געוואלט אב נעמען דיקק'ן פון דער באבען אונ די באבע, וואס האט זייער ליעב דיקק'ן, האט געגעבען א געוויססע סוממע געלט מען זאלל איהם איבער לאזען, ווי פריהר, ביי איהר. איך האב געליעבט מ־ר דיקק'ן אונ ניט ווייניגער פון דער באבען האב איך זיך געשראקען פאר זיין צוקונפט. די שרעק, נאטירליך, האט בעשטאטיגט מיינע השערות אונ ווען ס'פלעגט קוממען דער מיטוואך, ווען מ־ר דיקק האט געדארפט קוממען צו פאהרען, פלעג איך זיך פראגען וועלל איך נאך זעהן ווי ער זיצט נעבען קוטשער אויף די קאזלעס אין דילישזאנס אונ פארט צו צו אונזער הויז? דאך פלעגט ער אללע פיערצעהן טאג קוממען צו פאהרען אונ א רוהיגער שמייכעל האט געשיינט אויף זיין צוקנייטשטען געזיכט. פון דער צייט האט מ־ר דיקק שוין מער ניט גערעדט וועגען דעם אונבעקאנטען מענשען וואס האט זיך בעוויזען דער באבען.

די מיטוואך'ס זיינען געווען די גליקליכסטע טאג אין מ־ר דיקק'ס לעבען, אונ איך בין געווען גליקליך מיט איהם. באלד האבען זיך פון איהם דערוואוסט אללע שילער פון אינסטיטוט. ער פלעגט זיך מיט אונז צוזאממען שפיעלען אונ העלפען אונז לאזען פאפירענע שלאנגען אונ האט אין דעם ארויסגעוויזען גרויס געשיקטקייט. ווי אפט פלעגט טרעפען אין א קריטישע מינוט, איינהאלטענדיג אין זיך דעם אטהעם, פלעגט ער נאכקוקען די שילער, ווען זיי האבען זיך געשפיעלט אין מארמארנע באללען. ווי אפט, ארויפקלעטערינדיג אויף'ן בארגיל מיט'ן הוט אין דער האנד, פלעגט ער שרייען מיט כל הכחות אונ מאכען מיט די האנד, ווען זיי האבען געשפיעלט אין „האז אונ וואלף"! אין די מינוטען ווען ער איז געווען העכסט בעלעבט, האט ער פערגעססען טשארלז דעם ערשטען מיט זיינע ענוים, אונ מיסס בעטסי'ס גאונישע פייהיגקייטען אונ זיינע אונענדליכע כתבים — אלס אויף דער וועלט האט ער פערגעססען! פיעל מאל אין די ווינטער־טאג האב איך

בעמערקט, ווי דער געעהרטער זקן וועלכע איז בעוויסט מיט שווע האר, שטייט אין שני ביים ברעג טייך אנטקעגען ווינד, די נאז איז איהם ווייס פון פראסט, די באקען בלוי און ער שטייט און פאטשט מיט די האנד, ווען מיר גליטשען זיך איבער'ן אייז.

דערפאר אבער האבען איהם אללע שילער פון אינסטיטוט ליעב געהאט און אללע אין איין קול געזאגט, אז אין קליינע זאכען איז ער דער גראסטער מענש. ער פלעגט אויסשניידען פון אפעלסין־שאלעכץ אזעלכע וואונדערבארע שפריכווארטער (דערוויזען), וועלכע וואלטען א געוואהנליכען מענשען גאר ניט איינפאללען אין קאפ. ער האט געקאנט מאכען א שיפפעל פון יעדען מאטעריאל, וואס איהם איז אריינגעפאללען אין האנד, פון ביינער פלעגט ער אויס־שניצען פיגורען צום שאכמאט, פון אלטע קארטען — מאכען קארעטען אין ראמעשען געשמאק; נור איבערהויפט האט ער בעוויזען זיין קונסט אין די ארבייט, האז ס'זיינען געברויכט געוועזען שטריק און שטרויה. מיר זיינען אללע געוועזען זיכער, אז פון די מאטעריאללען קאן ער מאכען אלס צו וואס דעם מענשענס האנד זיינען פייהיג.

מ—ר דיקק'ס נאמען איז געווארען גראסער, וואס פון טאג, און ער האט זיך דערנעהערט צום דירעקטאר אליין. אמאל האט מ—ר סטראנג געשיקט רופען מיך צו זיך אין קאבינעט און פאדראבנע נאך געפרעגט אויף מ—ר דיקק'ן: איך האב אויסדערצאהלט אלס, וואס איך האב געוואוסט און געהערט פון מיסס בעטסי וועגען איהם. דעם דאקטארס נייגעריגקייט האט דערגרייכט צו דער העכסטער שטופפע, און ער האט מיר געהייסען, אז איך זאלל פאר איהם פארשטעללען מ—ר דיקק'ן, ווי נור ער וועט קוממען צו פארען. איך האב איהם פארגעשטעללט און ער איז דעם דאקטאר זייער געפאללען געווארען. ער האט איהם זאגאר ערלויבט קוממען גלייך אין אינסטיטוט, ניט אבשטעללענדיג זיך אין קאנטאר פון די דילישזאנסען און אבווארטען דא ביז דאס לערנען וועט זיך ענדיגען. פון דער צייט פלעגט מ—ר דיקק, וואס האט זיך גערעכענט פאר'ן גליקליכסטען מענשען אין דער וועלט, קוממען אקוראט צוועלף א זייגער און שפאצירען איבער'ן הויף ביז אונזער ארבייט אין קלאסס האט זיך געענדיגט. אפט פלעגט איהם אויסקוממען זייער פיעל צו ווארטען, ווייל מיטוואך איז געוועזען מער ארבייט. דא, אויף'ן הויף, האט ער זיך בעקאנט מיט'ן דאקטארס פרוי, וועלכע איז איצט געוועזען זייער בלייך און פלעגט קיין מאל ניט ארויס פון צימער. אויף אזא אופן איז מ—ר דיקק געווארען אלס מער בעוואוסט, און האט ענדליך געקראגען ערלויבניש פרייה אריינקוממען אין קלאס גופא. דא פלעגט ער זיך שטענדיג זעצען אין זעלבען ווינקעל, אויף'ן זעלבען שטוהל, וועלכען מען האט דאריבער א נאמען געגעבען דיקק.

דעם דאקטאר האט מ—ר דיקק גערעכענט פאר'ן גראסטען פהילאזאף אין

דער וועלט. א לאנגע צייט האט ער גערעדט מיט'ן דאקטאר ניט אנדערש ווי אהן א היטעל אפילו דאמאלס, ווען זיי זיינען שוין געווען גוט בעפריינדעט, און שפאצירט אין א ווינקעל הויף, וואס מיר האבען גערופען „דעם דאקטארס אללעע". ווי אזוי האט עס פאסירט, אז דער דאקטאר האט, שפאצירענדיג, גענוממען פאר זיין פריינד לייענען שטיקלאך פון זיין גריכישען לעקסיקאן — האבען מיר בשום אופן ניט געקאנט טרעפען און עד היום איז עס פאר אונז געבליבען א רעטעניש.

איך זעה, ווי איצט, ווי די צוויי זעלטזאמע פריינד גייען הין און הער פאר ביי די פענסטער פון קלאסס: דער דאקטאר לעזט מיט א געניינטען שמייכעל און ערקלעהרט דעם תוך פון די גריכישע שרשים, מאכענדיג מיט די האנד; מ—ר דיקק, זייענדיג פעראינטערעסירט מיט פהילאלאגיע, הערט זיך צו און בלינצעלט מיט די אויגען, איינהאלטענדיג דעם אטהעם, האטשע צייטענווייס פליהען אוועק זיינע געדאנקען אויף די בלייערנע פליגלען פון די גריכישע ווארטער אין אונבעקאנטע ארטער. די סצענע האט מיר דאמאלס, אזוי ווי איצט פערשאפט די גרעסטע פערגעניגען. ווען מענשען וואלטען קאנען שטענדיג זעהן פאר זיך אזעלכע צוויי פריינד ווי דאקטאר סטראנג און מ—ר דיקק, וואלט ממילא אויפגעהערט די גאנצע חב'קעריי אויף דער וועלט און ס'וואלט געווארען א אידיללישע רוהיגקייט אנשטאדט דעם עגאאיסטישען פילדערען, וואס ס'טהוט זיך אין אונזער צייט.

אגנעס האט זיך אויך בעפריינדעט מיט מ—ר דיקק. אויך האט ער ניט געקאנט ניט בעקאנען זיך מיט גיפפ'ן, ווייל ער איז זייער אפט געווען ביי אונז אין הויז. נור איך בין פאר איהם געשטאנען אויף'ן ערשטען פלאן. אין קענטערבערי פלעגט ער קוממען אלס מיין משגיח און אפעקון, נור אויסגעקוממען איז פונקט פערקעהרט: ער איז געווען אונטער מיין אפעקע און איך האב איהם געדארפט אבהיטען. אין אללע צופאללע, וואס האבען געפאדערט שכל, האט מ—ר דיקק געפרעגט מיין מיינונג און געפאלגט, וואס איך האב געזאגט. ער האט טיעף געשעצט מיינע גרויסע פייהיגקייט, וועלכע איך האב בעקוממען נאך זיין מיינונג אין ירושה פון מיין באבען.

א מאל דאנערשטאג פריה, ווען איך האב בעגלייט מ—ר דיקק'ן צום דילישזאנס, האב איך אנגעגעגענט אויף'ן וועג גיפפ'ן, און ער האט מיר דערמאנט, אז איך האב איהם א מאל צוגעזאגט בעזוכען זייער ארימע שטיבעל.

— נור וואס איז פאראן צורייען? האט אוריה געזאגט מיט די גרימאסען פון א שלאנג. — פערשטייט זיך, אז איר וועט ניט האלטען ווארט, מ—ר קאפפערפילד: מיר זיינען צוגראבע מענשען אז מיר זאללען קאנען פיהרען בעקאנטשאפט מיט אזא דשענטלמען, ווי איר זייט, סער.

ביז איצט האב איך נאך ניט געקאנט בעשטיממען, צו ליעב איך אדער איך פערהאס אוריה'ן, און מיינע געדאנקען האבען זיך געוויגט צווישען די ענטגעגענ-

געזעצטע געפיהלען, ווען איך בין געשטאנען אין גאס און געקוקט איהם אין געזיכט. נור אללענפאלס איז מיר געוועזען א שאנדע צוהערען אזא מיינונג וועגען מיין גאוה און איך האב געאנטפערט, אז איך בין גרייט צו גיין, ווען ער וויל, אויב ער וועט מיר בעטען.

— א, אויב אזוי, מ-ר קאפפערפילד, האט געזאגט אוריה: — אויב, דאס הייסט איר פעראכטעט אונז ניט פאר אונזער ארימקייט, קאנט איר ניט קוממען צו אונז אבענד? נור אויב איר שעמט זיך מיט אונז, טא בעאונרוהיגט זיך ניט, מ-ר קאפפערפילד: מיר פערשטייען זייער גוט אונזער אונווירדיגקייט און מיר וועללען זיך ניט בעקלאגען אויף אזא דשוזענטלמען ווי איר זייט.

איך האב געאנטפערט, אז איך וועלל פריהער בעטען ערלויבניש ביי מ-ר וויקפילד'ן און אויב ער וועט ערלויבען — אין וואס ס'איז גאר קיין ספק ניטא — וועלל איך מיט גרויס פערגעניגען קוממען צו זיי אויף א גלאזיל טהיי.

זעכס א זייגער. ווען די ארבייט אין קאנטאר האט זיך געענדיגט, האב איך אוריהן געזאגט, איך בין גרייט צו גיין.

— א, די מוטער וועט זייער שטאלצירען מיט אזא גאסט, ווי איר זייט, מ-ר קאפפערפילד! האט גיפ געזאגט, ווען מיר זיינען ארויס אויף דער גאס. — דאס הייסט, זי וואלט געוויס שטאלצירט, ווען גאוה זאלל ניט זיין קיין זינד.

— דאך גלויב איך אז אין דער פריה האט איר אזוי ניט געדיינקט, ווען איר האט מיך גערעכענט פאר א בעל גאוה, האב איך געזאגט.

— א, ניין, מ-ר קאפפערפילד, חס ושלום! האט אוריה געאנטפערט. — גלויבט מיין געוויססען, מ-ר קאפפערפילד: איך האב גאר ניט אנגעהויבען אזוי צו דיינקען! אזא געדאנק איז מיר גאר אין קאפ ניט אריין געקוממען. מיר זיינען גראבע מענשען, ארימע און מען דארף גאר קיין גאוה ניט האבען, אז מען זאלל זיך מיט אונז שעמען. מיר קאנען זיך און פערשעמען קיינעם ניט.

— איר האט, דוכט מיר, זייער פלייסיג זיך בעשאפטיגט אין דער לעצטע צייט מיט יוריספרודענץ (געזעצלערע)? האב איך געפרעגט, כדי אום בייטען דעם שמועס.

— איך לעז אביסעל, מ-ר קאפפערפילד, איר האט רעכט. נור קאן מען דען דאס רופען בעשאפטיגונג? האט אוריה געאנטפערט מיט א ענייוות-קול. א שעה אדער צוויי ביי נאכט, איז דאס ניט מיט א מאל — וואס איז דאס פאר א בעשאפטיגונג? איך לעז אלס דעם הערן טידד.

— מיר דוכט, אז ער איז א שווערער שרייבער, האב איך געזאגט.

— פאר מיר איז ער זייער שווער, האט אוריה געאנטפערט, נור פאר א דשוזענטלמען מיט אייערע פייהיגקייט וואלט גאר ניט געוועזען שווער. איך בין זיכער אין דעם.

דערנאך האט ער גענוממען פויקען מיט די דארע פינגער פון דער רעכטע האנד איבער'ן קינבאק און געזאגט:

פאר א מענשען מיט אזעלכע פייהיגקייט ווי ביי מיר, געפינגען זיך ווירקליך ביים הערצן טידד זייער שווערע ארטער.

— אין וואס בעשטייט די שווערינקייט?

— דער הערר טידד בענוצט זייער פיעל לאטיינישע ווארטער און טערמינען.

— דאס גאר? אפשר וואלט איר זיך לערנען לאטיין, מ—ר גיפפ? איך וועלל מיט'ן גרעסטען פערגעניגען לערנען מיט אייך.

— א, איך דאנק אייך, מ—ר קאפפערפילד, האט אוריה געאנטפערט, שאקלענד מיט'ן קאפ. — איך גלויב, אז איר ווילט עס טהון מיט'ן גאנצען הארצען: נור איך קאן די טובה ניט אננעמען.

— פאר וואס?

— ווייל איך בין זייער א ניכטיגער מענש, מ—ר קאפפערפילד.

— עט, נארישקייט!

— ניין, פערצייהעט מיר, מ—ר קאפפערפילד. איך בין אייך זייער דאנקבאר; איך וואלט זייער וועלען לערנען לאטיין, נור איך פערשטיי זייער גוט מיין ניכטיגקייט און גראבהייט. אהן דעם איז אויך פאראן פיעל מענשען אויף דער וועלט וואס זיינען גרייט פערוואַרפען מיך מיט בלאטע: וואס וועט שוין זיין, אז איך וועלל נאך זיי בעליידיגען מיט דעם, וואס איך וועלל ערוועלבען קענטניססע? ניין מ—ר קאפפערפילד, בילדונג איז ניט פאר מיר. אזויגע מענשען, ווי איך, דארפען וויססען זייער ארט און ניט קריכען אין די הויכע פענסטער. וואס האבער זיי ווילען זיך אויפהויבען, פאללען זיי אלס נידריגער; אזוי פיהרט זיך שוין די וועלט, מ—ר קאפפערפילד.

קיין מאל איז זיין מויל ניט געוועזען אזוי ברייט אפען, און די קנייטשען אויף זיין געזיכט אזוי עקעלהאפט, ווי אין דער מינוט, ווען ער האט גערעדט די רייד, דאביי האט ער זיך געדרייט און געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— מיר דוכט, אז איר האט א טעות, אוריה, האב איך געזאגט. איר דארפט נור וועלען און איך וועלל אייך ביסלעכווייס אונטערהעלפען אין לערנען.

— א, איך צווייפעל אין דעם ניט, מ—ר קאפפערפילד, אפילו איין האר ניט.

— טא וואס איז די מניעה?

— מער ניט ווי צו ליעב דעם, וואס איך בין א קליין מענשעלע. איר שטייט אזוי הויך, אז אייך איז אונמעגליך פערשטיין מיינע געפיהלען. איך וועלל בשום אופן ניט מרוצה ווערען קריגען שונאים צו ליעב דעם נור, וואס איך וועלל ווערען עטוואס געבילדעטער. זאללען זיי גיין אין זייער וועג און איך אין מיינעם. אט איז אונזער ארימע שטיבעל, מ—ר קאפפערפילד.

מיר זיינען אריין פון גאס טהיר אין א נידריגען אלטמאדישען צימער און האבען דארט געטראפען מיסס גיפ, א קליינע לעדי וואס איז כמעט געוועזען אין אלם

גערעטען אין זוהן, סיידען וואס איר געזיכט איז געוועזען נאך מער אבגעשטארבען. זי האט מיך בעגעגענט מיט א זא זעלבסטערנידרונג, ווי וייט מען קאן זיך פארשטעללען און האט געגעבענט פאר נויטהיג בעטען ביי מיר ערלויבניש א קוש טהון איהר זוהן, ווארום האטשע זיי זיינען קליינע מענשעלאך איז צווישען זיי די ליעבע זייער שטארק און זי האפט, אז מיט דעם וועט זי קיינעם ניט בעליידיגען. דער חדר איז געוועזען האלב א גאסט־צימער און האלב א קיך, נור מען קאן ניט זאגען, אז ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין ריינקייט. דער טיש איז געוועזען געדעקט צו טהיי; דאס וואסער האט געקאכט אויף'ן דרייפוס. אין די אויגען האט זיך מער פאר אלס געווארפען ניפ'ס קאנטארקע, נעבען איהר איז געלעגען א זאקיל מיט פאפירען. אויף דער רויטע פאליצע זיינען געשטאנענען עטליכע ביכער און אין מיטט'ן טידד'ס „פראקטישע לערע". אין ווינקעל איז געשטאנענען א בופעט מיט כלים און הינטער איהם עטליכע שטוהלען. די מעבעל איז געוועזען גאנץ געוועהנליכע, נור צושטעלט גאר אהן א געשמאק.

מיסס ניפפ איז געוועזען געקליידעט אין א טרויער־קלייד. איהר מאן איז געשטארבען לאנג, נור זי האט אלס געטראגען טרויער, ווייל א זא קאסטיום האט מסתמא דערוויזען איהר צובראכען געמיט. איין אויסנאהם איז נור געוועזען די העלע הויבע ביי איהר אויף'ן קאפ, נור די אללע איבריגע זאכען זיינען געוועזען אזוי שווארץ, ווי אין די ערשטע טאג, ווען דער מאן איז געשטארבען.

— דער טאג, ליעבער אוריה, דארף זיין אויסגעקריצט אויף די לוחות פון אונזער הארץ, האט מיסס ניפפ געזאגט: — געוויס וועסטו קיין מאל ניט פערגעססען, אז מ—ר קאפפערפילד האט אונז בעגליקט מיט זיינעם א וויזיט.

— איך וועל קיין מאל ניט פערגעססען, מוטערל, קיין מאל ניט.

— א, ווען דיין פאטער וואלט דערלעבט ביז היינטיגען טאג! האט אויס־געשריען מיסס ניפפ. מיר וואלטען אללע דריי געקאנט פרייהען זיך מיט אזא גאסט.

די קאמפלימענטען זיינען מיר געוועזען פריקרע; דאך האט מיר דער געדאנק, אז מען נעמט מיך אן פאר אזא וויכטיגען גאסט, זייער גע'חנפ'עט און ביי מיר איז געבליבען, אז מיסס ניפפ איז א ליעבענסווירדיגע פרוי.

— מיין אוריה האט שוין לאנג געווארט אויף דעם כבוד, האט מיסס ניפפ געזאגט. ער האט אלס מורא געהאט, אז איר וועט זיך שעמען מיט אונזער ארימקייט, און איך בין זיך מודה, אז איך בין אויך געוועזען דעם זעלבען מיינונג. מיר זיינען אללע מאל געוועזען זייער קליין און געוויס וועללען מיר שוין אזוי שטארבען.

— מיר דוכט, מאדאם, אז די זאך איז גאר ניט אזוי, ווי איר שטעללט פאר, האב איך געזאגט.

— איך דאנק אייך, סער, אויב אייך דוכט טאקע אזוי, האט מיסס ניפפ געאנטפערט: מיר קאנען זיך זייער גוט און קאנען זיין דאנקבאר.

מיסס גיפפ האט זיך געזעצט נאהענטער צו מיר און אוריה אנטקעגען. זיי האבען גענוממען מיר מכבד זיין מיט די בעסטע שפייזען אויפ'ן טיש און געבעטען, איך זאלל וואס מער געניסען. די נאשעריי זאבען האבען מיר ניט געשמעקט, נור איך האב זיי געדאנקט פון נאנצען הארצען פאר זייער גוטען ווילען. זיי האבען זיך געסטארעט, ווי ווייט זיי האבען געקאנט, צופריעדען שטעלען מיך, נור דאך האט עס זיי ניט געשטערט פיהרען א בעלעבטען שמועס. אנפאנגס האבען זיי פערציילען א רייד וועגען דער באבען און איך האב זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט דער־צאהלען פון איהר איינינע הארבאקטערנע זאכען; דערנאך האבען זיי פערצויגען א רייד וועגען טאטעס און מאמעס: איך האב זיי דערצאהלט, ווער זיינען געווען מיין פאטער און מוטער, וואו זיי האבען זיך געפונען און ווען זיי זיינען געשטארבען. דערנאך האט מיסס גיפ געגעבען עפעס ווי אנצוהערעניש וועגען א שטיף־פאטער און איך האב שוין געוואלט אויסדערצאהלען פון מ—ר און מיסס מארדסטאן, נור איך האב זיך גלייך געחאפט, אז די באבע האט מיר געהייסען וועגען זיי שווייגען. נור קאן דען א יונגע און ווייכע פראבקע (קאראק) ביי שטיין קעגען צוויי שטארקע פראפענציהערס? קאן דען א צארטער און א יונגער צאהן איינשטיין אויף א־ג־ארט קעגען די צווייגגלאך פון געניטע דאנטיסטען? אוריה און די מוטער האבען פון מיר ארויסגעצויגען אלס, וואס זיי האבען געדארפט. צו מיין גרויס חרפה, האב איך זיי דערצאהלט אזעלכע זאכען, וועגען וועלכע איך האב זיך פריהער געגעבען א ווארט ניט צו ריידען פאר קיינעם, און די קינדישע אפענהערציגקייט איז געווען נאך נארישער, וואס איך האב בתמימות געמיינט, אז איך בין זייער פאטראן (בעשיצער).

די מוטער און דער זוהן האבען זיך געליעבט זייער צארטליך דאס איז געווען גאנץ קלאהר. די צארטקייט האט אויף מיר געמאכט א גוטען איינדרוק ווי איינע פון די ריהרענדע ערשיינונגען פון דער נאטור; נור ביי אללעם דעם האב איך זיך ניט געקאנט אב וואונדערען פון קונסט, מיט וועלכען זיי האבען זיך אזוי סימפאטיש איבערגעווארפען מיט ווערטער: איינער פון זיי האט נור געדארפט געבען א ווינק, איז גלייך פון דעם ווינק געווארען א גאנצע קארטינע. ווען ביי מיר האט זיך שוין אויסגענוממען אללע רייד וועגען זיך (יע, מחשבותין, וועגען מיין זיין ביי מארדסטאן און גרינבי אין ווין—האנדעל האב איך זיך אפילו מיט א האלב ווארט ניט אויס־גערעדט), האט די מוטער מיט'ן זוהן פערצויגען א געשפרעך וועגען מ—ר וויקפילד און אגנעסע. דאס געשפראך, וואס איז געווען געפיהרט מיט גרויס קונסט, איז געווען זייער אהנליך אויפ'ן שפיעל אין קריקעט. אוריה האט דער ערשטער א ווארף געטאן די פילקע צו דער מוטער: די מוטער האט איהם אונטערגעחאפט און איבער געווארפען צוריק צום זוהן: דער האט איהם צוגעהאלטען עטליכע מינוט און באלד ווייטער איבער געווארפען צו דער מוטער און אויף אזא אופן האבען זיי אזוי

לאנג געווארפען די פילקע, ביז מיר האט זיך דער קאפ פערדרייהט און איך האב שוין ניט געוואוסט ווער, ווי ס'שפיעלט. די פילקע זעלבסט האט אויך אללע רגע געביטען איהר געזיכט. דא איז מ–ר וויקפילד געווען די פילקע, דא אגנעס, דא הייטער מ–ר וויקפילד'ס גוטע איינגעשאפט, און דא ווייטער מיין צארטעס צוגעבונדענקייט צו מיסס אגנעס, דא מ–ר וויקפילד'ס פראקטישע ארבייט און זיין יארליכע הכנסה, דא אונזער שטובינע ארט לעבען נאך מיטאג, דא דער פארטוויין, וואס מ–ר וויקפילד טרינקט, פאר וואס טרינקט ער, וואס איז די אורזאכע דערפון און וואס פאר א רחמנות ס'איז אויף איהם. דאס איז געווען א צויבערשע פילקע וואס האט אנגענומען אללערליי געשטאלטען, זי איז געווען אלס און אין דער זעלבער צייט קיין זאך ניט. איך האב אויסגעפלוידערט אלס, וואס איז געווען פערבארגען ביי מיר אין הארצען. די מוטער מיט'ן זוהן זיינען געווען זייער צופריעדען פון זייער גאסט, איבערהויפט האט עס ארויסגעוויזען אוריה, וועלכער האט אהן אויפהער געצויגען מיט די ברייטע נאזלאכער.

נור מיר איז געווארען שווער, און איך האב זיך שוין געקליבען גיין א היים, ערשט מיין בליק איז געפאללען אויף א פיגור, וואס איז א דורך געלאפען פערביי דער טהיר, וואס איז געווען א ביסעל אפען, כדי אב פרישען די לופט אין צימער. די פיגור איז פערשוואונדען געווארען, נור באלד, אין א מינוט ארום, האט זי זיך ווייטער בעוויזען נעבען טהיר, אויף א רגע אב געשטעלט זיך, אריין גערוקט דען קאפ אין טהיר און ענדליך אויסגעשריען מיט א הויכען קול:

— קאפפערפילד! איז עס מעגליך?

דאס איז געווען מ–ר מיקאבער... מ–ר מיקאבער זעלבסט מיט דער לארנעטקע אויף'ן אויבערשטען קנאפיל פון ראק, מיט א שווארצען טראסט, מיט א דשענטעל־מענישע מינע, מיט א ליעבען בעטאנונג אין דער שטיממע – מיקאבער אין גאנצען פון קאפ ביז די פיס.

— ליעבער קאפפערפילד! האט מ–ר מיקאבער געזאגט, געבענדיג מיר די האנד, — א בארג מיט א בארג בעגעגענען זיך ניט; אבער א מענש מיט א מענשען — דאס איז שוין גאר א־נ־אנדער מעשה. אזא בעגעגעניש וועקט אין מענשען זיין דיינקענס־קראפט און ערקלערט איהם, אז דעם מענשענס טהון, זוכען, ארבייטען האבען דעם ממשות פון א זייפען־בלאז... מיט איין ווארט, דאס איז גאר איין אונגעוואהנליכע בעגעגעניש. גייענדיג שפאצירען איבער די גאססען פון דער שטאדט, האב איך געטראכט, ווי די פארטונע (דאס מזל) דרייהט זיך ווי א ראדיל און ווי זוכט מען אב א מיטעל צווינגען איהר, זי זאלל א ווארף טהון א גינסטיג שמייכעל אויף יענע מענשען, וועלכע האבען ביז איצט בלויז געזעהן איהר בייזען שטערן, און וואס דיינקט איהר? איך געגען אן א יונגען און צארטען, און דאריבער נאך מער ווערטהעסטען פריינד, וועלכער האט מיט

זיינע אויגן געזעהן פיעל וואונדערבארע סצענעס אין די סאמע אויסגעצייכענטע עפאכע (צייט) פון מיין לעבען. — קאפפערפילד, ליעבער פריינד מיינער, וואס מאכט איר?

איך קאן ניט זאגען אויף געוויס, צו האב איך זיך דערפרייהט, דערזעהענדיג מ—ר מיקאבער דא, ביי גיפ'ן; נור אללען פאללס איז מיר אנגענעהם געווען זעהען איהם. איך האב איהם שטארק געדריקט די האנד און געפרעגט, וואס מאכט מיסס מיקאבער.

— איך דאנק אייך, ליעבער פריינד, האט געאנטפערט מ—ר מיקאבער, און פעררינכט דעם קראגען. דער פהיזישער ארגאניזם פון מיין פרוי געפינט זיך אין א געזונדען צושטאנד. דער צווילינג האט פון א געוויססע צייט אויפגעהערט זייגען די קרעפטיגע פייכטקייט פון די נאטירליכע קוועללען... מיט איין ווארט, מיסס מיקאבער האט אנטוואהנט די קינדער און זי רייזט איצט מיט מיר צוזאמען. איהר וועט זיין זייער אנגענעהם, קאפפערפילד, בעניייען די בעקאנטשאפט מיט אזא אדעלגעבורענען יונגען מענשען, וועלכער האט שוין פיעל מאל דערציינט, אז ער איז ראוי צו דיענען ביים אלטאר פון פריינדשאפט.

איך האב געאנטפערט, אז איך וועלל ארייין קוממען צו זיי.

מ—ר מיקאבער האט א שמייכעל געטאן, פעררינכט דעם קראגען און א ווארף געטאן ארום זיך א העפליכען בליק.

— איך האב געפונען מיין יונגען פריינד קאפפערפילד, האט ער געזאגט מיט א דזשענטלמענישען טאן, — און געפונען איהם, א דאנק דעם הימעל, ניט אין איינזאמקייט, זאנדערען נעבען א טיש מיט שפייז אין איין אנגענעהמע געזעללשאפט פון א לעדי א ווידווע (אלמנה) און נאך איינעם, וועלכער איז, אהן א צווייפעל, איהרער איין איינען שפראצלינג... מיט איין ווארט, איהרער א זוהן, האט מ—ר מיקאבער פערענדיגט און א ווארף געטאן א צויבערשען שמייכעל אויף דער מוטער און זוהן. איך נעהם זיך די עהרע פארשטעללען פאר אייך, סער, און פאר אייך, מילעדי.

אויף אזא אופן בין איך געוועזן געצוואונגען פארשטעללען מ—ר מיקאבער'ן פאר דער מוטער און זוהן.

— ווען זיי האבען זיך גענוממען פאר איהם נייגען מיט גרויס עהרעפורכט, האט ער זיך מיט גדלות אנידער געזעצט אויפ'ן שטוהל און דזשענטלמעניש א מאך געטאן מיט דער רעכטע האנד.

— יעדער פריינד פון מיין פריינד קאפפערפילד, זאלל זיין ווער עס איז, פערדיענט מיין אויפמערקזאמקייט, האט מ—ר מיקאבער געזאגט.

— מיר זיינען פראסטע מענשען, סער, און זייער ניכטיג, דאס מיר זאללען זיך רופען מאסטער קאפפערפילד'ס פריינד, האט געזאגט מיסס גיפפ, — ער איז

געוועזן אזוי גוט און אריין צו אונז אויף א גלאזל טהיי, פאר וואס מיר זיינען איהם זייער דאנקבאר. ערלויבט אונז, סער, אייך אויך בעדאנקען.

— מאדאם, האט מ—ר מיקאבער געאנטפערט און דזשענטעלמעניש פערנייגט זיך. איר זייט זייער גוט. וואס טהוט איר, קאפפערפילד? אלס ווייטער אין ויין געשעפט?

די פראגע האט ארויסגערופען א העללע פארב ביי מיר אויף'ן געזיכט און איך האב זיך געסטארעט וואס גיכער ארויס פיהרען איהם פון דעם הויז. איך האב גענומען די הוט און געמאכט הארץ און געאנטפערט, אז איך לערען ביי מ—ר סטראנג אין אינסטיטוט.

— איר לערענט? האט מ—ר מיקאבער געזאגט, אויפהויבענד די ברעמען.— די בשורה ערפיללט מיין גאנצע הארץ מיט שמחה.

דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו מ—ס מיקאבער און געזאגט:

— געוויס, דער יונגער שכל פון מיין פריינד קאפפערפילד, וואס איז רייך מיט פיעל ערפאהרונגען און פיעל פראקטישע לערע, פאדערט ניט קיין גרויס הארעוואניע. זיינע טהייערע פייהיגקייטען איז א גוטע פעלד פאר דער קונסט און וויסענשאפט, וואו ס'וועללען וואכסען בעלעבענדע געוויכסע, מיט איין ווארט, קאפפערפילד קאנן ווייט פערקריכען אין בילדונג.

אוריה גיפ האט א פאטש געטאן מיט די האנד און א הויב געטאן די אויגען צום סופית, און האט מיט דעם ארויס געוויזען, אז ער פיהלט מיט וואס מ—ר מיקאבער רעדט.

— אפשר וועללען מיר איצט געהן צו מ—ס מיקאבער, סער? האב איך געזאגט, כדי גיכער ארויס פטרען איהם פון שטוב.

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען ליעבער פריינד, אויב איר ווילט מיין פרוי פערשאפען עהרע האט געאנטפערט מ—ר מיקאבער. — אט דא, אין דעם געגענווארט פון אונזערע נייע פריינד, קאן איך לאזענדיג חרפה אן א זייט, זאגען גאנץ אפען, אז איך געהער צו יענעם קלאסס מענשען, וועלכע איז בעשערט אין דעם פערלויף פון פיעל יאר, פיהרען א שווערע מלחמה מיט פינאנסען—אומשטאנדע.

מער ווי דאס האט שוין ניט געפעהלט; איך האב געוואוסט, אז ער וועט באלד פערציהען א רייד וועגען זיינע פערפלאנטערטע געשאפטען, וועלכע שטעללען ארויס פון גוטען זייט זיין תאראקטער.

— ס'פלעגט טרעפען און דאביי גאנץ אפט, אז איך פלעג ארויס אלס זיעגער פון דעם קאמפף (מלחמה); נור אויך פלעגט טרעפען, אז די שטארקע קראפט פון די אומשטאנדע פלעגט מיך צוזרייבען אויף זאמד. ס'איז געוועזן צייטען, ווען איך פלעג מיט שטאלץ אויפהויבען דעם קאפ צום הימעל און זיינענדיג דורך געדרונגען מיט גרויס ענערגיע, זאגען מיט גאראצי: „זאלל די גאנצע וועלט פאר מיינע אויגען

חרוב ווערען, וועלל איך אונטערשראקען פאללען אונטער איהרע חורבות;" נור ס'זיינען געווען אויך א וועלכע צייטען ווען, זייענדיג צוגעשטיקט פון אללע זייטען, האב איך זיך געמוזט אונטער געבען אונטער דער האנד פון הארטען מזל, אונ ווענדען זיך צו מיסס מיקאבער מיט קאפטאן'ס ווארטער: „פלאטאן, דו רעדסט זייער געזונד. אלס איז פערלארען. איך קאן שוין מער ניט שטרייטען". נור קיין מאל האב איך ניט געהאט אזא גרויסען פערגעניגען ווי אין דער צייט, ווען איך פלעג אויסגיססען מיין ביטער הארץ פאר מיין אדעלגעבוירענעם פריינד קאפפערפילד.

נאך דער רעדע האט זיך מ—ר מיקאבער אויפגעהויבען פון שטוהל, געווינשט א גוטע נאכט אונ איז מיט מיר ארויס.

מיר זיינען אוועק צו איהם אין אכסניה, ער איז געשטאנען אין א ברודיגע נארקיך אין א קליין צימערל, וואס איז געווען אבגעטהיילט מיט ברעטלאך פון אללגעמיינען זאל. דער חדר'ל איז געשטאנען אין מיטען צווישען קיך אונ בופעט, ווייל ס'האט זיך דא געהערט די דער ריח פון קיך אי א זויערקייט פון משקאות.

מיר האבען געטראפען מיסס מיקאבער אין איין אינטערעסאנטע פאזע, האלב ליגענדיג אויף א קליינע זאפקע. ביי אונזער אריין קוממען, האט זיך מ—ר מיקאבער צו איהר געווענדעט מיט די ווארטער:

— נשמה'לע, ערלויב מיר פארשטעללען דיר דעם אדעלען שילער פון ד—ר סטראנג'ס אינסטיטוט.

מיסס מיקאבער איז געווען איבערראשט אונ זייער ערפרייהט, ווען זי האט מיך דערזעהן. מיר איז אויך געווען אנגענעהם איר צו זעהן. איך האב זיך געזעצט אויף דער קליינער זאפקע נעבען מיסס מיקאבער;מ—ר מיקאבער איז ארויס אין אללגעמיינען זאל לייענען א בלאט צייטונג, פיליכט וועט ער געפינען א נויטהיגע מודעה.

מיסס מיקאבער האט מיר דערצאהלט, פאר וואס זיי האבען זיך ניט אב געשטעללט אין פלימוט ביי דער טאמאשזנע, וואו זיי האבען אנפאנגס בדעה געהאט זיך צו בזעצען. צו דער דיענסט דארף מען קיין שום טאלאנט ניט האבען אונ דארט האט זיך ניט געפונען קיין אנשטענדיגע שטעלל פאר איהר טאלאנטפאללען מאן. ווייטער האט זי דערצאהלט, אז איהרע קרובים, דערוויססענדיג זיך, אז מ—ר מיקאבער איז אראב געפאהרען אין פלימוט מיט'ן ווייב אונ מיט דער גאנצע געזינד, האבען איהם צוגענוממען ניט זייער שאן, ווי זי האט געהאט רעכט צו ערווארטען, זאגאר קאלט. ביי אזעלכע אומשטאנדע וואס האט זיך אבגעשטעלט מ—ר מיקאבער'ן צו טהון? לייען ביי די קרובים געלד אונ אומקעהרען זיך צוריק אין לאנדאן.

— אונ איר האט אזוי געטאן? האב איך געפרעגט.

— געוויס אזוי, מיר האבען זיך אללע אומגעקעהרט צוריק אין לאנדאן אונ בעראטען זיך מיט מיינע אנדערע קרובים, וואס פאר א שטעלל זאל איצט בעטרעטען מ—ר מיקאבער. אויך איז לייכט צו פארשטייהן, מאסטער קאפפערפילד, אזוי

צו אנדערש א שטעלל מוז ער אב זובען, ווייל מיר זיינען איצט א געזינדעל פון זעכס מענשען. מיינע קרובים האבען איהם געראטען מאכען א געשעפט מיט שטיין-קוילען. מיר האבען זיך נאך געפרעגט וועגען דעם געשעפט און האבען זיך דערוואוסט, אז אין מידוע וואלט מ-ר מיקאבער מיט זיין טאלאנט אויסגעטראטען א גוטען וועג. מיר זיינען טאקע אהין געפאהרען בעקוקען דעם עסק מיט אונזערע אייגענע אויגען. איך זאג מיר, ווייל, איהר קאנט זיך פארשטעללען, איך וועלל אויף קיין אופן ניט מרוצה ווערען שיידען זיך מיט'ן מאן אפילו אויף גאר א קורצע צייט. נאך'ן בעטראכטען דעם געגענד ארום מידוע, בין איך געקוממען צום שלום, אז מאכען א געשעפט מיט די קוילען דארף מען האבען א גרויסען טאלאנט און א גרויסען קאפיטאל. מ-ר מיקאבער האט א טאלאנט און דוקא א גרויסען טאלאנט, נור קיין קאפיטאל ניט, ווי אללע ווייסען. מיר האבען זיך געדארפט אומקעהרען צוריק; נור איז דען מעגליך, זאגט, ניט אזוי? פאהרען פערביי אזא בעריהמטע שטאדט ווי קענטערבערי איז און ניט אראב פאהרען אהער? אט זיינען מיר אראב געקוממען אהער... צו ליעב צוויי אורזאכען: ערשטען, האבען מיר נאך קיין מאל ניט געזעהן דעם היגען סאבאר, און ער פערדיענט, אז מען זאלל איהם געהן זעהן; צווייטען האבען מיר גערעכענט, טאמער ניט אונז דא פארט א שמייכעל די פארטונע (מזל). נור אט געפינען מיר זיך דא שוין דריי טאג און אונזערע געשאפטען פערבעסערען זיך ניט. אייך, וועלכער איז מיט אונז פערקניפט מיט'ן הייליגען בונד פון פריינדשאפט, קאן איך זאגען גאנץ אפען, אז מיר ערווארטען דא געלד פון לאנדאן, אויב ניט וועללען מיר ניט האבען מיט וואס בעצאהלען דא אין אכסניה.

איך האב איהר ארויסגעזאגט, ווי ווייט איך פיהל מיט זייער שלעכטע לאגע.

דערווייל איז מ-ר מיקאבער אריין אין צימער.

— מיר פערדריסט, האב איך געזאגט, — וואס איך האב ווינציג געלד! מיר וואלט געוועזען זייער אנגענעהם העלפען אייך אין אייער נויטה.

מ-ר מיקאבער האט א מאך געטאן מיט דער האנד און געזאגט מיט א ריהרענדען קול:

— קאפפערפילד, איהר זייט אונזער אמתער גוטער פריינד. א מענש, וואס געפינט זיך אויף דער העכסטער שטופע פון אונגליק, וועט שטענדיג געפינען א פריינד, וועלכער איז פיהיג פארלייגען איהם... חאטשע א בריטווע.

ביי דעם שרעקליכען אנצוהערעניש האט זיך מיסס מיקאבער אווארף געטאן איהם אין די ארמען און געבעטען איהם, ער זאלל זיך בערוהיגען. ער האט זיך בעגאססען מיט טרערען, נור אין עטליכע מינוט ארום בערוהיגט, לכל הפחות אויף אזוי פיעל, אז ער האט אריין גערופען דעם בופעטציק און בעשטעללט אויף מארגען פריה א הייסען פודדינג פון ניערען און א געריכט פון ים-ראקעם.

איך האב זיך צוגעקליבען גיין א היים, ווייל ס'איז שוין געוועזן שפעט. זיי האבען מיך געבעטען, אז איך זאלל מארגען קוממען צו זיי אויף מיטטאג. אין דער ביטטע איז געוועזן אונמאגליך ענטזאגען, נור איך האב זיי געאנטפערט, אז איך בין איצט פערנוממען מיט'ן לערנען אונ איך צווייפעל, אויב איך וועלל האבען צייט קוממען צו זיי. מ--ר מיקאבער האט אבער געאנטפערט, אז ער וועט אליין גיין צום ד--ר סטראנג אונ בעטען איהם, ער זאלל מיך בעפרייהען אויף א גאנצען טאג.

— נור אויב איר ווילט, קאן מען דעם מיטטאג מאכען איבער מארגען, האט געזאגט מ--ר מיקאבער. — דאס געלט, אהן א צווייפעל, ליגט שוין פאר אונז גרייט אויף פאצט: מען דארף עס נור אבנעמען. מארגען פריה גיי איך נאך דאס געלט.

אויף מארגען פריה, עלף א זייגער, האט מען מיך ארויסגערופען פון קלאסס. איך האב דא געטראפען מ--ר מיקאבער. ער איז געוועזן זייער פרייהליך אונ געזאגט, אז דער מיטטאג וועט זיין א גראסארטיגער. איך האב איהם געפרעגט, צו האט ער דאס געלט ערהאלטען. אנשטאדט א-נ-אנטפער האט מיר מ--ר מיקאבער שטייף געדריקט די האנד אונ איז אוועק.

אבענדצייט, האב איך, זיצענדיג ביים פענסטער, בעמערקט צו מיין גרויס איבערראשונג אונ אונרוהיגקייט, ווי מ--ר מיקאבער שפאצירט געארעמט מיט אוריה'ן איבער דער גאס. אוריה האט זיך גענייגט מיט גרויס הכנעה אונ געדאנקט פאר די עהרע, וואס אזא באקאנטשאפט פערשאפט איהם; מ--ר מיקאבער האט מיט גדלות ארויסגעוויזען, אז ער איז גרייט שטיצען אוריהן. ווען איך בין אויף מארגען געקוממען פיער א זייגער אויף מיטטאג, האט מיר מ--ר מיקאבער דער-צאהלט, אז נאכטען אבענד איז ער געוועזן צוגאסט ביי מיסס גיפ, אונ זי האט איהם מכבד געוועזן מיט פונש.

— אט וואס, ליעבער קאפפערפילד, האט געזאגט מ--ר מיקאבער — דיין פריינד גיפ האט א גרויסען טאלאנט, מיט דער צייט וועט ער זיין א בעריהמטער אדוואקאט. דו ווייסט דאך, איך בין א פהיזיאנאמיסט (געזיכטפארשער) אונ מיר איז שווער א טעות האבען. ווען איך זאלל זיך בעקאנען מיט דעם יונגען מענשען אין יענע אונגליקליכע צייט, ווען מיר איז אויסגעקוממען פון בריק אין וואסער... וועדליג איך זעה... וואלט איך מיט מיינע מלוות גאר אנדערש געקאנט ענדיגען.

איך האב געוואוסט, אז מ--ר מיקאבער האט אפילו איין פרוטה ניט געגעבען קיין מלוה, אונ דעריבער האב איך ניט פערשטאנען, ווי האט ער געקאנט נאך בעסער מאכען מיט די מלוות, ווען ער זאלל האבען געקאנט אוריה'ן דאמאלס. נור איך האב קיין פראגעס ניט געמאכט, זאגאר איך האב זייער געוואלט וויסען, וואס האט ער גערעדט מיט גיפ'ן וועגען מיר. דער וויזיט, וואס ער האט געמאכט גיפ'ן איז מיר זייער ניט אנגענעהם געוועזן, אונ איך האב אפט וועגען דעם געטראכט.

דער מיטטאג איז געווען אויף'ן שאנסטען אופן. ס'איז געווען גוטע פיש, געבראטענע קאלבען-ניערען, בראטווורשט, עוף, א פלום-פודינג. ווין און שאטלאנדישעס ביער איז געווען גענוג. נאך'ן מיטטאג האט מ-ר מיקאבער אליין געמאכט א פאנש.

מ-ר מיקאבער איז געווען זייער פרייהליך און ביז איצט האב איך איהם נאך קיין מאל ניט געזעהן אין אזא גוטען מוטה. דאס געזיכט האט געשיינט פון פאנש, די אויגען האבען געפינקעלט און דער שטערן האט געגלאנצט, פונקט ווי ער זאלל זיין בעדעקט מיט טריוואכס (לאק). ער האט זיך ניט געקאנט אב לויבען פון אונזער שטאדט. נאך זיינע רייד, האט ער מיט'ן ווייב געהאט דא אללע פערגניגען, וואס א געבילדעטער רייזענדער קאן פאדערען און קיין מאל וועט ער ניט פערגעססען די פרייהליכע שטונדען, וואס ער האט דא פערבראכט. דא האבען זיי געטרונקען א טאסט פאר מיין געזונד און דערמאנט אללע דעטאלען פון אונזער ערשטע בעקאנטשאפט, ווען איך האב זיי געהאלפען פערמשכונ'ען חפצים, כלים און ביכער. דערנאך האב איך זיך אויפגעהויבען פון מיין ארט און געטרונקען פאר מ-ס מיקאבערס געזונד.

מ-ר מיקאבער האט דאבייא אויסגעשריען דריי מאל „הורא" און גענומען אויסרעכענען אללע מעלות, וואס מ-ס מיקאבער בעזיצט. ער האט געזאגט, אז זי איז זיין פיהרערקע אויף'ן לעבענסוועג, זיין לערערקע און פריינד און טיעפער פהילאזאף. ענדליך האט ער מיר געראטהען, אז ווען ס'וועט קוממען די צייט, זאלל איך אנדערש ניט ווי חתונה האבען מיט אזא לעדי, ווי מ-ס מיקאבער אויב נור —ס'איז א גרויסער ספק— ס'געפינט זיך נאך אזא צווייטער עקזעמפליאר אויף דער גאנצער וועלט.

וואס דער פאנש איז געווארען וויינינגער איז אלס מ-ר מיקאבער געווארען פרייהליכער. ווען מיסס מיקאבער איז אויך ענדליך געווארען לוסטיגער האבען מיר גענוממען זינגען א ליעדעל. ביי די ווערטער: „נא דיר מיין האנד, אמתער פריינד", האבען מיר אללע געגעבען איבער'ן טיש איינער דעם צווייטען די האנד און ווען מיר האבען געהאלטען ביי לעצטען קופלעט איז אונזער שמחה געווען אזוי גרויס, אז מ-ר מיקאבער האט מיך שיעור ניט דערשטיקט אין זיינע ארמען.

מיט איין ווארט, איך האב נאך קיין מאל ניט געזעהן מ-ר מיקאבער'ן אזוי אמת פרייהליך ווי אין דעם אבענד. מיר האבען זיך געזעגענט ווי די בעסטע פריינד אויף דער וועלט און איך האב ניט געצווייפעלט, אז דאס מזל האט שוין זיי אנגעהויבען צו שמייכעלען.

אויף מארגען זיעבען א זייגער אין דער פריה, האב איך ערהאלטען פון מ-ר מיקאבער א בריעף וועלכער, וועדליג ס'איז אונטען געשטאנען, איז געווען אנגעשריבען נאכטען אבענד, האלב צעהן, דאס הייסט אין א פיערטעל שעה ארום

נאך

נאך מיין געזעגענען מיט זיי. דער לעזער קאן לייכט זיך פארשטעלען מיין איבערראשונג ווען איך האב אנגעהויבען לעזען די פאלגענדע צייַלען.

„יונגער פריינד מיינער,

ליעבער קאפפערפילד!

מיין שיקזאל איז שוין בעשטיממט. אלס איז פערלארען! האבענדיג בעהאלטען מיין שרעקליכען טרויער, וואס רייסט מיר דאס הארץ, אונטער א מאסקע פון א געמאכטע פרייהליכקייט, האב איך געוואלט געבען דיר צו וויססען היינט אבענד, אז איך האב שוין קיין האפנונג ניט בעקוממען געלד. ביי אזעלכע מבוזה'דיגע אומשטענדע, וואס בעטריבען מיין זעלע, האב איך מיט פיעל מיה קוים געפועלט ביים בעל אכסניה, ער זאלל ביי מיר נעמען אנשטאדט געלד א וועכסעל, אויף וועלכען איך וועלל איינצאהלען אין לאנדאן, וואו ס'געפינט זיך איצט מיין רעזידענציע. דער סראק פון צאהלונג איז אין פיערצעהן טאג ארום; נור איך וויים זייער גוט, אז ניט נור אין פערצעהן טאג, נור אפילו אין פיערצעהן מאנאטען ארום, וועלל איך ניט האבען א פרוטה ביים לייב אונ זעעל. דער רעזולטאט איז אונגליק. די וואלקען וועללען זיך צונויפקלייבען, דער בליץ וועט א פינקעל טהון, דער דונער וועט א קלאפ טהון אונ דער בוים וועט פאללען.

יע, זאלל פאר דיר זיין א ביישפיעל, ליעבער קאפפערפילד, דאס מזל פון דעם מענשען, וועלכער שרייבט מיט א ציטערנדע האנד די פאלגענדע צייַלען. זאלל ער שטענדיג לייכטען אלס וועגפיהרער אויף'ן האריזאנט פון דיין לעבען. דאס איז דער איינציגער ציעל, וואס ער מיינט מיט זיין שרייבען. אויב דער ציעל וועט זיין ערייכט, קאן זיין אז א ליכטיגער שטראהל וועט בעלייכטען די לעצטע טאג פון זיין לעבען אין דער ענגע תפיסה, וואו איהם וועט בעשערט זיין מיט געוויססענסביסע שיידען זיך מיט'ן קלאגליכען לעבען.

דאס איז דער לעצטער בריעף, וואס דו, ליעבער קאפפערפילד, ערהאלטסט פון דיין אונגליקליכען פריינד

ווילקינס מיקאבער."

ווי פון דונער געטראפען בין איך א ווייַלע געבליבען זיצען נאך'ן לייענען דעם בריעף, דערנאך האב איך מיין ארבייט געווארפען אן א זייט אונ געלאפען אין גארקיך זאגען א טרייסט־ווארט דעם אונגליקליכען מיקאבער. אויף'ן האלבען וועג האב איך אנגעגעגענט א לאנדאנעם דילישזאנס אונ צו מיין גרויס פערוואונדערונג האב איך אויף'ן אימפעריאל דערזעהן מיינע פריינד. מ—ר מיקאבער האט מיט א צופרידענעם שמייכעלע געקוקט אויף'ן ווייב אונ פון זיינע אויגען איז געווען לייכט ארויסצוזעהן, וואס פאר איין אינערליכע רוהיגקייט אונ גליקזעליגקייט עס הערשט ביי איהם. זיי האבען ביידע געקנאקט ניס אונ פערטרונקען מיט עפעס א משקה פון א געפלאכטענע פלאשעל.

זי האבען מיך ניט געזעהן, אונ איך האב גערעכענט פאר בעסער ניט ווייזען זיך פאר זייערע אויגען, כדי ניט צושטערען זייער רוה.

איך האב זיך פערקעהרעוועט אין א קליין גאססעל אונ בין גלייך אוועק אין אינסטיטוט. איך בין געווען צופריעדען, וואס זי זיינען אב געפאהרען, נור אין דער זעלבע צייט האב איך געפיהלט א שרעקליכע דאגה....

ביי אללעם דעם, האב איך געליעבט די מענשען אונ האב געווינשט פון גאנצען הארצען, אז דאס מזל זאלל שוין זיי א מאל א שמייכעל טהון.

V.

א פלינקער בליק אויף'ן איבערגעגאנגענעם וועג פון לעבען.

וואו זייט איר פערפלויגען, וואו זייט איר אנטלאפען איר פערגאנגענע טאג פון שוהל - לעבען, די לעצטע יארען פון מיין קנאבענאלטער ביז די ערשטע יארען פון מיין בליהענדען יוגענד! ס'איז פון אייך קיין מינדסטער סימן ניט פערבליבען, אונ דארט, וואו פריהר האט געפלאססען א האסטיגער טיעפער טייך, ועה איך איצט א שמאלען גראבען, פערוואכסען מיט גראז.

דאך וועלל איך א פרוב מהון איבער טראגען זיך אויף די פליגלען פון פאנטאזיע צו יענער עפאכע.

אין אינסטיטוט בין איך ניט דער לעצטער שיללער. אין עטליכע חדשים האט מיר געלונגען איבער יאגען פיעל חברים. נור דער ערשטער שיללער מאהלט זיך אלס אין מיין דמיון פאר א מאכטיגע געשאפף גאר פון א בעזונדערע פאראדע מענשען, אונ דער קאפ דרייהט זיך מיר פשוט ווען איך טראכט וועגען די הויכקייט, אויף וועלכע ער שטייהט. אומזיסט פערזיכערט מיר אנגעסע, אז, ס'קאן גרייליך זיין, אז ס'וועט קוממען א צייט, ווען איך זעלבסט, שטארבליכער מענש, וועלל ארויף קלעטערען אויף'ן סאמע שפיץ פון דער קלאססישע חכמה; איך אנטפער, אז דאס איז פהיזיש אונמאגליך, ווייל דער ערשטער שיללער פון דאקטאר סטראנג'ס אינסטיטוט איז א גרויסער שזעני (גאון), וועלכער פון איין בליק ווייס אלס. ער שיצט מיך ניט, ווי סטירפארס, ער רעכענט זיך ניט פון מיינע פריינד, נור איך שעץ איהם, ווי ווייט מאגליך איז אונ קאן זיך ניט אב וואונדערען פון זיינע פייהיגקייטען. וואס וועט פון איהם ארויסקוממען, ווען ער וועט ענדיגען דעם אינסטיטוט? וואס פאר א שטעלל וועט ער בעקוממען ביי דער מענשהייט? אט מיט די פראגען בעשאפטיג איך זיך, ווען איך טראכט וועגען ערשטען שיללער פון אונזער אינסטיטוט.

נור וועמעס פיגור טרעט ארויס פאר מיין אינגערליכען בליק? דאס איז מיסס שעפהערד, וועלכע איך ליעב.

מיסס שעפהערד ערציהט זיך אין א פאנסיאן, די איז נאך א קליין מיידעל אונ

טראגט א ספענצער, נור איך פערגאטער מיסס שעפהערד. זי האט א קיילעכדיגען געזיכט און געקרייזעלטע האר. זונטאג גייען די מיידלאך פון איהר פאנסיאן, וואו מיר גייען, און איך קאן ניט אבבייסען די אויגען פון מיסס שעפהערד און, אומקעהרענדיג זיך אהיים, חזר איך מיט זיך איבער טויזענדער מאל: — „א, מיסס שעפהערד, רייצענד שאנע מיסס שעפהערד!“

א היבשע צייט האב איך געצווייפעלט אין מיסס שעפהערד'ס געפיהלען צו מיר, נור ענדליך האט זיך דער שיקזאל אויף מיר דערבארעמט: מיר האבען זיך בעגעגענט אין טאנץ—פאנסיאן. דארף איך נאך דערצאהלען, מיט וועמען האב איך געטאנצט? איך בעריהר מיסס שעפהערד'ס האנדשוה און איך פיהל, ווי אונוויללענד גייט מיר איבער א שוידער איבער'ן גאנצען קערפער. איך האב איהר קיין זאך בעזאנדערס ניט געזאגט, נור מיר פערשטייהען איינער דעם צווייטען. מיסס שעפהערד און איך לעבען נור מיט דעם איינציגען געדאנק אז גלייך ביים ענדיגען דעם קלאסס זאללען מיר זיך פעראייניגען מיט'ן עהעבונד (חתונה האבען).

פאר וואס, פרעגט זיך, האב איך מיסס שעפהערד געגעבען א דוץ בראזילישע ניס? ניס קאנען ניט דיענען פאר איין עמבלעמע (צייכען) פון מיין ליעבע, ווייל זיי זיינען אליין (פעטט) אין טעם און אזוי הארט, אז זיי איז שווער צוקנאקען אפילו מיט דער טהיר. דאך פיהל איך, אז איך האב איהר געדארפט געבען בראזילישע ניס. אויסער דעם האב איך איהר געגעבען א פונט גוטע קאנפעקטען און זייער פיהל אפעלסינען. איין מאל האב איך זאגאר בגנבה א קוש געטאן מיסס שעפהערד—דאס האט פאסירט אין קארידאר נאך'ן באל — און איך מאגט מיר שוין גלויבען אויף'ן ווארט, אז דער קוש האט מיך פערזונקען אין א ים פון גליק. נור וועלכע פעדער איז אין שטאנד אויסצודריקען מיין כעס און בעטריבונג, ווען אויף מארגען האט זיך פערנאנדערגעטראגען א קול, אז די לעהרערקע פון פאנסיאן האט איהר געשטעללט אין ווינקעל, פאר וואס זי האט ניט געהאלטען איהרע שטרימפע אין א געוויססע פאזע.

לאנג איז מיסס שעפהערד געוועזען דער איינציגער טרויבילד פון מיין לעבען און איך בין געוועזען טיעף אין הארצען פערזיכערט, אז קיין קראפט אין דער וועלט וועט אונז ניט קאנען שיידען. דאך האט זיך אונזער בונד צוריסען און איך קאן ניט בעגרייפען, ווי אזוי דאס האט פאסירט. מיסס שעפהערד און איך זיינען קאלט געווארען איינער צום צווייטען. מען האט מיר א מאל דערצאהלט, אז מיסס שעפהערד האט געזאגט, דאס איך זאלל ניט וואגען גלאצין אויף איהר מיט די אויגען. באלד האט מען מיר דערצאהלט, אז זי שעצט מער מאסטער דזשאנס'ן: דאס איז שוין געוועזען צופיעל! דזשאנס איז גאר איין איינפאכער איינגעל. נאך עטליכע טאג — און צווישען אונז איז געלעגען א גאנצער תהום. א מאל האב איך בעגעגענט דעם גאנצען פאנסיאן מיידלאך. גייענדיג פערביי מיר, האט מיסס שעפהערד געמאכט

א קרומע הויה אויף מיר און א שמייכל געטאן צו איהרע א פריינדין. צווישען אונז איז שוין אלס געענדיגט. איך בין געוועזען גרייט אפפערען פאר איהר דאס גאנצע לעבען, און פלוצים!... דערפון קאן דער לעזער זעהן, אז איך בין געוועזען זייער נארעש.

מער האט שוין קיינער ניט געשטערט מיין רוהע, און איך מאך גוטע פארשריט אין לערנען. איך קוק שוין מער ניט אויף די יונגע שילערינען פון פאנסיאן; זאלל דארט זיין האטשע צוויי מאל, דריי מאל אזוי פיעל, און זאלל יעדערע זיין וואונדער שאן: איך קוק קאלט אויף'ן גאנצען פרויען-געשלעכט: פאר וואס טאנצען ניט די מיידלאך אלליין און גיבען אונז ניט קיין רוה? איך שרייב לאטיינישע שירים און בין ניט מקפיד אויף מיינע קליידער. דאקטאר סטראנג האט וועגען מיר דעם בעסטען מיינונג און זאגט פאר אללעמען, אז פון מיר וועט ארויס קוממען א גרויסער מענש. מ-ר דיקק ציטערט אשו פאר פרייד; די באבע שיקט מיר א מתנה אגינייע.

אט שטייט פאר מיינע אויגען די פיגור פון א יונגען קצב. ווער איז ער? א שרעק פאר אללע קינדער פון קענטערבערי. מיר אללע קינדער גלויבען, אז די אכסענע חלב, מיט וועלכען ער שמירט די האר, גיט איהם צו גאר איין אונגאטירליכע קראפט און דאריבער קאנן ער זיך בארוקען אפילו מיט ערוואכסענע. ער האט א ברייטע צורה, א דיקע און א קורצע האלז, רויטע באקען, איין אבזריותע תארץ און א שלאנגען-צונג. זיין גאנצע ארבייט איז רייצען זיך און שלאגען די יונגע דשענטלמענעס פון דאקטאר סטראנגס אינסטיטוט. ער זאגט אפפען, אז זיי וועלען איהם האבען לאנג צו געדיינקען. איינינע פון זיי, מיך אויך אין דעם צאהל, ווייס ער מיט די נאמען און בעריהמט זיך אזוי העזעדיג, אז ער קאן יעדען פון אונז צושלאגען, ווען אפילו איין האנד, צו די רעכטע צו די לינקע, וועט איהם זיין צוגעבונדען צום רוקען. ער היט צו די קליינע קינדער און רייסט זיי פאר די האר. עטליכע מאל פאר די חברים אין די אויגען האט ער מיך גערופען אויף קלאפ.

דאס צווינגט מיך אויספרובען מיינע כוחות מיט איהם.

די צייט איז א זוממער אבענד, דער ארט — א גרינער בארג. איך קום מיט נאך עטליכע שילער, ער — מיט א איינגעל פון א טראקטיר און א קוימענקעהרער. איך שטעלל זיך מיט'ן קצב פנים צו פנים. אין איין אויגענבליק צינדט ער אן ביי מיר אין לינקען אויג צעהן טויזענד ליכט. נאך א מינוט — און איך ווייס שוין ניט— וואו בין איך, וואו זיינען מיינע חברים. מיט שוועריגקייט דערקאן איך, ווער פון אונז איז איך און ווער — דער קצב: מיר דרייהען זיך, קייקלען זיך און שלאגען פערצווייפעלט איינער דעם צווייטען. א מאל זעה איך דעם קצב צושלאגען, צובלוטיגט, נור גבורהדיג און אדוואשזנע, א מאל זיץ איך אויף די קניע ביי מיין סעקונדאנט (קאמפצייגע) און זעה פאר זיך קיין זאך ניט. נור פלוצים טרעט איך ווייטער ארויס אויף דער סצענע און, פערקאסערענדיג די ארבעל, וואַרף

איך

איך זיך מיט וואטה אויף מיין געגנער, וועלכער בלייבט הארט, ווי גראניט. ענדליך פערליר איך אין גאנצען דעם דעת אונ פאלל אויף'ן גרינען גראז; מען הויבט מיך אויף אונ איך עפען די אויגען, ווי נאך א שטארקען שלאף. דער קצב טהוט אן זיין ראק אונ קלייבט זיך גיין אהיים. דער קוימענקעהרער אונ טראקטיר משרת בעגריסען זייער חבר אונ שרייען מיט א פרייהליך קול. דערפון שליסס איך, אז דער קצב האט מיך געזיעגט.

איך געפין זיך אין שטוב ביי זיך אין צימער. צו די אויגען לייגט מען מיר צו רויהע פלייש; דאס הארץ אונ די באקען רייבט מען מיט עסיג אונ בראנפען; אויף מיין אויבערשטע ליפ איז א גרויסער וייסער פענכער. דריי פיער טאג זיין איך פערשפארט ביי מיר אין צימער אונ ס'איז א שרעק אויף מיך א קוק צו טהון: געשוואלענע באקען, רויטבלויע בויגען ארום די אויגען מאכען מיך פאר א פארזעהעניש. מיר וואלט געוועזען זייער אונמוטהיג, ווען ניט אננעטע, וואס פערבייט מיר א שוועסטער. זי גייט ארום מיר, נעהמט א-נ-אנטהייל אין מיין צער, לעזט מיר פאר. די צייט לויפט געשווינד אונ איך בין גליקליך אין אננעטעס געזעלשאפט. איך דערצאהל איהר אלס אויס. די דראקע מיט'ן קצב אויף'ן גרינען גראז איז איהר בעוואוסט מיט אללע דעטאליען. אננעטע שטיממט איין, אז איך האב געמוזט מאכען מיט איהם דעם געשלאג, נור דאך ציטערט זי ביים געדאנק, אז איך האב זיך געוואגט אויף אזא שרעקליכען טהאט.

מאנאטען, יארען ווערען פערשוואונדען, דער ערשטער שיללער אין אינסטיטוט איז שוין ניט אדאמס. ער האט שוין לאנג געענדיגט דעם קורס, אונ ווען אדאמס פאהרט אראב מיט א וויזיט צום דאקטאר סטראנג, איז ניט אללע דערקאננען איהם. אדאמס ציעל איז ווערען א-נ-אדוואקאט אונ טראגען א פארוק. איך קוק אן פערוואונדערט, אז אדאמס איז א שטיללער אונ א בעשיידענער יונגער מאן, אז אין זיין וואוכס זעהט זיך גאר ניט עפעס בעזאנדערס. ביז איצט האט ער נאך אויף די געשאפטען פון דער וועלט ניט געמאכט קיין ווירקונג, אונ איך ווייס, אז די וועלט פיהרט זיך מיט איהר שטייגער, פונקט ווי אין איהר זאלל זיך גאר ניט געפינען קיין אדאמס. דאס וואונדערט מיך זייער אונ זייער.

אט בין איך דער ערשטער שיללער ביי דאקטאר סטראנג אין אינסטיטוט. וואס פאר א ניכטיגעס פאלק זיינען די אינגלאך, וואס זיצען אויף די הינטערסטע ביינק אין די נידריגע קלאססען! דאך בין איך ניט שטאלץ אונ דער קאפ האט זיך מיר ניט פערדרייהט אויף די הויכקייט, וואס איך האב פריהר גערעכענט אז מען קאן גאר ניט ערגרייכען. איך נעהם אנטהייל אין די קליינע שיללער אונ יעדער נייער תלמיד דערמאנט מיר, וואס פאר א אינגעל בין איך געוועזען, ווען איך בין אהער אריין געטראטען. אח, ווי לאנג דאס איז געוועזען! דער קליינע קאפפערפילד קוממט מיר אויס איז געוועזען גאר א-נ-אנדער בעשעפעניש, גאר ניט אהנליך אויף

מיר. ווידער בין איך דען טאקע א מאל געוועזן א קליינינקער? ניין, איך האב איבערגעלאזט דעם קליינעם קאפפערפילד הינטער זיך אויפ'ן ברייטען לעבענסוועג אונ איצט דערמאן איך איהם, ווי א נייעם אינגעל, וועלכער האט קיין שום שייכות ניט מיט'ן ערשטען שילער פון דאקטאר סטראנג'ס אינסטיטוט.

אונ וואו איז דאס קליין מיידעלע, וועלכע איך האב געזעהן דעם ערשטען טאג פון מיין אריין אויף דירה צו מ—ר וויקפילד? זי איז שוין ניטא. ביי מ—ר וויקפילד אין הויז פיהרט די ווירטשאפט דער אריגינאל פון פארטרעט, וואס הייננט אין זאל אויף דער וואנד. אגנעס, מיין ליעבע שוועסטער, אזוי רופ איך איהר אין געדאנקען, מיין טרייסט, ראטה-געבערין, פריינד, וואס איז גרויט טהון פון מיינט וועגען אלס אין דער וועלט, איז א וואדרע פרויענצימער.

אזוי בין איך אויסגעוואקסען, מאננבאר געווארען, רייך געווארען מיט קלאסישע בילדונג: זעהט זיך אין מיר ניט נאך עפעס א פעראנדערונג? ווי דען! איך טראג א גאלדענע זייגער מיט א לאנגע קייטעל. א גאלדענע רינג אויפ'ן לינקען קליין פינגערל, א ברייטען פראק מיט לאנגע פאלדען אונ אויסער דעם שמיר איך די האר מיט בערישע פעטקייט: דאס אלס זאגט ניט אויף קיין גוטס. צו דען בין איך ווייטער פערליעבט? יע. איך פערגאטער די אלטערע מיס לארקינס.

די אלטערע מיס לארקינס איז שוין ניט קיין מיידעלע. ס'הייבט זיך גאר ניט אן. זי איז הויך, שלאנק, א ברוינעטקע מיט שווארצע האר אונ שווארצע אויגען, מיט איין ווארט א זעלטענע שאנהייט. יונגע פריילען האט מען איהר ניט געקאנט אנרופען, ווייל איהר שוועסטער, וואס איז אינגער געוועזן פון איהר מיט פיער יאר, איז שוין אויך ארויס פון די יארען. דער אלטערע מיס לארקינס וועט זיין גוטע דרייסיג יאר, אונ מיין ליעבע צו איהר לאזט זיך גאר ניט בעשרייבען.

די אלטערע מיס לארקינס איז בעקאנט מיט פיעל אפיצירען. פאר מיר איז דאס שרעקליך, איך קאן עס ניט אריבער טראגען. איך זעה אפט מיט מיינע אויגען, ווי זי רעדט אויף דער גאס מיט די אפיצירען. די הערען שטעלען זיך בכיון אב, ווען זיי דערזעהען אויפ'ן טראטואר די היטעלע פון דער אלטערע מיס לארקינס מיט א צווייטע היטעלע, וואס געהערט צו דער אינגערע שוועסטער. איך דארף בעמערקען, אז די עלטערע שוועסטער האט זייער א שאנען געשמאק צו היטעלאך. זי שמייכעלט צו די אפיצירען, רעדט מיט זיי זייער פריינדליך אונ ס'איז לייכט ארויס צו זעהן, אז די געזעלשאפט פון די אפיצירען געפאלט איהר זייער. ווען איך האב נור ליידיגע צייט גיי איך דאס רוב שפאצירען אין די ערטער, וואו איך האף אנגעגענען מיס לארקינס. איך בין גליקליך א גאנצען טאג, אויב מיר געלינגט האטשע איין מאל איהר בעגריסען — אין דעריין איז קיין עזות ניטא: איך האב דעם גליק זיין בעקאנט מיט מיס לארקינס'ס פאטער, צייטענווייס בעגליקט זי מיך אויך מיט א נייג. אט, ווייס איך, דארף זיין א באל, וואו מיס לארקינס וועט טאנצען מיט

די אפיצירען: וועלכע צרות קאנען זיך גלייכען צו מײנע, וואס איך טראג איבער ערב דעם באל?

די ליעבע נעמט ביי מיר אב דעם אפפעטיט און צווינגט מיר טראגען גײע האלזטיכער. דעם אײנציגען פערגעניגען געפין איך נור אין דעם, וואס איך פוץ זיך אויס אין מײנע בעסטע קלײדער פאר׳ן שפיגעל און פוץ די שטיוועל פריה, ביי טאג, אבענד און פאר׳ן שלאף. זײענדיג אזוי פערפוצט, ווער איך ביי זיך אין די אויגען געהויבען און האף געפאלען ווערען מיסס לארקינס. אלס, וואס געהערט נור צו איהם אדער וואס ס׳האט א שייכות צו איהר, איז ביי מיר זייער טהייער. ביי מ—ר לארקינס, איהר פאטער, האב איך חן. ער איז שוין א בעיארטער מענש מיט א צוויי־איגען קינבאק און מיט א בעלמע אויף׳ן אויג. איך בעגעגען ניט די מאכטער זײנע, סטארע איך זיך איהם ערגעץ אב זוכען. ער הערט פון מיר שטענדיג איין פראגע: „וואס מאכט איר? וואס מאכען אייערע לעדי און געזונד?“ מיר ווערט מאוס פאר זיך, וואס איך חזר איבער שטענדיג די איין פראגע און איך פיהל, אז דאס בלוט שפארט מיר אריין, ניט ווילענדיג, אין געזיכט.

מיר פערדריסט זייער, וואס איך בין נאך אזוי יונג! אומזיסט חשבון איך און חשבון איבער מײנע יארען: אללע מאל קומט אויס, אז איך בין מער ניט אלט ווי זיעבעצען יאר, און דאריבער טויג איך זיכער ניט פאר מיסס לארקינס. נור וואס איז דאס פאר איין אונגליק? ס׳וועט קוממען די צייט, און טאקע גאר גיך, אז מיר וועט ווערען איין און צוואנציג יאר. דאריבער שפאציר איך אללע אבענד פערביי מ—ר לארקינס׳ס הויז, זאגאר דאס הארץ דריקט זיך צונויף פון ווייהטאג אדער פערגייט פון דאגה, ווען איך זעה דא אפיצערען, אדער איך הער זייערע שטיממען אין גאסט־צימער—וואו די עלטערע מיסס לארקינס שפיעלט אויף די הארפע, די גאסט צוגייען, די ליכט לעשען זיך אויס, דאס געזינד שלאפט, און איך דרייה זיך נאך ארום דער שטוב און מאטער זיך טרעפען, אין וועלכען צימער שלאפט מיסס לארקינס. פאר וואס זאלל דאס הויז זיך ניט אנצינדען? די פלאמען וועט אלס ווערען גראסער און גראסער, מענשען וועללען זיך צונויפלויפען און וועלען קוקען מיט שרעק, איך נעהם דרייסט א לייטער און שטעלל צו צום פענסטער פון שלאף־צימער, וואו מיין ליעבענדע ליגט אין חלשות, נעהם איהר אין מײנע ארמען און טראג איהר בעהוטזאם אראב, דערנאך קלעטער איך ווייטער ארויף אויף דעם לייטער נאך איהרע זאכען, נור די פלאמם האפט מיר ארום און איך שטארב מיט א העלדישען טוידט. דאמאלס, ווי דער לעזער זעהט, בין איך געוועזען פייהיג ליעבען אהן א קאריסט און מיין איינציגע פאנטאזיע איז געוועזען אויסצייכנען זיך מיט וואס ס׳איז פאר דער עלטערע מיסס לארקינס און שטארבען געבען איהרע פיס.

נור ניט אללע מאל האב איך געהאלטען פון פלאטאנישע ליעבע. אט גיט מ—ר לארקינס א באל, פון וועלכען איך האב זיך דערוואוסט מיט דריי וואכען פריהר. איך

זיין ביים שפיגעל א פאר שעה און מיין פאנטאזיע שפילט זיך פערנאנדער. איך שטעלל זיך פאר ווי איך ערקלעהר זיך מיסס לארקינס אין מיין הייסע ליעבע, זי ווערט אנגעצונדען פון איבערראשונג און, ווי א שעמעדיג מיידעלע, שפארט זי אן איהר קאפ ביי מיר אויף'ן אקסעל און זאגט:

— א, מ—ר קאפפערפילד, קאן איך גלויבען מיינע אויערען?

אלס איז געענדיגט. אויף מארגען פריה, איך ליג נאך אין בעט, קוממט צו מיר מ—ר לארקינס און זאגט:

— ליעבער קאפפערפילד, די טאכטער האט מיר אללעס דערצעהלט. ס'מאכט ניט אויס, וואס איהר זייט נאך אזוי יונג. איך וויללינג איין אויף אייער בונד. אט האט איהר צוואנציג טויזענד פונט: זייט גליקליך.

די באבע איז אנגעפאנגען אין כעס און מאכט מיר פארווירפע פאר מיין בייזע הייליגעניש, נור דערנאך ווערט זי בעסער און גיט אונז איהר ברכה. מ—ר דיקק און ד—ר סטראנג זיינען עדות ביי מיין חתונה. איך זיין מיט גרויס עניוות. אין יענע צייט בין איך טאקע געווען א גרויסער עניו, דאך האט עס מיר ניט געשטערט האבען אזעלכע פאנטאזיעס.

איך בין אויף'ן באל, ליכט ברעננען דוצענווייס, שטיממען הערען זיך הונדערטער; מוזיק, בלומען, עפאלעטען און אין מיטען בעצויבערטען קרייז איז די אלטערע מיסס לארקינס, וועלכע פערדונקעלט אלס מיט איהר שאנהייט. זי איז אין א בלויע קלייד און ביי איהר אויף'ן קאפ—בלויע בלומען, איך ציה מיט די אקסלען און פערשטעה ניט, פאר וואס בעפוצט זי דעם קאפ מיט פערגיסמייניכט (בלומען)? מיינט זי דען ערנסט, אז דער, וואס האט געהאט האטשע איין מאל דעם גליק איהר צו זעהן, קאן איהר פערגעססען?

דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען געפין איך זיך אויף אזא באל צווישען ערוואכסענע, מיר איז דא זייער ניט בעקוועם, איך האב דא קיין קרייז ניט, און קיינער, ווי ס'שיינט, וויל אויף מיך ניט א קוק טהון. איין מ—ר לארקינס גייט צו מיר צו און פרעגט, וואס הערט זיך עפעס נייעס אין אינסטיטוט, און וואס מאכען מיינע חברים. מערקווירדיגע פראגען! צו דען האט מען מיך אהער איינגעלאדען, כדי מבייש צו זיין מיר? אהיבשע צייט שטייה איך אונבעוועגט ביי דער וואנד און מיינע אויגען זיינען צוגעשמידט צו דער בעהערשערין פון מיין הארץ. ענדליך—א וואס פאר א שמחה! — האט מיך בעמערקט מיסס לארקינס, זי זעלבסט, די אלטערע מיסס לארקינס!

— איהר טאנצט? פרעגט זי מיר מיט א צויבערשען שמייכעל אויף די ליפפען.

— מיט אייך, אויב איהר וועט ערלויבען, אנטפער איך פערנייגענד.

— און מער מיט קיינעם ניט?

— מיט אנדערע וואלט איך ניט וועלען טאנצען.

מיסס לאַרקינס שמייכעלט און ווערט רויטלאך—דאס הייסט, מיר דוכט, אז זי ווערט רויטלאך.

— זייער גוט, זאגט מיסס לאַרקינס, — מיט פערגניגען בין איך גרויס טאַנצען מיט אייך, נור נאָך'ן קאַדריל. איצט בין איך אַנגאַזשירט.

איך צאָהל די רגעס, ענדליך קוממט אָן די געווינשטע מינוט. מען שפּיעלט אַ וואַלס. איך גיי צו צו מיסס לאַרקינס.

— איר וואַלסירט דען? פרעגט מיסס לאַרקינס מיט אַ צווייפעל. — אויב ניט, וועט דער קאַפּיטאַן ביילי...

נור איך טאַנץ אַ וואַלס און זאָגאר ניט שלעכט. איך נעהם מיסס לאַרקינס און גיי מיט איהר שטאָלץ פערביי קאַפּיטאַן ביילי, ער קראַפּירט, פערשטייט זיך, פון פערדראָס, נור מיר אַארט עס גאר ניט. איך נעהם איהר אַרום ביי דער טאַליע און מיר דרייהען זיך... וואו, ווי, לאַנג, קורץ, איך ווייס פון קיין זאך ניט, און מיר דוכט, אַז איך שווימם איבער דער אונענדליכע אַבערפלאַכע און הויב זיך אין דער לופטען הויך, הויך אַשז צו די שטערן, זיינענדיג פערבלענדט, בעצויבערט, בערוישט, פערווירט פון די פערגיסמיינניכט ביי דער בלויער סילפידע (גייסט) נור אַט זיינען מיר אַליין אין אַ קליין צימעריל און זיצען אויף אַ זאַפּקע. מיסס לאַרקינס איז געפאַללען דאס בלומל, וואָס שטעקט ביי מיר אין פראַק—דאס בלומל איז אַ יאַפּאַנישע ראָזע, וואָס איך האָב געקויפט פאַר איין האַלבע קראַנע. איך גיב איהר מיט שמחה אָב דעם בלום און זאָג:

— נור איך פאָדער פאַר איהם גאר איין אונשאַטצבאַרען בעלאָהנונג, מיסס לאַרקינס.

— וואָס?

— אַ בלומעל פון אייער בוקעט. איך וועל עס האַלטען אַזוי טהייער, ווי אַ קאַרגער זיין גאָלד.

— איר זייט גיט קיין שרעקעדיג אינגעל, זאָגט מיסס לאַרקינס. נעמט.

זי גיט מיר אַ בלומעל, דוכט, מיט אַ געניינטען שמייכעל. איך דריק עס צו פריהר צו די ליפּפען, דערנאָך צום האַרצען. מיסס לאַרקינס לאַכט זייער פריידליך, גיט מיר איהר האַנד און זאָגט:

— איצט פיהרט מיך אָב צום קאַפּיטאַן ביילי.

איך האָב נאָך ניט אויסגעיעט אויסניכטערען זיך פון טאַנצען און פון געשפּראַך אונטער פיער אויגען, ערשט מיסס לאַרקינס גייט צו ווייטער צו מיר מיט נאָך אַ בעיאַרטען מענשען, וועלכער האָט דעם גאַנצען אָבענד געשפּיעלט אין קאָרטען.

— אָט דאָט איז ער מיין סמיעלער פריינד, זאָגט מיסס לאַרקינס. — מ-ר צעסטעל וויל זיך מיט אייך בעקאַננען, מאַסטער קאָפּפערפילד.

פאַר מיר איז דאס זייער חניפה'דיג: איך פּרוב טרעפען, אַז דער בעיאַרטער

דשוענטעלמען איז אַ נאָהענטער פריינד פון מיסס לאַרקינס׳ס פאַמיליע.

— איער געשמאַק, סער, איז זייער אַ שאַנער געשמאַק, ער פערשאַפט אייך עהרע, זאָגט מ־ר צעסטעל — נור איך האָף, אַז איר פערלאַנגט ניט פיעל, ווייל, פערשטעהט איר מיך, אַנדערע קאָנען אייך איבער יאָגען. אַללענפאַללס איז מיר זייער אַנגענעהם בעקאַנט צו ווערען מיט אייך. אויב איר וועט אַ מאָל זיין אין אונזער געגענד, אין אַשפאָרד קאָנט איר צו אונז אַראָבפאָהרען צוגעסט אונ זיין ביי אונז פיעל איר וועט וועללען.

איך דאַנק מיט אַ־נ־אָמ׳ת מ־ר צעסטעל אונ דריק איהם שטאַרק די האַנד. מיין פאַנטאַזיע שפּיעלט זיך נאָך מער פערנאַנדער. איך טאַנץ נאָך אַ מאָל מיט מיסס לאַרקינס, אונ זי זאָגט, אַז איך טאַנץ אַ וואַלס זייער גוט.

דעם גאַנצען וועג, גייענדיג אַ היים האָב איך זיך געפיהלט גליקליך. אַ גאַנצע נאַכט האָט מיין פאַנטאַזיע געטאַנצט אונ אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהאַלטען די בלויע סילפידע ביי דער טאַליע. מיין שכרות דויערט אַזוי עטליכע טאָג נאָך אַ־נ־האַנד; נור איצט געגען איך שוין ערגעץ ניט אָן מיסס לאַרקינס. זי זעהט זיך ניט אויף דער גאַס אונ ניט ביי די פענסטער פון זייער הויז. איך הויב שוין אָן צו דאַגה׳ן אונ דאָס פערוועלקטע בלומעל בעלוינט מיר זייער שוואַך פאַר דעם, וואָס איך זעה ניט די בעהערשערין פון מיין הארצען.

אַ מאָל נאָך מיטטאָג, ווען מיר זיינען ווי געוואָהנליך געזעססען ביי אונז אין גאַסט־צימער, האָט זיך אַגנעסע געווענדעט צו מיר אונ געזאָגט:

— טראָטוואָיד, איר ווייסט ווער ס׳האָט די טאָג חתונה?

— ניין, איך ווייס ניט. וואָס איז?

— ס׳האָט חתונה איין פערזאָן, וועלכער איר האָט זייער ליעב.

— ווער איז דאָס? איך האָף, אַז ניט איר, אַגנעסע?

— ניט איך! איר הערט, פּאַטער, וואָס ער זאָגט?... ניין, טראָדוואָיד, איר זיים אַ שלעכטער טרעפער. ס׳האָט חתונה די עלטערע מיסס לאַרקינס... טרעפט מיט ווער?...

— מיט׳ן... מיט׳ן... מיט׳ן קאַפּיטאַן ביילי, האָב איך קוים אַרויסגערעדט:

— ניין, ניט מיט׳ן פאַר׳ן קאַפּיטאַן, נור מיט מ־ר צעסטעל.

אַ שרעקליכער טרויער גרישעט מיר דאָס האַרץ אונ וואָך צוויי גייה איך, ווי אַ דערשלאָגענער. ניטאָ שוין דער גאָלדערן רונג אויף׳ן קליין פינגערל, די יום־טוב־קליידער זיינען בעהאַלטען, איך טראָג דעם אַלטען ראָק אונ אָפּט בעוואַש איך מיט בימטערע טרערען דאָס פערוועלקטע בלומעל. אָזאַ לעבען איז פאַר מיר שווער אונ איך בין געווען מלא שמחה, ווען דער קצב האָט מיר ווייטער פאַרגעלייגט מאַכען אַ דראַקע. איך האָב אַ וואָרף געטאַן דאָס בלומעל, דרייסט אַרויס געטראָטען קעגען מיין פיינד אונ דאָס מאָל איז דער קצב געווען צושלאָגען.

נאך דעם זיעג, צינד זיך ווייטער אן מיין הארץ צו נאך א פערזאן, וואס איז א מוסטער דער שאנהייט אונ פאלקאמענהייט. דער גאלדערן רונג אונ בערן־פעטט טרעטען ווייטער ארויס אויף דער סצענע. נור זיי טרעטען ארויס דאס לעצטע מאל אויף'ן לעבענסוועג פון מיין יוגענד. נאך ערינערונגען קאן איך ניט ארויס־רופען פון דער ווייטער עפאכע.

VI.

איך קוק זיך צו ארום זיך אונ מאך איין ערפינדונג.

איך ווייס ניט ריכטיג, צו האב איך זיך געפרייהט אדער געדאגה'ט, ווען ס'איז אנגעקומען די לעצטע שעה, וואס איך האב זיך אויף אייביג געדארפט שיידען מיט דאקטאר סטראנג'ס אינסטיטוט. מיר דוכט, אז איך האב זיך אי געפרייהט אי געדאגה'ט. איך בין געווען זייער גליקליך אין אינסטיטוט, האב זייער געשעצט מיין דירעקטאר, אונ אללע קינדער האבען מיך געליעבט. דאריבער איז מיר געווען זייער שווער שיידען זיך מיט'ן אינסטיטוט אונ דאס הארץ האט מיר געריססען. נור צוליעב אנדערע סבות פריי איך זיך, וואס איך ענדיג מיין לערנען. איך פאנטאזיר, ווי איך וועל ארבייטען פאר'ן כלל אונ וואס פאר א נאמען איך וועל זיך ערווערבען. איך טרעט איצט אריין אין געזעללשאפט אלס יונגער מאן, מיט א קלאסישע בילדונג, מיט א ווארימען הארץ טהון גוטעס פאר די מענשהייט, מיט ליעבע צו אלס, וואס גוט איז אונ וואס עהרליך איז, מיט א גרויסען חשק ערווערבען זיך א נאמען: וואס קאן ניט ערווארטען אזא מענש אויף'ן ברייטען לעבענספעלד? די פאנטאזיעס האבען שלאף געמאכט מיין טרויער אונ איך האב זיך געשיידט מיט'ן אינסטיטוט אהן קלעמעניש. דאס שיידען זיך מיט די חברים האט אויף מיך אויך ניט געמאכט קיין שווערען איינדרוק. ס'קאן זיין, ווייל דאס אריין טרעטען אין לעבען האט זיך מיר געמאהלט אין שאנע פארבען. די אללע נסיונות וואס איך האב צונויפגעקליבען אין מיין קינדהייט, האבען מיר קיין נוטץ ניט געבראכט, איך האב געקוקט אויף'ן לעבען ווי אויף א צובערשע סקאזקע, וועלכע איך, דער קינפטיגער העלד, האב איהר געדארפט לעזען מיט גרויס שמחה.

די באבע אונ איך האבען פיעל געקלעהרט, וואס פאר א מין ארבייט זאלל איך זיך אויסקלייבען. א יאר צוויי האב איך אלס געבראכען דעם קאפ אונ געזוכט איין אנטפער אויף דער פראגע: „צו וואס בין איך מער גענייגט?“ נור אומזיסט. איך האב אין זיך ניט געפונען קיין שום איבריגען נייגונג עפעס צו איין זאך. אפט פלעגט מיר ארויף קומען א פאנטאזיע נעמען א שיפף אונ מאכען א רייזע ארום דער וועלט צונויף קלייבען ידיעות וואס זאללען צוניטץ קומען פאר דער געלערטער וועלט, נור אויף אויספיהרען דעם פלאן האב איך געדארפט האבען: ערשטען, א גרויסען קאפיטאל וואס ניט איך אונ ניט די באבע האבען געהאט, צווייטען האבען מיר

געפעהלט ידיעות אין פאהרען איבער'ן ים און דאריבער האב איך געמוזט אויסזוכען א-נ-ארבייט וואס זאלל ניט זיין שווער פאר דער באבעס קאפיטאל. און זאלל זיין, וואס ס'וועט זיין, איך וועל אויסזוכען א-נ-ארבייט, וואס מיין געוויססען און עהרע וועלען פון איהר ניט ליידען.

— מ-ר דיקק, אלס אפעקון און משגיח, פלעגט אויך זיצען דערביי, ווען מיר פלעגען מאכען פלענער וועגען מיין צוקונפט (עתיד) און זיין געזיכט האט אויס-געדריקט טיעפזיניגקייט, נור ער האט זיך קיין מאל ניט אריין געמישט אין ריידען, אויסער איין מאל ווען די באבע איז צו איהם זייער צוגעשטאנגען, ער זאלל ארויסזאגען זיין מיינונג, האט ער פעסט געזאגט זיין מיינונג, אז גלייכער פאר אלס איז, איך זאלל ווערען א מיסאנזניק און לייטען בלים. איך ווייס ניט, ווי אזוי איז איהם איינגעפאלען אזא געדאנק, נור די באבע האט איהם אויסגעהערט מיט כעס און פון דאמאלס אן, האט שוין מ-ר דיקק ניט פארגעלייגט קיין שום עצות, ער איז געזעססען שטיל און געקלונגען מיט'ן געלד אין קעשענע.

— ווייסט וואס, טראט? האט די באבע זיך צו מיר געווענדט אין א פריה-מארגען, ווען איך האב שוין געהאט געענדיגט דעם אינסטיטוט, — פון אונזערע אללע עצות זייגען מיר נאך דערוויל צו קיין זאך ניט געקוממען; איך רעכען, אז דאס האט געדולד, היילען זיך טאר מען ניט: מען קאן נאך מאכען א פעהלער, אז דאס גאנצע לעבען וועט מען חרטה האבען, נאמיר זיצען ביים ים אוןווארטען אויף א שאנען וועטער. און דו דערוויל בעטראכט די וועלט מיט אנדערע אויגען, ניט ווי א חדר-אינגעל. פערשטייהסט?

— איך פערשטייה, באבינקע.

— איך דיינק, אז א קליינע רייזע וואלט פאר דיר געוועזען זייער נוטצליך. דו שטיממסט איין אויף דעם.

— איך שטימם זייער איין, באבינקע.

— איך רעכען, אז אויף א התחלה זאלל זיך דיר פערגעלוסטען דורך פאהרען איבער די אלטע ארטער... גו זאלל זיין חאטשע, וואו די פרוי מיט'ן מאוס'ן נאמען וואוהנט — ווי רופט מען איהר, האט די באבע געזאגט, אריינ טהוענדיג די נאז.

מען דארף בעמערקען, אז זי האט קיין מאל ניט געקאנט פערצייהען פעגאטטין איהר נאמען.

— א בעסער פאר דעם האט איר גאר ניט געקאנט אויסטראכטען, האב איך געאנטפערט בעלעבט.

— און זייער שאן! איך האב שוין לאנג וועגען דעם געטראכט. ס'איז גאנץ נאטירליך און לאבענסווערט, וואס דו ליעבסט דיין אלטע ניאנע און דו פערלאנגסט זעהן זיך מיט איהר. וואס דו וועסט נור טהון, גלויב איך, וועט זיין נאטירליך און לאבענסווערט.

— איך וועל זיך וועהן סטארען, אז איר זאלט אין מיר קיין טעות ניט האבען.

— איך וועל זיך אין דיר ניט נארען. דאס אויפפיהרונג פון דיין שוועסטער בעטסי טראטוויד וואלט שטענדיג געוועזן נאטירליך אונ לאבענסווערט: דאס מיידעלע וואלט קאנען דיענען אללעמען פאר א ביישפיעל. דו זאלסט זיך סטארען, טראט, זיין ווירדיג דיין שוועסטער, בעטסי טראטוויד.

— איך האף זיין א ייך ווירדיג, באבע: פאר מיר איז דאס אויך גענוג.

— ס'איז זייער גוט, כ'לעבען, וואס דאס ארימע קינד, דיין מוטער, האט ניט דערלעבט ביז דער צייט, האט געזאגט מיסס בעטסי, ווארפענדיג אויף מיך צארטע בליקען, — אז ניט, וואלט זי אזוי שטאלצירט מיט איהר זוהן, אז איהר קליין קאפעלע וואלט זיך איהר פערדרייהט. אונ גאט מיינער! ווי דו דערמאנסט מיר איהר! איך קאן ניט ניט טראכטען וועגען דיין מוטער, ווען איך קוק אויף דיך.

— איך האף, אז די ערינערונגען זיינען פאר אייך ניט אונאנגענעהם.

— ער איז אזוי אהנליך אויף איהר, דיקק, האט די באבע ווייטער גערעדט:— אזוי אהנליך אויף איהר ווי צוויי טראפען וואסער. זי, די אונגליקליכע, שטייט מיר איצט פאר די אויגען, ווען אין יענעם אבענד איז זי פלוצים געווארען טרויריג, פונקט איך זאלל איהר איצט זעהן. אט קוקט ער אויך אויף מיך מיט די זעלבע אויגען.

— ע! האט אויסגעשריען מ—ר דיקק.— איז ער אהנליך, זאגט איהר?

— ער איז אהנליך אויף דוד'ן אויך, האט די באבע געזאגט.

— ריכטיג! ער איז אהנליך אויף דוד'ן אויך! האט מ—ר דיקק ווידערהאלט.

— דו ביזט א העלד טראטוויד, פון קאפ ביז די פיס... דאס הייסט, איך וויל זאגען, אז דו ביזט א וואוילער אונ א שאנער יונג אין קארפערליכען זינן, נור ניט דאס מיין איך. קארפערליכע אייגענשאפטען — איז ביי מאנספערזאנען א טפל. דער עיקר וויל איך אז דו זאללסט דיענען פאר א מוסטער אין מאראלישען זינן אונ פריהר פאר אלס דארף מען, אז דו זאלסט האבען א שטייפע דעה. שטעלל זיך האבער פאר אללע אומשטענדע אונ ארבייט, ווי א זעלבסטשטאנדיגער, ענערגישער מענש, וועלבער טהוט נור דאס, וואס דער געזונדער שכל זאגט איהם, אט ווי איך וויל, דו זאללסט זיין. זיי, מיט איין ווארט, א מענש מיט א תאראקטער, וועלען אללע מיינע האפנונגען מקוים ווערען. דיין פאטער אונ מוטער וואלטען א סך וויינינער געלידטען, ווען זיי זאללען האבען עפעס א שטיקעל תאראקטער.

איך האב געאנטפערט, אז איך וועל זיך סטארען, ווי ווייט נור מעגליך וועט זיין, אויס ארבייטען א תאראקטער, ווי זי ווינשט.

— אונ כדי דו זאלסט ביסלעכווייס צו געוואהנען זיך זיין זעלבסטשטאנדיג אונ ניט אבהענגיג אן קיינעם זא אין געדאנקען, ווי איך אין אויפפיהרונג, האב איך זיך בעדיינקט, דו זאלסט מאכען די קליינע רייזע אלליין. אנפאנגס האב איך געקלערט, דו זאלסט פאהרען צו זאממען מיט מ—ר דיקק, נור איצט האב איך זיך בעדיינקט, אז ער זאלל פערבלייבען דא נעבען מיר.

מ--ר דיקק איז געוואָרען אומעדיג און האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, נור באַלד איז ער געוואָרען פריילעך, ווען ער האָט דערהערט, אַז ער וועט האָבען די עהרע בעשיצען און היטען די בעסטע פרוי אין דער וועלט.

— אויסער דעם, דאַרף מ--ר דיקק ענדיגען זיינע כתבים.

— אָ, יע, יע, יע! האָט אונטערגעכאַפּט מ--ר דיקק. איך וועל איצט, טראָטוואָד, זיצען פון פריה ביז שפּעט און ענדיגען פאַר איין מאָל. שוין צייט. זיי האָבען מיר שוין דערעססען. און ווען זיי וועלען זיין געענדיגט... געענדיגט... דאָס הייסט דערשריבען ביז׳ן סוף — דאַמאָלס... דאַמאָלס וועלען מיר אויסקאָכען אַגרויסען קעסעל מיט פיש און ס׳וועט זיין וואוילע זופּ!

די באָבע האָט קיין מאָל קיין פיעל שהיות ניט געמאַכט. ביי איהר איז געווען געערעדט און געטאָן. ווי נור מיר האָבען געענדיגט אונזער געשפּראַך, איז שוין מיין טשעמאָדאַן געשטאַנען גרייט, און די באָבע האָט מיר געגעבען אַ ביימעל פול מיט געלד. איך האָב געדאַרפט שוין זעצען זיך און פאָהרען. די באָבע האָט מיר אויפ׳ן וועג אָנגעגעבען פיעל עצות און קושען. זי האָט מיר געראָטען פערברענגען עטליכע טאָג אין לאָנדאָן, פאָרענדיג פון אָדער אין סופפאָלק. מיין רייזע האָט נאָך איהר רעכנונג געדאַרפט דויערען דריי וואָכען אָדער אַ גאַנצען חדש. אויף די גאַנצע צייט האָב איך געהאַט פרייהייט צו טהון, וואָס איך וויל, נור איך האָב געמוזט צוזאָגען דריי מאָל אין וואָך שרייבען בריעף.

אָנפאַנגס בין איך געפאָהרען אין קענטערבערי זעגענען זיך שליעסליך מיט אַגנעס, מ--ר וויקפילד און מיט׳ן דירעקטאָר פון אינסטיטוט. אַגנעס האָט זיך זייער געפרייהט מיט מיין קוממען און זי האָט געזאָגט, אַז נאָך מיין אָבפאָהרען איז זייער הויז גאָר ניט אָהנליך אויף זיך געלבסט.

— און איך בין געוויס ניט אָהנליך אויף זיך זעלבסט נאָך׳ן שיידען זיך מיט אייך, האָב איך געזאָגט. — אָהן אייך אַגנעסע איז מיר פּונקט, ווי מיר זאָל פעהלען די רעכטע האַנד; נאָך מעהר: אָהן אייך פיהל איך ניט דען קאָפּ אויף די אַכסלען. אייערע עצות זיינען טהייער פאַר יעדען, ווער ס׳האָט נור געהאַט דעם גליק אייך צוקאָנען.

— און מיר דוכט, אַז אַללע מיינע בעקאַנטע האָבען זיך אויפגערעדט פערציהען און פערדערבען מיך מיט קאָמפּלימענטען, וועלכע איך פערדיען גאָר ניט, האָט אַגנעסע געאַנטפערט מיט אַ שמייכעל.

— אָ, ניין אַגנעסע! עס קאָן גאָר אמת׳ער ניט זיין, ווי די מיינונגען, וואָס מען ניט אויף אייך; און איר געוויס פערדיענט זיי ווי מען דאַרף גאָר בעסער ניט, וויל קיין מיידעל וועט זיך ניט פערגלייכען צו אייך. אין אייך געפינען זיך די בעסטע אייגענשאַפטען פון אַ פרוי און אייער כאַראַקטער איז עדעל אויף דער העכסטער שטופע.

— אט וואס!... איר רעדט שוין כמעט צו מיר, ווי איך זאלל זיין — א צווייטע מיסס לארקינס, האט אנגעסע געזאגט מיט א הויכען געלעכטער.

— וואס איז דאס פאר א שפאס, אנגעסע! איך האב ניט ערווארטעט, אז איר זאללט בענוצען צו שלעכטס מיין אפענהערציגקייט, האב איך געאנטפערט, ווערענדיג ניט וויללענדיג רויט ביים ערינערונג אן מיין בלויע קראסאוויצע. דאס איז ניט ריהמליך פון אייער זייט; נור איר קאנט זיין זיכער, אז איך וועלל אללע מאל זיין אפענהערציג מיט אייך. אין דעם הינזיכט איז מיר שווער אומבייטען זיך. וועט מיט מיר טרעפען איין אונגליק אדער ווייטער א הייסע ליעבע, וועלל איך אייך אללע מאל דערצאהלען, אפילו ווען איך וועלל ליעבען מיט א־נ־אמת.

— ריכטיג? נור איר, דוכט מיר, זייט מיט א־נ־אמת געוועזען פערליעבט אין מיסס לארקינס.

— א, דאס איז געוועזען א קינדער שפיעל! האב איך געזאגט און געפיהלט דאך איין אונרוה. נור איך בין שוין ניט קיין חדר־אינגעל, איצט איז א־נ־אנדער צייט. ס'קאן זיין, אז ס'וועט קומען א צייט און, זיכער, גאנץ גיך, ווען מיין ליעבע צו דער אויסגעוואוילטע פון מיין הארץ וועט האבען אללע סימנים פון א שטארקע, פייערינע ליידענשאפט... איך בעוואונדער, אנגעסע, ווי אזוי זייט איר ביז איצט נאך ניט געוועזען פערליעבט.

אנגעסע האט זיך פערנאנדערגעלאכט און אראבגעלאזט דעם קאפ.

— יע, איך וויים, איר זייט נאך ניט געוועזען פערליעבט, ווארום זאלל זיין אנדערש וואלט איר מיר דעם סוד פערטרויט אדער לכל הפחות וואלט איך אליין פערשטאנען פון אייער אויפפירונג אייערע געפיהלען.

ביי די ווערטער האט א העלער פארב בעדעקט איהרע באקלאך.

נור איר זייט נאך ניט געוועזען פערליעבט, האב איך פארטגעזעצט, — און דאס איז ביי מיר קלאהר. פון די מאנסביל, וואס איך קאן, איז קיינער ניט ווערט אייער ליעבע; ס'קאן זיין, אז עס וועט זיך געפיננען א מענש, וועלכער וועט מיט זיינע פהיזישע און מאראלישע אייגענשאפטען איבערגיין אין אייערע אויגען אללע זיינע קאנקורענטען און וועט זוכען דעם גליק בעהערשען אייער הארץ און האנד; נור איך האף, אז איר וועט עס ניט טהון אהן מיין איינווילליגונג. און איך דערוויל וועלל מיט זיעבען אויגען בעטראכטען אייערע פערעהרער און דער, וואס אייך וועט געפאללען, וועט פון מיר ווערען שטרענג אונטערזוכט.

אזוי האבען מיר אבגעשמועסט ביי א האלב שעה. פלוצים האט אויף מיך אנגעסע א ווארף געטאן איין אונרוהיגען בליק און געפרעגט:

— טראטווד, איך דארף אייך פרעגען וועגען איין זאך, וועגען וועלכע, קאן זיין, מיר וועט לאנג ניט געלינגען ריידען מיט אייך. די פראגע קאן איך קיינעם פון פרעמדע ניט מאכען. האט איר ניט בעמערקט פון א געוויססע צייט ווערט דער פאטער ביסלעכוויים פעראנדערט?

איך האב שוין לאנג בעמערקט די פעראנדערונג און אפט געוואונדערט זיך, ווי אזוי בעמערקט עס ניט אנגעסע. געוויסס האט מיין געזיכט איצט אויך אויס־געדריקט דעם וואונדער ווייל אנגעסע האט אראב געלאזט די אויגען, און איך האב בעמערקט טרערען אויף איהרע ברעמען.

— ערקלעהרט מיר, וואס זאלל דאס בעדייטען? האט זי געפרעגט מיט א שטילל קול.

— מיר דוכט... זאלל איך מיט אייך ריידען אפפען, אנגעסע? איהר ווייסט, ווי ליעב איך האב מ—ר וויקפילד.

— א, רעדט, אום גאטטעס ווילען!

— מיר דוכט, אנגעסע, אז אין איהם ווארצעלט זיך איין ביסלעכווייס די אונגליקליכע געוואנהייט, וועלכע איז מיר לייכט געוועזען בעמערקען אין איהם גלייך ביי מיין אריין קוממען אין אייער הויז. די געוואנהייט וועט איהם קיין גוטס ניט ברייננען. ער איז אפט בעסנדיג און... נור ס׳קאן זיין, אז איך האב א טעות.

— ניין, טראטוואוד, איהר האט קיין טעות ניט, האט אנגעסע געזאגט שאקלענד מיט׳ן קאפ.

— די האנד ציטערן איהם, די צונג רעדט ניט ארויס דייטליך גאר געוואהנליכע ווארטער, אין די אויגען ברעננט עפעס א ווילדעס פייער. און איך האב בעמערקט, אז גראדע אין די אונגליקליכע מינוטען, קוממט מען שטענדיג צו איהם מיט געשאפטען.

— אוריה קוממט, האט אנגעסע געזאגט.

— יע. ס׳קאן גרייליך זיין, אז דאמאלס איז ער גאר ניט פייהיג בעטראכטען א געשאפט, אללענפאללס איז איהם ניט אנגענעהם, וואס פרעמדע מענשען טרעפפען איהם אין אזא צושטאנד. דערפון ווערט איהם אויף מארגען ערגער און אויף איבער־מארגען נאך ערגער, און אזוי פערלירט ער ביסלעכווייס דעם מוטה, ווערט בעסנדיג און אומעדיג. בעאונרוהיגט זיך ניט, אנגעסע, אויב איך וועלל אייך דערצעהלען, אז א מאל, טרעפענדיג אייער פאטער אין אזא צושטאנד, האב איך בעמערקט, אז ער וויינט, ווי א קינד, אנגעשפארט דעם קאפ אן קאנטארקע.

איך האב נאך ניט געענדיגט די פראזע, ערשט אנגעסע האט לייכט בעריהרט מיט דער האנד איהרע ליפפען און האט זיך פלינק אווארף געטאן צו דער טהיר בעגעגענען דעם פאטער. זי האט איהם א קוש געטאן און אנגעשפארט זיך אויף זיין אקסעל. דער אויסדריק פון איהר געזיכט, ווען זיי האבען זיך ביידע צו מיר געווענדט, איז געוועזען ריהרענד. איהרע שאנע אויגען האבען אויסגעדריקט א טיעפע צארטקייט און דאנקבארקייט צו איהם פאר זיין ליעבע און פאטערליכע זארג. מיר האט געדוכט, אז זי בעט מיך אויך, איך זאלל צו איהם האבען א זעלכע געפיהלען און זאלל איהם ניט בעשולדיגען אפילו אין געדאנקען.

זי האט שטאלצירט מיט'ן פאטער און אין דער זעלבע צייט האט איהר דאס הארץ געבראכען פון זיין אונגליקליכע רגילות. די אללע געפיהלען האב איך געלייענט אין איהרע אויגען.

אין דעם טאג האט מען אונז פערופען צום דאקטאר אויף טהיי, און מיר זיינען צו דער בעשטימטער צייט אוועק אהין. מען האט אונז אריין געפיהרט אין קאבינעט, וואו ס'זיינען געזעססען דער דאקטאר, דאס ווייב און די שוויגער. אויף מיין רייזע האט דער דאקטאר געקוקט מיט אזא ערנסטקייט, אזוי ווי איך זאלל פאהרען אין חינע. ער האט מיך אנגענוממען פאר א געהערטען גאסט און געהייסען צו ווארפען קוילען אין קאמין, כדי ער זאלל מיך בעססער קאנגען בעטראכטען.

— שוין ווינציג נייע מענשען, ווי טראטוואיד, וועלל איך זעהן אין מיין לעבען, וויקפילד, האט דער דאקטאר געזאגט, ווארעמענדיג די האנד ביים קאמין. — איך בין שוין געווארען פויל און פיהל, אז איך דארף שוין רוהען. אין א מאנאט זעכס ארום לאז איך אוועק אללע מיינע שיללער.

— יע, אין די לעצטע צעהן יאר רעדט איר אפט וועגען דעם, דאקטאר, האט מ—ר וויקפילד געאנטפערט.

— ביז איצט האב איך גערעדט און איצט וועלל איך טהון, האט דער דאקטאר געאנטפערט. דער ערשטער לעהרער פון אינסטיטוט וועט פערטרעטען מיין שטעלל. אזוי האב איך שוין בעשלאססען און אנדערש וועט ניט זיין. איר וועט דארפען, וויקפילד, נעמען אויף זיך די מיה מאכען צווישען אונז דעם קאנטראקט. איר זאלט אונז פערבינדען וואס שטארקער, ווי מען טהוט מיט מענשען, וואס האבען אויף זיך א חשד.

— און דאביי וועלל איך דארפען זעהן, מען זאלל אייך ניט נארען, ניט אזוי, דאקטאר? האט מ—ר וויקפילד געזאגט. אייך איז ניט שווער אב צו נארען מיט א קאנטראקט, דאס איז אללעמען לאנג בעוואוסט, איך בין אייך גרייט צו דינגען. אין מיין פראקטיקע פאללען מיר אויס נאך ארגערע געשעפטען.

—נור איך, א דאנק גאט, וועלל שוין מער קיין געשעפטען ניט האבען, האט דער דאקטאר געאנטפערט מיט א שמייכעל, סיידען אויף דער אלטער וועלל איך זיך נעמען צום ענדיגען דעם ווארטערבוך, דערווייל האב איך נאך אפילו האלב ניט אנגעשריבען. ס'איז פאראן נאך א געשעפט, וואס מען דארף ענדיגען פאר'ן ווארטערבוך. דאס געשעפט בעלאנגט אן מיין ווייב.

מ—ס סטראנג איז געזעססען ביים טיש הינטער אגנעסע און אנגעגאססען טהיי; נור ווען מ—ר וויקפילד האט אויף איהר געווענדט זיין דורכדרינגענדען בליק, האט זי אראב געלאזט די אויגען און אב געקעהרט דעם קאפ אין צווייטען זייט. דער אדוואקאט האט איהר אלס נאך געקוקט.

— מיר דוכט, אז די טאג איז געקוממען די פאסט פון אינדיען, האט מ—ר וויקפילד געפרעגט נאך א קורצער פויזע.

מיר האבען ערהאלטען א בריעף פון מ-ר דשזאן מאלדאן, האט דער דאקטאר געזאגט.

— ארימער דשזאן! האט אונטערגעהאפט מ-ס מארקעלהיים, אונ א טרייסעל געטאן מיט'ן קאפ. — ווי געפאלט איך, וואס ער מוז יארען לאנג פרעגלען זיך אין היימען זאמד אונטער די ברענענדיגע שטראהלען פון דער פייערדיגע זונן! אללע זאגען, אז קיין גראסערע הריגה פאר אונזערע אייראפייער ווי דער דארטיגער קלימאט איז — איז גאר ניטא. דשזאן מאלדאן האט געשיינט פאר א שטארקען יונגען מאן; אין אמתין אבער איז ער זייער שוואך. ער האט זיך אין גאנצען פערלאזט פאר זיין אבפאהרען אויף זיין שטייפע דעה אונ הארטען האראקטער, נור איר האט א טעות געהאט, ליעבער דאקטאר, רעכענענדיג, אז ער איז אזוי שטארק אין קארפער. פרעגט ביי אנני.... זי ווייס בעסער. זיי האבען זיך ביידע געהאדעוועט צו זאממען, האבען שפאצירט געארמט אונ געשפילט צו זאממען. דיין קוזין, אנני, איז דאך קיין מאל ניט געוועזען קיין געזונדער אונ שטארקער אינגעל? ניט אזוי, מיין ליעבינקע?

נור מיסס סטראנג איז געבליבען זיצען מיט אראבגעלאזטע אויגען אונ ניט געאנטפערט קיין ווארט.

— דארף איך דען פון אייערע ווערטער ניט שליססען, אז מ-ר מאלדאן איז קראנק, האט געפרעגט מ-ר וויקפילד.

— קראנק?! ניין, געעהרטער, מיט דעם איין ווארט קאן מען ניט ארויס ריידען די לאגע פון א מענשען, ווען מען רעדט וועגען דשזאן מאלדאן, האט דער אלטער הוזאר געאנטפערט בעלעבט.

— טאקע! האט מ-ר וויקפילד אויסגעשריען.

— איך זאג אייך, האט פערשטארקט איהרע רייד דער אלטער הוזאר. דשזאן האט אהן א צווייפעל געליטען פון דער זונן, האט געוויסס א פאר דוץ מאל קדחת געהאט אונ אויסגעשטאנגען אללע מכות, וואס פערטרייבען דארט אזוי פיעל מענשען פון דער וועלט. וועגען היטציגען פיעבער איז דאך גאר ניטא וואס צו ריידען: דעם פיעבער האט ער געקראגען גלייך, ווי ער איז אהין געקומען.

— ער האט אייך וועגען דעם געשריבען? האט מ-ר וויקפילד געפרעגט.

— געשריבען!? אח, געעהרטער, איר קאנט זייער ווינציג דשזאן מאלדאן, אז איר מאכט מיר אזא פראגע, האט געאנטפערט מ-ס מארקעלהיים. — געשריבען? ניין. איר קאנט איהם צובונדען צו די קאפיטעס פון פיער פערד — וועט ער אייך דאמאלס אפילו אויך ניט שרייבען.

— מוטער! האט מ-ס סטראנג געבעטען.

— הער, אנני, מיין ליעבינקע, איך בעט דיך איין מאל פיר אללע מאל ערנסט, דו זאללסט מיר לכל הפחות ניט איבער שלאגען, אויב דו ווילסט ניט פערשטארקען

מיינע רייד, האט מ–ס מארקעלהיים געאנטפערט מיט כעס. דו ווייסט אליין זייער גוט, אז דיין קוזין מאלדאן וועט גיכער מרוצה ווערען זיין צוגעבונדען צו די קאפיטעס פון פיער פערד... נור פאר וואס קארג איך אין די בהמות? ברייננט פיער, אכט, זעכצעהן, צוויי און דרייסיג, פיער און זעכציג ווילדע פערד, בינט צו צו זייערע קאפיטעס דזשאן מאלדאן – און דאמאלס אפילו, פערזיכער איך אייך, דאקטאר, אז ער וועט גיכער מרוצה ווערען שטארבען צוואנציג טויזענד מאל, אייד ער גיין קעגען אייער ווילען.

– דאס הייסט מ–ר וויקפילד'ס ווילען, האט דער דאקטאר געזאגט מיט א רחמנות פנים. איבריגענס, האב איך אין דעם אויך גענומען איין אנטהייל: איך האב געבעטען וויקפילד, ער זאלל אויסזוכען א שטעלל דא אדער אין אויסלאנד.

– און איך האב דאמאלס געזאגט, אז פאר דזשאן מאלדאן איז שאנער פאהרען אין אויסלאנד, האט געאנטפערט מ–ר וויקפילד. איך אלליין בין שולדיג אין דעריין און נעהם די פעראנטווארטליכקייט אויף זיך זעלבסט.

– אח, וואס פאר א פעראנטווארטליכקייט? האט געאנטפערט דער אלטער הוזאר. איר האט דאך עס געטאן פון זיין טובה וועגען. נור אז ער קאנן דארט ניט זיין.. יע, אזוי איז דאס, ער קאן דארט ניט זיין. וועט ער בעסער מרוצה ווערען שטארבען א מיליאן מאל אויף'ן זאמד, אייד ער גיין קעגען דאקטאר'ס ווילען. איך ווייס, וואס איך רייד. געדיינקט מיין ווארט.

– נו, נו, בערוהיגט זיך, מ–ס מארקעלהיים, האט דער דאקטאר געזאגט, – מיר וועלען זיך סטארען, אז דערצו זאל ניט קומען. אויב מ–ר דזשאן מאלדאן וועט זיך מוזען אומקעהרען צוריק אהער, וועלען מיר איהם שוין אבהאלטען דא און אויס־זוכען דא פאר איהם א שטעלל. מ–ר וויקפילד וועט נעמען אויף זיך די מיה אויסזוכען דא פאר איהם א שטעלל.

מ–ס מארקעלהיים איז פון די ווערטער געווארען ניי בעלעבט און געזאגט צום דאקטאר, אז ער איז, ווי זי האט אללע מאל געדיינקט, דער בעסטער מענש אויף דער וועלט, און פערדיענט, אז אללע גוטע מענשען זאללען איהם שאצען. איינינע מאל האט זי א קוש געטאן דעם שפיץ פאכער און האט מיט איהם ענדליך א קלאפ געטאן דעם דאקטאר איבער דער האנד. דערנאך האט זי פארווירפע געמאכט דער טאכטער פאר וואס אארט איהר ניט פאר איהרע קרובים. ענדליך האט מ–ס מארקעלהיים פערציילען א רייד וועגען נאך איינינע מענשען פון איהר פאמיליע, וועלכע פערלט נור דעם דאקטארס פראטעקציע, אז זיי זאללען ווערען גאר גרויסע מענשען.

די גאנצע צייט איז מ–ס סטראנג געזעסען מיט אראבגעלאזטע אויגען און ניט אויסגערעדט אפילו איין ווארט. מ–ר וויקפילד האט די גאנצע צייט פון איהר די אויגען ניט אראב גענומען, פונקט ווי ער זאלל וועללען איבערלעזען איהרע

פערבארגענע געדאנקען. ענדליך האט ער געפרעגט: וואס שרייבט מ־ר דשאן מאלדאן?

— אז איר ווילט, קאן מען אייך איבער לייענען דעם בריעף, האט מ־ם מארקעלהיים געזאגט. ער שרייבט צום דאקטאר... נור וואו איז ער? אט הערט.

„מיט גרויס קימער גיב איך אייך צו וויסען, געעהרטער דאקטאר, אז איך בין פון היגען קלימאט געווארען שוואך אונ, מיר דוכט אז איך וועל מוזען אויף א געוויססע צייט פאהרען אהיים, ווייל די דאקטוירים זאגען אז מיין געזונד קאן זיך נור פעריכטען אין דערהיים.“

— נו וואס וועט איר אויף דעם זאגען, מ־ר וויקפילד? האט מ־ם מארקעלהיים געפרעגט מיט א יום־טוב'דיג קול. ארימער, ארימער יונגער מענש! די גאנצע רעטונג זיינע בעשטייט נור אין דער לופט אויף זיין געבורטסארט. נור דא, ווי איר זעהט, שטערט ער זיך א ביסעל צו ריידען. צו אנני שרייבט ער קלאהרער. אנני וועט מיר דעם בריעף.

— ניט איצט, מוטערל! האט מ־ם סטראנג געאנטפערט מיט א שוואכען קול.

— פאר וואס ניט איצט? האט געאנטפערט מ־ם מארקעלהיים. אויף נאמנות זאג איך דיר, אז דו קוממסט מיר אויס אין אייניגע פאללע לאכערליך אונ איך געפין ניט אין דיר קיין שום פריינדליכקייט צו די גלידער פון דיין געוועזענע פאמיליע. מיר וואלטען קיין מאל דעם בריעף ניט זעהן, ווען איך זאל ביי דיר ניט איינבעטען ווייזען מיר איהם — אזא טריישאפט ווייזט דו דעם דאקטאר סטראנג? ניט גוט, מיין ענגעל? זייער ניט גוט, נו. וואו איז דער בריעף?

מ־ס סטראנג האט קענען איהר ווילען געמוזט דערלאנגען דעם בריעף. דער בריעף איז איבער געגאנגען דורך מיינע האנד צום אלטען הוזאר, דאביי האב איך בעמערקט, אז אנני האט געציטערט, ווען זי האט מיר איהם געגעבען.

— אט איצט וועלען מיר זעהן. האט געזאגט מ־ס מארקעלהיים צושטעללענדיג די לארגנעטקע צום אויג. — ווי רופט מען דאס ארט? זעהט, וואס ער שרייבט.

„די זכרונות וועגען די אלטע צייטען, מיין ליעבע אנני...“

— נו, אונ אזוי ווייטער. דאס איז נאך גאר ניט. ווייטער אבער:

„מען דארף בעמערקען, אז דער ליבענסווירדיגער אלטער פראקטאר...“

— ווער קאן עס זיין? אח, מיין גאט! וואס פאר א פערצוקטע האנד איז ביי דיין קוזין, אנני, אונ וואס פאר איין אונגעבילדעטער נארר איך בין! „דאקטאר“, געוויס, אונ איך לייען — פראקטאר; ליבענסווירדיגער־יע. פערשטייהט זיך, אז ליעבענסווירדיגער.

זי האט אויף א רגע אויפגעהערט צו לייענען, א קוש געטאן דעם שפיין פאכער, בעוויזענדיג מיט דעם גאר א בעזאנדערע צארטקייט צום דאקטאר, וועלכער איז געזעסען זייער גערירט.

— נו איצט, דוקט, האב איך געפונגען דעם עיקר. הערט!

„דו וועסט, זיכער, זיך ניט וואונדערן, ליעבע אנני...“

— א חדוש מעשה! פערשטייהט זיך, אז ניט, אנני ווייס גאנץ גוט, אז איהר קוזין איז א שוואכער. וואס איז דא צו בעוואונדערן. דאס איז גאנץ נאטירליך. וואס האב איך דא געלייענט? יע, יע.

„דו וועסט, זיכער, זיך ניט וואונדערן, ליעבע אנני, אז נאך אללע צרות, וואס איך בין אויסגעשטאנגען אין דער ווייטער מדינה איז ביי מיר געבליבען ניט אנדערש ווי נעמען איין אטפוסק מחמת מיין קריינק אדער גאר ווארפען די שטעללע, אויב מען וועט מיך ניט אב לאזען אויף א געוויססע צייט. די צרות, וואס איך בין אויסגעשטאנגען אונ שטייה אויס, האבען ביי מיר די לעצטע כחות ארויס גענוממען, אונ איך האב זיך בעשלאסען אויף אלס. ניט אלס קאן א מענש אריבער טראגען, ליעבע אנני, זאגאר האבענדיג א גוטען ווילען.“

— נור וואס איז פאראן וועגען דעם צו ריידען, האט מ—ס מארקעלהיים געזאגט, צונויפלייגענדיג דעם בריעף. אז מען זאלל בערעכענען, איז פאראן צו בעוואונדערן פיעל זאכען אויף דער וועלט! א יונגער מאן האט געליטען אונ ליידט די ערגסטע יסורים, ווייל אויף איהם האט רחמנות געהאט דער בעסטער מענש! האט אייך דען, דאקטאר, געקאנט ארויף אויף'ן געדאנק, אז איר וועט אונוויללענד פערשאפען דזשאן מאלדאן אזעלכע צרות?

די גאנצע צייט האט מ—ר וויקפילד ניט אויסגערעדט א האלבען ווארט. אומזיסט האט זיך די אלטע לעדי אללע וויילע צו איהם געווענדט מיט פראגען: ער איז געזעססען שטילל אונ געקוקט אויף דער ערד. באלד האט מען אויפגעהערט צו ריידען וועגען מאלדאן, אונ דאס געשפראך האט גענוממען איין אנדער ווענדונג. נור מ—ר וויקפילד איז געבליבען זיצען ווי פריהר. זעלטען האט ער אויפגעהויבען די אויגען אונ אויף א רגע א קוק געטאן מיט כעס דא אויף'ן דאקטאר, דא אויף'ן ווייב אונ דא אויף זיי ביידען.

דאקטאר סטראנג האט זייער ליעב געהאט מוזיק. אננעסע האט זיך געזעצט צום פארטעפיאן אונ מיט געפיהל געזונגען א פאר זאכען. דערנאך האט זיך געבעטען איהר געזעצט מ—ס סטראנג אונ זיי האבען ביידע געזונגען צוזאממען. זאגאר מ—ס סטראנג איז איצט געווארען פרייהליכער, דאך האט איהר מ—ר וויקפילד נאך געקוקט מיט אנגערוקטע ברעמען אונ ס'איז געווען זייער קלאהר ארויס צו זעהן, אז איהם געפאללט ניט אנני'ס פריינדשאפט מיט אננעסען. וואס בעדייט עס? איך האב זיך ערינערט אן דעם טאג, ווען מאלדאן איז אב געפאהרען, ווי איך האב געזעהן ביי איהם אין האנד דעם ראזע-באנד, אונ—א שרעקליכער פערדאכט האט זיך מיר פערגנבעט אין הארצען. אנני'ס אונשולדיג שאנהייט האט אין איין אויגענבליק פערלארען איהר רייץ, אונ איהרע קינדיש נאאיווע מאנערען האבען פערלארען

דייער גראציע. איך האב פערשטאנען, אז מ—ס סטראנג קאן ניט זיין אנגעסע׳ס פריינדין.

ביידע פרויענצימער זיינען געווען פריילין און א דאנק זיי, האבען מיר ניט בעמערקט, ווי דער אבענד איז איבער געלאפען. נור צום סוף האט געטראפען א זאך, וועלכע איך האב קיין מאל ניט געקאנט פערגעססען. ווען די צוויי יונגע פריינדינען האבען זיך געזעגענט און אנגעסע האט געוואלט אומארמען און א קוש טהון אגני, האט זיך מ—ר וויקפילד, ווי ניט בכיון, אריין געשטעלט אין מיטען, צווישען זיי און אבגעפיהרט זיין טאכטער פון מ—ס סטראנג. איך בין אין דער מינוט געשטאנען ביי דער טהיר, און האב איהר נשתומם אנגעקוקט: איהר געזיכט האט געהאט דעם זעלבען אויסדריק, וואס איך האב אין איהר בעמערקט אין יענעם דיינקווירדיגען אבענד, ווען דשזאן מאלדאן איז אבגעפאהרען נאך אינדיען.

איך קאן ניט זאגען, וואס פאר איין איינדרוק האט די סצענע אויף מיר געמאכט, די סצענע האט געשוועבט פאר מיינע אויגען דעם גאנצען וועג, וואס איך בין געגאנגען א היים. מיר איז געווארען זויער אויף׳ן הארצען און דער גאנצער געגענד האט פאר מיר פערלארען זיין רייץ.

אויף׳ן קוממענדען פריהמארגען האב איך זיך שוין ענדליך געדארפט שיידען מיט׳ן אלטען הויז, וועלכעס איז פיעל יאר געווען בעלעבט פאר מיר פון אנגעסע׳ס געגענווארט. דער געדאנק וועגען אונזער שיידען זיך האט פולל געמאכט מיין גאנצע הארץ. אהין א צווייפעל וועל איך דא אין ניכען ווייטער זיין און וועל ווייטער שלאפען אין מיין שלאף-צימער, נור די גליקליכע אלטע צייט איז אויף אייביג פערשוואונדען און איך וועל שוין מער ניט זיין קיין שכן ביי מ—ר וויקפילד. מיט א פערקלעמטע הארץ האב איך איינגעפאקעוועט מיינע זאכען און מיין דאגה האט בעמערקט אפילו אוריה, וועלכער האט מיר געהאלפען פאקען זיך. ער האט זיך געדרייהט ארום מיר און געלאכט און מיר איז ניט וויללענדיג ארויף אויף׳ן געדאנק, אז אוריה פרייהט זיך מיט מיין אבפאהרען.

ענדליך האב איך זיך געזעגענט מיט אנגעסען און מיט איהר פאטער, נור מיר האט ניט געלונגען האלטען זיך „מאנסבילש״ און האב ניט ארויסגעוויזען א שטייפען גייסט, וועדליג איך האב דאמאלס גערעכענט, פאסט פאר א מאנסביל. איך בין אוועק אויף פאסט און געזעצט זיך אין דילישזאנס. איך בין איצט געווען צופריעדען מיט אלעם, און האב געוואלט זאגאר שלום ווערען מיט מיין אלטען פיינד, דעם קצב, און א ווארף טהון איהם פון דילישזאנס פינף שיללינג אויף א זכרון. איך האב דעם קצב איצט געזעהן פון דילישזאנס, ווי ער שטייט און האקט פלייש. ער איז אללע מאל געווען בייז און העסליך (די צוויי ציינער וואס איך האב איהם אויסגעבראכען אין דער לעצטער דראקע, האבען איהם העסליכער

ניט געמאכט) ; נור איצט איז זיין פהיזיאגאמיע געווען אזוי ווילד, גרויזאם, אז איך, ניט קוקענדיג אויף מיין וועללען שלום ווערען, בין איבערגעפאהרען פערביי איהם שטילל אונ די פינף שיללינג זיינען געבליבען ביי מיר אין קעשענע.

ארויספאהרענדיג פון שטאדט האב איך זיך די ערשטע זאך געסטארעט אננעמען א מינע פון א בעיארטע אונ געזעצטע דשענטלמען אונ צו ליעב דעם טאקע האב איך זיך געמאטערט ריידען מיט א געדיכטען באסאווען קול. מיר האט דאס געקאסט געגוג מיה ; נור איך האב זיך איינגעגלויבט, אז א באסאווער קול צייגט אויף געזעצטקייט. דער ערשטער, וואס האט מיט מיר אריינגעטראטען אין א שמועס, איז געווען דער פוהרמאן.

— איר פאהרט, סער, ביז דער לעצטע סטאנציע ? האט געפרעגט דער פוהרמאן.

— יע, ווילליאם, האב איך געענטפערט מיט איין ארעבלאזענדען טאן (דער פוהרמאן איז מיר געווען בעקאנט). — איך פאהר אין לאנדאן אונ פון דארט אין שופפאלק.

— איר וועט דארט פאהרען אויף'ן פאלעוואניע, סער ?

דאס איז געווען אקוראט ווי ער זאלל מיר פרעגען, אויב איך פאהר ניט צום באפינער זאליוו מאכען א האנדעל מיט וואללפיש ; נור מיר איז געווען אנגענאהם צו הערען, אז ער רעכענט מיך פייהיג צו אזא זאך, וואס פיינע דשענט, מענעם טהוען. איך האב אנגענוממען א וויכטיגע מינע אונ געענטפערט :

— איך ווייס ניט. דערוויייל איז נאך ניט בעשטימט.

— די פייגלאך זיינען איצט זייער שרעקיג, האט וויללאם געזאגט.

— אנדערש קאן ניט זיין אין דער צייט, האב איך געענטפערט.

— איר זייט, סער, א סופפאלקער ?

— יע.

— מען זאגט, אז דארט מאכט מען גוטע טויגאכצלאך, האט וויללאם געפרעגט.

איך האב וועגען דעם גאר ניט געוואוסט, נור וועללענדיג איינהאלטען דעם כבוד פאר אונזער שטאדט, האב איך צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אויף א צייכען, אז יע אונ צוגעגעבען, אז די שטאט ריהמט זיך ניט אומזיסט.

— אונ ווי זיינען ביי אייך די פאנטשען (אזעלכע פערד) ? מיר דוכט, אז אייער א פאנטש, ווען מען זאלל איהם גוט אויספאהרען, האט גאר זיין גלייכען ניט. אונ איר, סער, בעשאפטיגט זיך ניט מיט פאנטשען ?

— ניין, ביז איצט איז מיר ניט אויסגעקוממען.

— אט דער דשענטלמען, וואס זיצט הינטער אייך, פיהרט אגרויסען געשאפט מיט פערד.

דער דשענטלמען, אויף וועלכען דער פוהרמאן האט מיר אנגעוויזען, איז געווען זייער מאוס.

— ניט אמת, סער? האט געפרעגט וויליאם.

— וואס ניט אמת?

— איר האנדעלט דאך מיט סופפאלקער פאנטשעס.

— א פיינע מעשה! געוויס האנדעל איך. ביי מיר זיינען פאראן פערד פון אללע פארבען אויך הינד. פערד און הינד זיינען מיינע ליידענשאפט. זיי פערבייטען מיר עססען טרינקען, שלאפען, לעזען, שרייבען, חשבונען און רויכערן.

—אט וואס! ס'איז ניט אנגענעהם צוזעהן, האט וויליאם געזאגט צובויגענדיג זיך צו מיין אויער, — אז אזא אָרדענטליכער דשענטלמען זיצט הינטער אייך און מיר.

ס'איז קלאהר געוועזן ארויסצוזעהן, אז ער גיט מיר אנצוהערעניש, איך זאלל מיין ארט אב טרעטען דעם מערווירדיגען דשענטלמען. איך בין רויט געווארען און מאכענדיג הארץ, האב איך ארויסגעוויזען בערייטשאפט בייטען זיך מיט די ערטער.

דעם אומשטאנד האב איך שטענדיג גערעכענט פאר מיין ערשטע מפלה אויף'ן ווירקליכען לעבענסוועג. איך האב בכיון געדונגען דאס ארט, בעצאהלט פאר איהם מיט א האלב קראנע מער, אנגעטאן מיין בעסטען ראק, פערבונדען זיך מיט א פראנטישע שאל, כדי אללע פערבייגייענדע און פאהרענדע זאללען פערגניגען האבען, קוקענדיג אויף מיך. ערשט אויף דער ערשטער סטאנציע נאך טרעט איך איך אב מיין ארט — און וועמען? גאר איין אונווירדיגען מענשען.

איך בין געוועזן געוואהנט פון די קינדערשע יארען צווייפלען אין מיינע אייגענע פערדיענסטען, סיי אמת'ע סיי פאלשע, און דאס ספק'ען האט זיך נאך איצט, נאטירליך, געדארפט פערגראססערען פון דער קליינע געשיכטע, וואס מיט מיר האט געטראפען אין דילישזאנס. אומזיסט האב איך זיך געמאטערט ריידען ווי פריהר מיט א געדיכטען באס, פון וואס איך האב שוין געקראגען א הייזעריגקייט אין האלז; דאס בעוואוסט זיין, אז איך בין נאך זייער יונג האט מיך ניט אוועק געלאזט אויף איין מינוט, און איך האב זיך גערעכענט אין גאנצען צושלאגען.

פון דעסטוועגען בין איך דאך געוועזן א יונגער מאן, נוט ערצייגען און האב געריזט מיט גאלדערנע געלט אין קעשענע. ס'איז אנגענעהם געוועזן, זיצענדיג מיט רחבת אין דילישזאנס, בעקוקען די ערטער, וואו איך האב א מאל, פער-מאטערט, צושלאגען, עלענד, געשלעפט זיך צופוס פון לאנדאן אין דובער, יעדעס בארגעלע, שטיינדעלע, צווייגעלע האט ביי מיר ארויס גערופען זכרונות פון יענער צייט. יעדער בראדיאגע אויף'ן וועג האט אויף מיר ארויף געווארפען א שרעק און צייטענווייס האט מיר געדוכט, אז דעם מעשאנזניק'ס שווארצע האנד האלט מיך פאר'ן קראגען פון העמד. ווען מיר זיינען דורך געפאהרען טשעטעם, האב איך מיט די אויגען געזוכט די שמוציגע קראמיל, וואו דער אלטער משוגע'נער האט ביי מיר געקויפט

די קורטקע און געלאזט מיך פרעגלען זיך אויף דער זונן און ווארטען אויף זיינע געלט. ווען מיר זיינען ענדליך געפאהרען פערביי סאלעם, בין איך געווען גרייט אראב שפרינגען פון דילישזאנס און אוועק געבען אלס אויף דער וועלט, מען זאלל מיר נור ערלויבען אנשלאגען דעם עם-הארץ קריקל און בעפרייען אללע שיללער פון פאנסיאן.

מיר האבען זיך אב געשטעללט אין א טראקטיר מיט'ן נאמען: גאלדענער הירש. דער משרת האט מיך אריינגעפיהרט אין אללגעמיינע זאל; א מיידעל האט מיר אנגעוויזען מיין שלאף-צימער, וואס איז געווען ענג, פערשטיקט און אנגעצויגען מיט א ריח פון שטאל. דער צימער האט אויסגעזעהן ווי א קבר. דא, אזוי ווי אין וועג, האט קיינער ניט געהאט פאר מיר דרך ארץ, ווי געהעריג איז, און איך האב געזעהן, אז מען רעכענט נאך מיר פאר א אינגעל. דאס מיידעל פון טראקטיר האט ארויסגעוויזען אזא גלייכגילטיגקייט צו מיינע ווארטער, אז איך האב זיך געפונען בעליידיגט; דער משרת האט זיך מיט מיר בעגאנגען פאמיליארנע און האט זיך גענומען די מיה געבען מיר עטליכע פריינדליכע עצות.

— איר וועט איצט, זיכער, מיטטאגען, סער? האט דער משרת געפרעגט.

איך האב געאנטפערט: יע.

— וואס וועט איר הייסען פערפערטיגען? יונגע דשזענטלמענעס האבען געוואהנליך ליעב עופות: וועט איר ניט הייסען צוגרייטען א געבראטענע היהנדעל?

איך האב געזאגט, אז איך קאן ניט ליידען געבראטענע היהנער.

— ריכטיג? יונגע דשזענטלמענעס, ווייס איך, האבען פיינד רינד-און שעפסענפלייש, וועט איר ניט הייסען א קאלבען קאטלעט?

איך וואלט גערען וועלען בעשטעללען א-נ-אנדער געריכט, נור קיין אנדערע איז מיר אויף'ן געדאנק ניט ארויף, און איך האב ניט ווילענדיג געהייסען צוגרייטען א קאטלעט.

— איר וועט הייסען צוגרייטען מיט שוועמלאך? האט ווייטער גערעדט דער לאקיי איינשמייכעלענד און אראב געבויגען דעם קאפ אויף איין זייט. — יונגע דשזענטלמענעס האבען זייער ליעב שוועמלאך.

איך האב א ברום געטאן מיט זייער א געדיכטען באס און געהייסען דער-לאנגען א קאטלעט מיט קארטאפעל-בריהע.

— אט וואס איך וועלל אייך בעטען, האב איך געזאגט מיט איין ערהאבען קול, ווען דער משרת האט געהאלטען ביים ארויס גיין. פרעגט, אויב ס'זיינען דא ניטא קיין בריעף אויף'ן נאמען פון עסקווייר טראטווויד קאפפערפילד.

פערשטייט זיך, אז קיין בריעף איז ניט געווען און ס'האט ניט געקאנט זיין; נור איך האב מיט דער פראגע געוואלט מאכען אויף'ן משרת א עפפעקט (איינדרוק).

דער משרת איז באלד אריין צוריק און געאנטפערט אז פאר'ן עסקוואיר

טראטואר קאפפערפילד איז ניטא קיין בריעף, אונ דער אנטפער, פערשטייט זיך, האט מיר זייער איבערראשט. דערנאך האט ער געדעקט דעם טיש אונ געפראגט וועלכען וויין טרינק איך געוואהנליך צום מיטאג: איך האב געהייסען דער־אנגען א האלבע פינטע חערעס אונ האב זיך באלד געחאפט, אז געוויס וועט ער מיר די פארציאן צונויפגיסען פון די ביסלאך, וואס איז פערבליבען אין די פלאשלאך. איך האב טאקע קיין טעות ניט געהאט: א קוק טהוענדיג דורך'ן שפאלט פון וואנטיל, וואס האט אבגעטהיילט מיין צימער פון לאקיי'ס, האב איך געזעהן, אז ער ליידיגט אוים פיעל כלים מאכען פאר מיר א געטרייגק אונ אין דעם צושטאנד האט מען איהם געקאנט אנגעמען פאר איין אפטייקער, וואס שטעללט צונויף א רפואה נאך'ן דאקטאר'ס רעצעפט. דער וויין איז געוועזען ערגער ווי שלעכט, האטשע דער משרת האט מיר פערזיכערט, אז דאס איז דער בעסטער סארט אונ מען האט איהם ניט לאנג געבראכט פון אויסלאנד. איך האב צונויפגעקליבען אללע מיינע כחות אונ אויס־געטרונקען ביז'ן לעצטען טראפען.

צום סוף מיטטאג בין איך פרייליך געווארען (דערפון זעהט מען ארוים, אז א רפואה קאן אמאל מאכען א גוטען איינדרוק אויף שטערבליכע), אונ האב זיך בעשלאססען גיין אין טעאטער, מען האט געגעבען יולי צעזאר. פאר מיר זיינען אויפגעשטאנען די אלטע רוימער. ווי לאנג האב איך אויסגעליטען פיעל יסורים פון זיי אין קלאסס? איצט אבער זיינען זיי ניט געוועזען שטרענג, זיי זיינען ארוים פון קבר מיט'ן איינציגען ציעל וועקען דעם עסטעטישען געשמאק אין הארצען פון זייער געוועזענעם שיללער. די פאנטאסטישע דעקאראציע פון טעאטר, מוזיק, ליכט, אקטיארען, גרויסעם פובליקום, דאס דעקלאמירען שעקספיר'ס ליעדער, אפלאדירען: דאס אלס האט מיר פערטומאניעט מיין קינדיש קאפ אונ איך בין געוועזען דערפון ענטציקט. צוועלף א זייגער האט זיך געענדיגט, אונ ווען איך בין ארוים אין גאס אויף'ן רעגען, האט מיר געדוכט, אז איך האב זיך אראב געלאזט פון די וואלקען אין א טרויער טהאל, וואו ארימע בעשאפעניששען דארפען אייביג קלאפען מיט די קאלאשען איבער'ן בלאטיגען ברוק אונ פיהרען א שוואכע מלחמה מיט די זאנטיקעס קעגען די גרויסע טראפען רעגען.

איך בין נשתומם געשטאנען איבער'ן מיטט'ן גאס אונ אנגעקוקט, וואס טהוט זיך דא מיט מיר, נע־ווגד'ניק אין דער וויסטע דונקעלע וועלט; פון די קלאפ אבער, וואס איך האב געקראגען פון פארענט אונ הינטען, בין איך געקוממען צו זיך אונ איך בין אהן דעת אוועק צום גאלדערנען הירש, דא אין אללגעמיינען זאל, צו ביסענדיג מיט פיש אונ פערטרינקענד מיט פארטער, האב איך מיט פערגניגען ערזיינערט אללע דעטאליען, וואס איך האב געזעהן אונ געהערט אין טעאטר. ס'איז געוועזען גוט שפעט, ווען איך בין געוועזען אזוי פערטיעפט אין די פאעטישע בילדער אונ האב ניט בעמערקט ווי די צייט גייט אונ אז אין זאל איז אריין א שאנער

יונגער מאן, געקליידט נאך דער לעצטער מאדע מיט גרויס געשמאק זאגאר פון גאנצען קאסטיום איז געווען ארויסצוזעהן עפּעס ווי אבגעלאזענקייט, וואס איז פאר איינינע דזשענטלמענעס א מין פּראנטאוויסטווא. ער האט זיך געזעצט ניט ווייט פון מיר; נור איך האב אויף איהם ניט געקוקט.

ענדליך צוויי אזייגער נאך האלבע נאכט האב איך זיך צוגעקליבען גיין צו זיך אין נומער וואס האט פערשאפט גרויס פערגניגען דעם שלאפיגען משרת, וועלכער האט שוין לאנג אונגעדולדיג געדרייהט זיך אין אלע זייטען, פונקט ווי ער זאלל האבען א קאנוואולסיע אין די פיס. גייענדיג פערביי דעם יונגען אונבעקאנטען, האב איך ניט בכיון א קוק געטאן איהם אין געזיכט — איך האב א קוק געטאן, אונ די פיס זיינען מיר ווי צו געשמידט געווארען צום ארט. דער שאנער דזשענטלמען האט מיך ניט ערקאנט, נור איך האב איהם פון ערשטען בליק דערקאנט.

אין איין אנדער צייט, ביי אנדערע אומשטאנדע, וואלט איך געוויס ניט געוואגט אונטער גיין צו איהם אונ איך וואלט אבגעלייגט דאס זעהען זיך אויף מארגען אונ אהן א צווייפעל וואלט איך איהם שוין מער ניט געטראפען. נור אין דער מינוט בין איך געווען בעצויבערט פון טעאטער-וואונדער אונ געפיהלט אז איך מוז פאר וועמען אויסגיסען מיינע געפיהלען. דער יונגער דזשענטלמען איז געווען אמאל מיין בעשיצער אונ געוויס פערדיענט ער א דאנק פון מיין זייט. די אלטע פריינדשאפט האט אויפגעלעבט אין מיין הארץ אין איין אויגענבליק: איך בין צו איהם אונטערגעגאנגען אונ געזאגט:

— סטירפארם! וועמען זעה איך?

ער האט אויף מיר א קוק געטאן ווי אמאל, נור איך האב געזעהן, אז ער דערקאנט מיך ניט.

— איר האט מיך פערגעססען, מ-ר סטירפארם! האב איך געזאגט ווי מיט א ברוגז טאן.

— מיין גאט! האט ער פלוצים אויסגעשריען נשתומם, — איז דאס דער קליינער קאפּפערפילד?

איך האב איהם געהאפּט פאר ביידע האנד אונ ווען איך זאלל זיך ניט שעמען אונ ניט מורא האבען בעליידיגען מיט דעם מיין געוועזענעם פריינד, וואלט איך זיך איהם א ווארף געטאן אויף'ן האלז אונ צוויינט זיך.

— קיין מאל, קיין מאל, קיין מאל בין איך ניט געווען אזוי צופריעדען, ליעבער סטירפארם!... א, ווען דו זאלסט וויססען, ווי מיר איז אנגענעהם דיך צו זעהן!

— איך זעלבסט בין אויך זייער צופריעדען, מיין ליעבער, האט ער געאנטפערט, דריקענדיג מיר שטייף די האנד. נור דו פערציהסט זיך זייער, קאפּפערפילד; דאס ווייזט, אז דו ביזט נאך א קינד.

א דאנה: אבי איהם איז אנגענאהם צו זעהן מיין שמחה. איך האב אבגעריבען די טרערען, וואס האבען מיר געראנגען פון די אויגען, פערנאנדערגעלאכט זיך אונגעשיקט, אונ מיר האבען זיך געזעצט איינער נעבען צווייטען.

— נו, ווי קומסטו אהער? האט ער מיר געפרעגט, א קלאפ טהועדיג מיר איבער'ן אכסעל.

איך האב איהם אין עטליכע ווערטער דערצעהלט, וואס איך האב געטאן, וואו איך געפין זיך. האב איהם געפרעגט, וואס טהוט ער.

— איך האב שוין לאנג געענדיגט מיט'ן פאנסיאן אונ איצט געפין איך זיך אין אקספארד. דארט מאטערט מען מיך פון איין סעמעסטר ביז'ן צווייטען. איצט פאהר איך צו דער מוטער. דו ביזט איצט א סך שענער געווארען, קאפפערפילד, זאגאר דיין געזיכטסאויסדריק האט זיך ניט געאנדערט.

— איך צווייפעל!... זעהסטו, דיין געזיכט האט זיך גאר ניט געאנדערט. איך האב דיר ערקאנט פון ערשטען בליק. נור דיין געזיכט געהערט צו יענע, וועלכע מען קאן קיין מאל ניט פערגעססען.

סטירפארס האט זיך צולאכט אונ האט פערריכט מיט דער האנד זיינע געדיכטע, געקרויזטע האר.

— די מוטער וואהנט אונטער דער שטאדט, ניט ווייט, אונ אזוי ווי דער וועג איז שלעכט אונ אין שטוב ביי אונז איז אומעדיג, האב איך זיך בערעכענט איבער נאכטען דא אין טראקטיר. אין שטאדט בין איך סך הכל א שעה זעכס, אונ איך האב די צייט איבער געדרעמעלט אין טעאטר.

— איך בין אויך געוועזען אין טעאטר, סטירפארס... אין קאווענט-גארדען. דער ספעקטאקל איז געוועזען וואונדער גוט.

— מיין ליעבענסווירדיגער פריינד, האט מיר סטירפארס געאנטפערט מיט א גרויס געלעכטער אונ האט מיר א קלאפ געטאן איבערן אכסעל, — דו ביזט א וואהרע מארגאריטקע (גאנזעבלומעל), אויב איך זאל דיר זאגען דעם ריינען אמת. איך בין אליין געוועזען אין קאווענט-גארדען אונ קאן דיר זאגען, אז ס'טרעפט זעלטען אזא האסליכער ספעקטאקל. — עי, סער!

דער געשריי איז געוועזען צום בופעטציק, וועלכער האט אונז שוין לאנג נאך געקוקט מיט גרויס נייגירדע. איצט איז ער צו אונז אונטער געגאנגען מיט דרך ארץ.

— וואו האט איר אבגעפיהרט צום נאכטען מיין פריינד, מ-ר קאפפערפילד'ן? האט סטירפארס געפרעגט.

— וואס זאגט איר, סער?

— וואו וועט שלאפען מיין פריינד קאפפערפילד? וואס פאר א נומער האט איר איהם געגעבען? איר פערשטייט?

דער בופעטציק האט גענומען קנעטען מיט די פיס און ניט געוואוסט, וואס צו אנטפערן.

– איר הערט דען ניט, וואס איך רייד? האט סטירפארס איבערגעחזרט.

– איך בעט אום פערצייהונג, סער... מ–ר קאפפערפילד שטייט אין פיער און פיערציגסטען נומער.

– וועלבער שווארץ–יאר האט אייך געהייסען אריין רוקען איהם אין יענער קאנורע?

– איך בעט אום פערצייהונג, סער... מיר האבען ניט געהאט די עהרע צו וויסען... מיר האבען ניט פערשטאנגען, אז מ–ר קאפפערפילד דארף האבען א שאנגען חדר. אויב איר וועט הייסען, וועללען מיר פאר איהם אבראמען דעם צוויי און זיעבציגסטען נומער. ס'וועט זיין גלייך מיט אייער נומער. געפאללט אייך, סער?

– פערשטייט זיך, אז מיר געפאללט, האט סטירפארס געאנטפערט. טראגט שוין איבער זיינע זאכען און וויטער זייט פארזיכטיג.

דער בופעטציק איז גלייך אוועק טהון, ווי מען האט איהם געהייסען. סטירפארס האט גענוג געשפאסט פון מיין פריהערדיגען צימער. מיר זיינען נאך ביי א מינוט צעהן געזעסען אין אלגעמיינע זאל און אוועק צו זיך אין די נומערען. סטירפארס האט מיך געבעטען, איך זאלל צו איהם מארגען צעהן א זייגער פריה אריין פריהשטאגען און איך האב, פערשטייט זיך, מיט פערגניגען איינגעשטימט.

מיין נייער צימער איז געוועזען א ריינער און א פראכטיגער. אין מיטט'ן איז געשטאנגען א פיינע בעט, וואו ס'האבען געקאנט שלאפען פאר נויטה א מאן פינף–זעכס, איך בין פערזונקען אין די פוהאווע בעטגעוואנד און באלד זיס איינגעשלאפען. אויף מארגען איך בין אויפגעשטאנגען נאך פיעל זיססע חלומות פריש און געזונד.

VII.

סטירפארס הויז.

אכט א זייגער פריה, האט א מיידעל געאפענט די טהיר פון מיין שלאף–צימער און געזאגט, אז זי האט מיר אריין געטראגען ווארימעס וואססער צום ראזירען. די ווארטער, האבען טיעף בעריהרט מיין איינגעליעבע און איך האב א טיעפען זיפץ געטאן ביים געדאנק, אז איך, אונבארדיגער, ברויך ניט א וועלכע זאכען. איך האב זיך אויפגעהייבען פון בעט אומעדיג און גענומען זיך אנטהון, זייענדיג געקריינקט פון חשד, אז דאס מיידעל האט, זיכער, געלאכט פון מיר, אריינטראגענדיג דאס ווארימע וואססער. ס'איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז דאס מיידעל האט בעמערקט ווי מיר האט דאס בלוט אריין געשפארט אין געזיכט פון בושה, ווען איך בין געגאנגען איבער די טרעפ אין אללגעמיינען זאל,

וואו ס'איז גרייט געווען פריהשטאג, זיינענדיג בעאונרוהיגט פון מיין יונגהייט, האב איך זיך ניט געקאנט בעשליסען גיין פערביי דער מיידעל, דערזעהענדיג איהר אין קארידאר מיט א בערשטיל אין האנד. איך האב זיך אבגעשטעלט ביים פענסטער אונ גענומען קוקען, כלומרשט. אויף דער בראנזענע סטאטויע פון טשארלז דעם ערשטען, וועלכע איך האב, איבריגענס, גאר ניט געזעהן צו ליעב דעם געבעל, וואס האט איהר בעדעקט. איך בין אזוי לאנג געשטאנען ביז דער משרת איז צו מיר צוגעלאפען אונ געזאגט, אז מ—ר סטירפארס_ווארט אויף מיר אונטען.

נור אונטען איז סטירפארס ניט געווען. מען האט מיר אריין געפיהרט צו איהם אין צימער מיט מאלין—רויטע פארהאנגען אונ א טירקישען קאוויאר. דאס פייער האט העלל געברענט אין קאמין אונ די הייסע געריכטען זיינען געשטאנען גרייט צום פריהשטאג אויף א שניי—ווייסע טישטוך. אי דאס פייער, אי דער פריהשטאג אי סטירפארס אונ אללע חפצים פון דעם פראכטיגען צימער האבען זיך אב געשפיעגעלט אין קליינען פארמאט אין קליין קיילעכדיגען שפיעגעל איבער'ן בופעט. אנפאנגס האב איך זיך צוגעשעמט, פערשטייענדיג, ווי וייט איך בין פון איהם, נור פון זיין בנעימות'דיג ריידען אונ ליעבענסווירדיגקייט איז מיר די בושה באלד פערשוואונדען געווארען. דער משרת, וואס האט נאכטען גערעדט מיט מיר אזוי פאמיליארנע, איז איצט ארום געגאנגען אויף די שפיץ—פינגער אונ האט מיט עהרעפורכט אויסגעפיללט אונזער בעפעהל.

—איצט דערצעהל מיר, וואס מיט דיר איז? האט זיך סטירפארס צו מיר געווענדט, ווען מיר זיינען פערבליבען אלליין. —איך דארף וויסען פאדראבנע, וואס טהוסטו, וואו היין פאהרסטו, נאך וואס—אלס וואס עס בעלאנגט אן דיר. מיר דוכט, אז דו געהערסט מיר איצט אין גאנצען, ווי דו ביזט.

איך בין געווען מלא שמחה פון זיינע ווערטער אונ האב איהם אויסדערצעהלט ווי די באבע האט נאך פיער עצות מיר געראטען מאכען די רייזע כדי צונויפקלייבען גוטהיגע נסיונות אונ ידיעות אויף'ן לעבענסוועג.

—דערפון שליסס איך, האט ער געאנטפערט, אז היילען זיך האסטו ניט וואס. דאריבער וועסטו פאהרען מיט מיר אין גייגעט צו מיין מוטער אונ גאסטען ביי מיר אין הויז א צוויי טאג. איך בין זיכער, אז איר וועט איינער דעם צווייטען געפאללען ווערען. מיין מוטער איז א גוטע פרוי, זי שטאלצירט א ביסעל מיט איהר זוהן, האט ליעב צו ריידען וועגען זיינע מעלות, וואס ער האט קיין מאל ניט געהאט. נור דו וועסט איר געוויס פערצייהען די שוואכקייט. פון דיר, בין איך זיכער, וועט זי זיין ענטציקט.

—מיר וואלט געווען זייער אנגענאהם איבערצייגען זיך אין דעם. דערווייל אבער איז ביי מיר דער פונקט אין ספק.

—עט! דא איז קיין ספק ניטא, האט סטירפארס געזאגט. יעדער, וואס ליעבט מיך, האט רעכט פון פאדערען איהר געניינטקייט.

— אויב אזוי פערהאפ איך זיין דיין מוטערס ליעבלינג.

— זייער גוט. מיר פאהרען אונ וואס גיכער איז בעסער. נור פריהר וויל איך דיר, אלס ביילינג אין וועלט זאכען, בעווייזען איינינע וואונדער זאכען פון דער שטאדט. אונ אין א שעה צוויי ארום פאהרען מיר אין בייגעט.

— גלייך נאך פרישטאג בין איך אריין צו זיך אין צימער אונ אנגעשריבען א בריעף צו דער באבען, איך האב איהר געשריבען פון מיין אונערווארטעט בעגעגעניש מיט מיין אלטען חבר אונ אז איך פאר צו איהם אין גאסט אויף עטליכע טאג. דערנאך זיינען מיר געפאהרען בעקוקען לאנדאן, מיר זיינען געוועזען אין זווערינעץ, אין מוזעאום סטירפארס האט אומעדום ארויסגעוויזען גרויסע פערשידענע ידיעות, מיט וועלכע, וועדליג ס'האט געשיינט, ער האט גאר ניט שטאלצירט.

— איך וואונדער זיך, סטירפארס, פון דיינע ידיעות, האב איך געזאגט, איך צווייפעל גאר ניט, אז דו וועסט אין אקספארד דערגרייכען די האכסטע געלערטע שטופפע. ס'איז פערשטאנדליך, וואס דיין מוטער שטאלצירט אזוי מיט דיר.

— איך וועל דערגרייכען די האכסטע געלערטע שטופפע! פון וואנען געמסטו עס זיך, מיין ליעבער! האט סטירפארס געזאגט מיט א פרייהליכען געלאכטער. ניין, דעווי.... ערלויב מיר בעסער רופען דיך דעזי*), אזוי וועט זיין שאנער.

— רוף אויב דו ווילסט.

— זייער, וויל דו ביזט זייער אהנליך צו א מארגאריטקע, האט סטירפארס געזאגט. ניין, ליעבער דעזי, איך דיינק גאר ניט אויסטרעטען פאר זיך דעם וועג אין אקספארדישען אוניווערזיטעט, פאר מיר איז גענוג דאס, וואס איך ווייס. דאס געזעללשאפט, וואו איך וועל לעבען, וועט פון מיר גאר ניט פאדערען, איך זאלל זיין א דאקטאר פהילאזאף.

— אונ כבוד...

— ע, מיין ליעבער! איך זעה, אז ביי דיר איז דער דמיון שטארקער פאר'ן קאלטען שכל, מיך קאן ווייניג וואס פרייהען, וואס איינינע פעדאנטען וועללען בעוואונדערען מיין וויסענשאפט. זאללען דעם כבוד זוכען די יעניגע, וואס זיינען גרייט זיך פערדארבען ביים שרייב טיש. איך פערגין זיי דעם לארבער-קראנץ.

— איך האב דאס געשפראך פערבויגען אונ האב איהם געגעבען איין אנדער ווענדונג, סטירפארס האט מיט געהאלטען. בכלל האט ער ליעב געהאט איבער-שפרינגען פון איין זאך אויף דער צווייטער.

מיר האבען, אומקעהרענדיג זיך פון שטאט, נאך א מאל צוגעביסען אונ דער קורצער ווינטערדיגער טאג איז ניך פערשוואונדען געווארען, ס'איז שוין געוועזען פינסטערלאך, ווען אונזער עקיפאז האט זיך אב געשטעלט אין בייגעט נעבען איין

*) דעזי הייסט גאנזענבלומאכען (מארגאריטקע).

אלטען געמויערטען הויז, וואס איז געשטאנגען אויף א הייכען בארג. אונז האט בעגעגענט א בעיאהרטע פרוי, זאגאר ניט זייער אלט, פון שאנען שטאלצען וואוכס אונ מיט א שאנען געזיכט. דאס איז געווען זיין מוטער, זי האט איהם ארום גענומען אונ געראפען ליעבער דשעמס. ער האט מיך פאר איהר פארגעשטעלט אלס זיין בעסטען פריינד, זי האט מיך בעגריסט מיט איין ערהאבענע מינע.

דאס הויז איז געווען איין אלטמאדישע אונ א פראכטיגע אונ איז געשטאנגען איינזאם. פון די פענסטער האט זיך געזעהן גאנץ לאנדאן. ווען איך האב זיך אנגעצויגען צום מיטאג, האב איך בעטראכט די שווערע מעבעל מיט אויסגענייטע קוויטען, די אלטפאטערישע קארטינעס, וואו ס'זיינען געווען אויסגעמאלט גראסארטיגע לעדיס אין קארסעטען מיט געפודרעטע האר. מיר האט געדוכט, אז זיי גייען ארום, ווי לעבעדיגע הין אונ צוריק איבער די וואנד.

אין עסס-צימער איז אויסער דער ווירטהין געזעססען נאך א צווייטע, א שווארצליכע לעדי פון נידריגען וואוכס. די לעדי איז ווייט ניט געווען קיין רייצענד שאנע, דאך, דערזעהענדיג איהר דאס ערשטע מאל, האב איך בשום אופן ניט געקאנט אב רייסען פון איהר די אויגען, איך וויים ניט צו ליעב וואס, צו איז דאס געווען ווייל איך האב איהר דערזעהן אונגעריכט, אונ ביים טיש איז מיר אויסגעקומען זיצען קעגען איהר, אדער ווייל איהרע געזיכטסציגע זיינען אין דער ווירקליכקייט געווען מערקווירדיג, איהרע האר זיינען געווען שווארץ ווי סמאלע אונ אין איהרע שווארצע אויגען האט זיך געזעהן גאר איין אונגעוואהנליכער שיין, זי איז געווען זייער דינן, אונ איך האב בעמערקט א שראמם ביי איהר אויף'ן ליפ. דער שראמם וואס איז געווים געקוממען פון א וואונד, האט זיך געצויגען פון דער אויבערשטע ליפ ביז'ן קינבאק: די וואונד האט זיך פערהיילט, נור א סימן איז פערבליבען אויף אייביג אונ האט געמאכט די ליפ זייער מאוס, בעטראכטענדיג גוט דאס פריילען, בין איך געקוממען צום שלום, אז זי האט שוין געווים דרייסיג יאר אונ, נאטירליך, נארט זי זייער האבען חתונה, זי איז אהנליך געווען אויף א הויז וואס האלט ביים איינפאללען אונ שטייט שוין עטליכע יאר צום פערקויפען, נור ליידער, געפינען זיך קיין בעלנים ניט אונ דאס הויז ווערט פערוואָרפען. איהר דארקייט איז איהר געווים געקוממען פון איננערליכען פייער, וואס האט זיך איצט מיט איין אונגעוואהנליכע קראפט געשפארט פון איהרע אויגען, געפינענדיג אין די קליינינקע לאבעלאך דעם איינציגען וועג אויף ארויסגעהן.

מען האט איהר מיר פארגעשטעללט אלס מיסס דארטל, זאגאר סטירפארס אונ די מוטער האבען איהר גערופען מיסס ראזע, אדער נאר פראסט ראזע. זי האט דא שוין לאנג געוואהנט אונ איז געווען מ—ס סטירפאר'ס א חברתה. אין איהר ריידען א זאנדערבארע זאך, וואס זי האט קיין מאל ניט ארויסגעזאגט אפפען, וואס זי דיינקט, זי פלעגט נור געבען אנצוהערעניש אדער געבען שטענדיג

פראגעס אנשטאדט אנטוואָרטען. אזוי, צום ביי שפיעל, מ—ס סטירפארס האט מער אין שפאס געזאגט, אז איהר זוהן פיהרט אין אקספארד זייער א צושטרייטען לעבען.

— ריכטיג? אזוי דיינקט איר? האט מיסס דארטל אונטערגעהאפּט. — נור דאס איז דאך גאר א געוואהנליכע זאך. יונגע מענשען טרעטען אריין אין אקספארד, כדי... אפשר האב איך א טעות?

— יונגע מענשען טרעטען אריין אין אקספארדישען אוניווערזיטעט, כדי זיי זאללען דערנאך קאננען זיין רייכסבעאמטע, אויב איר פערלאנגט צו וויססען, ראזע, האט מ—ס סטירפארס געאנטפערט קאלטלאך.

— א, געוויסס! דאס איז זייער ריכטיג, האט מיסס דארטל פערשטארקט. — נור ווי אזוי קוממט עס?... איבריגענס, קאן זיין, אז איך האב א טעות, און איר טהוט זייער גוט, וואס איר פערריכט מיינע פעהלערען. — יע, יע... ניט אמת?

— וואס ניט אמת? האט געפרעגט מ—ס סטירפארס.

— וואס? איר האט דאך שוין געזאגט, אז ניט אמת, האט מיסס דארטל געאנטפערט. איך האב א טעות געהאט און מיך פרייהט, וואס איך האב א טעות געהאט. איצט, אויב מען וועט אין מיין געגענווארט געמען ריידען וועגען פרייהליכען און צערשטרייטען לעבען פון די יונגע מענשען אין אקספארד, וועלל איך ניט אנדערש ווי פערשטאפען זיך די אויערען, ווייל איצט ווייס איך, אז דאס איז ניט אמת.

—און זייער גוט וועט איהר טהון, אויב איר וועט זיך פערשטאפען די אויערען, האט מ—ס סטירפארס געזאגט, — דער פראפעססער, וועלכען איך האב געבעטען אכטונג געבען אויף מיין זוהן, איז איין אָרדענטליכער דשענטלמען; דאס ווייס איך גוט. ווען אפילו איך זאלל זיך ניט פערלאזען אויף מיין זוהן, וואלט איך דאמאלס אויך אין גאנצען פערלאזען זיך אויף'ן פראפעססאר.

— טאקע? האט מיסס דארטל אויסגעשריען. זאגט, איך בעט אייך: דאס איז מיר גאר אויף'ן רעיון ניט ארויף. איז ער, זאגט איר, איין אָרדענטליכער דשענטלמען? איר זייט גאנץ זיכער אין דעם?

— יע, גאנץ זיכער, האט מ—ס סטירפארס געאנטפערט.

— ווי גוט דאס איז! האט מיסס דארטל אונטערגעהאפּט. — וואס פאר א נחמה דאס איז פאר אונז אללעמען! איז ער טאקע אין דער ווירקליכקייט, איין אָרדענטליכער דשענטלמען? אויב אזוי, וועט ער דאך ניט... נור פערשטייט זיך, אז דאס קאן ניט זיין, אויב ער איז איין אָרדענטליכער דשענטלמען. זייער גוט. איצט וועלל איך שוין זיין זייער רוהיג. איר קאנט זיך גאר ניט פארשטעללען, ווי דאס מאכט איהם הויך אין מיינע אויגען. א דשענטלמען און דערצו נאך איין אָרדענטליכער — דארף מען גאר בעססער?

אזוי האט מיסס דארטל אלס געשאטען מיט פראגעס. מיר האט געדוכט, אז זי איז גרייט ווידערשפּרעכען מיין פריינד, סטירפארס'ן, אויב ס'וועט זיך מאכען

דערצו א געלעגענהייט. צום סוף מיטטאג האט זיך געמאכט די געלעגענהייט ווען מ—ס סטירפארס האט געפרעגט, נאך וואס פאהר איך אין סופפאלק, האב איך געאנטפערט, זעהן זיך מיט מיין אלטע ניאנע און מיט מ—ר פעגאטטי׳ס געזינד.

— ווי גליקליך וואלט איך געוועזן, סטירפארס, ווען דו וואלסט אויך פאהרען מיט מיר! האב איך זיך געווענדט צו מיין פריינד. א ביסעל ביזטו שוין בעקאנט מיט דעם געזינד. דו געדיינקסט דעם שיפפער, וואס איז צו מיר געקוממען אין פאנסיאן?

— דוכט מיר, אז איך געדיינק, האט סטירפארס געאנטפערט, א הויכער, אונגעשיקטער מאנסביל מיט גראבע מאנערען. ער איז דאמאלס געוועזן מיט זיין זוהן.

— ניין, דאס איז געוועזן זיין פלימעניק, וועלכען ער האט צוגענוממען פאר א זוהן. ער האט נאך א פלימעניצע, זייער א שאנע פריילען, וועלכע ער ערציהט ווי זיין אייגען טאכטער. איך בין זיכער, אז דיר וועט זיין אנגענעהם א קוק טהון אויף זיין בעל-הביתעשאפט.

— דארט מוז טאקע זיין אין אריגינאללע ווירטשאפט, האט סטירפארס געאנטפערט. ס׳קאן ניט שטערען דורך פאהרען זיך און א קוק טהון אויף די פּראָסטע מענשען — מיר פאהרען, דערזי. אללענפאללס וועט מיט דיר ניט זיין אומעדיג.

מיין הארץ האט אין מיר אנגעהייבען צושפּרינגען פון שמחה, אז מיר וועללען פאהרען צוזאממען. נור מיסס דארטל האט אין זיינע ווערטער אבגעזוכט שפּייז פאר איהר שארפזיניגקייט, ווען סטירפארס האט אונפארזיכטיג ארויסגערעדט, אז מ—ר פעגאטטיס הויז געזינד געהערט צו א בעזונדער פּראָסטע מענשען.

— אט וואס! האט מיסס דארטל אויסגעשריען. — אח, זאגט, איך בעט אייך! איז דאס טאקע אזוי?

— וואס טאקע אזוי, האט סטירפארס געפרעגט.

— די פּראָסטע מענשען, מער, ווי איר זאגט. געהערען זיי טאקע צו א בעזונדער ראנג מענשען און האבען מיט אונז קיין שום פעראייניגונג ניט? דאס מוז זיין זייער אינטערעסאנט.

— אומזיסט וואונדערט איר זיך, מיסס ראזא, אין מיינע ווערטער איז קיין שום רעטעניש ניטא, האט סטירפארס געאנטפערט קאלטבלוטיג. זיי זיינען טאקע אויף אונז ניט אהנליך. זיי פיהלען ניט ווי מיר. אויף זיי איז שווער צו מאכען איין איינדרוק, בעליידיגען זייער דעליקאטנאסט. איבערהויפּט, איז ביי זיי די נאטור גראב און דאריבער פיהלען זיי ניט זייער.

ריכטיג? זאגט, איך בעט אייך, ווי קלוג אלס איז איינגעארדענט! האט מיסס דארטל געאנטפערט. איר האט מיר איצט געטרייסט און בערוהיגט, מ—ר סטירפארס. ס׳איז אנגענאהם צו הערען פון אייך, אז די מענשען פיהלען ניט זייערע יסורים. אפט פלעגט טרעפען, אז איך פלעג בעדויערען די פּראָסטע מענשען, נור איצט א דאנק אייך, וועל איך וועגען זיי גארניט דיינקען, אין אמת׳ן זיינען די מענשען גליקליכער

פון אונז. דאס גאנצע לעבען דארף מען זיך טאקע לערנען. איך בין זיך מודה, איך האב לאנג געבראכען דעם קאפ אויף די שאלות, נור איצט האט איר מיר געעפענט די אויגען, סטירפארס. וואס איך האב פריהער ניט געוואוסט, איז איצט פאר מיר קלאהר, ווי דער טאג. ריכטיג, ס'איז א סך בעסער צו פרעגן אלס אנטפערען... ניט אזוי?

מיר האט געדוכט, אז סטירפארס האט געשפאסט, כדי איבערראשען מיסס דארטל אונ האט געווארט, אז ווען מיסס דארטל וועט אוועק גיין, וועט ער ערקלעהרען זיין געדאנק. נור אומזיסט. ווען ביידע לעדים זיינען אוועק געגאנגען צו זיך אונ איך מיט סטירפארס'ן האבען זיך אבגעשטעללט אליין, האט סטירפארס בלויז געפרעגט, וואס פאר א מיינונג האב איך וועגען מיסס דארטל.

— זי איז זייער קלוג, סטירפארס, ניט אמת?

— קלוג? זי האפט יעדעס ווארט אונ מאלט. איהר צונג איז א וואהרע בריטווע אונ זי שארפט איהר שוין עטליכע יאר נאך איין האנד. פון שארפען האט זיך איהר ארגאניזם אויסגעדארט זי האט זיך אויסגעשארפט אין גאנצען פון קאפ ביז די פיס.

— וואס פאר א מערקווירדיגער שראם ביי איהר אויף'ן ליפ! האב איך געזאגט.

— דער שראם, קאפפערפילד, איז מיין ארבייט.

— וואס פאר איין אונגליקליכע אונפארזיכטיגקייט!

— ניין, דאס האב איך ניט געמאכט אונפארזיכטיג. ווען איך בין נאך געווען א אינגעל, האט מיך מיסס דארטל ארויסגעבראכט פון געדולד, אונ איך האב אויף איהר א שליידער געטאן מיט איין האממער, דערפון קאנסטו שליסען, וואס פאר א חיה איך בין געווען אין יענע צייט.

מיר איז געווען זייער ניט אנגענעהם, וואס איך האב פערצויגען איבער דעם א שמועס, נור האפען צוריק האב איך שוין ניט געקאנט.

— פון יענער צייט האט סטירפארס ווייטער גערעדט, — טראגט זי דעם סימן ביי זיך אויף'ן געזיכט אונ וועט איהם שוין טראגען ביז'ן קבר... אויב נור איהר איז בעשערט בערוהיגען זיך אין קבר. איך דיינק ערנסט, אז די פרויענצימער וועט ערגעץ ניט געפינען קיין רוה. זי איז מיינע א שוועסטער קינד'ס א טאכטער, די מוטער איז איהר אב געשטארבען גלייך, נאך איהר געבוירען ווערען. ווען דער פאטער איז איהר אויך אבגעשטארבען, האט איהר מיין מוטער גענוממען צו זיך. די עלטערן האבען איהר איבער געלאזט ירושה צוויי טויזענד פונט. דאס געלט ליעגט אין באנק אונ זי ריהרט אפילו ניט די פראצענט אונ אזוי וואכסט איהר קאפיטאל זייער גיך.

— אהן א צווייפעל ליעבט זי דיך, ווי א ברודער, האב איך געזאגט.

— הם! האט סטירפארס א מורמעל געטאן אונ אב געקעהרט זיין בליק צום קאמין. ניט אללע ברידער זיינען געליעבט פון זייערע שוועסטער אונ ס'טרעפען

א מאל אזעלכע שוועסטער... נור אט איז גוטער וויין. נאמיר אנפאנגס טרינקען פאר דיין געזונד, און דערנאך וועללען מיר זעהן, וואס דער פון וועט ארויס.

דער וואלקען איז אויגענבליקליך אראב פון זיין געזיכט און ער איז באלד געווארען דער זעלבער סטירפארס.

ווען מען האט אונז גערופען צו טהיי האב איך ניט געקאנט זיעגען אין זיך מיין נייגירדע און האב מיט אנטהייל געקוקט אויף איהר שראמם. באלד האב איך בעמערקט, אז דער שראמם איז געוועזען דער סאמע געפיהלפאללסטער טהייל אויף איהר געזיכט. ווען מיסס דארטל פלעגט בלייך ווערען, האט זיך פריהר פאר אלעם געביטען דער שראמם און האט אנגענומען דעם קאליר פון בליי.

מ—ס סטירפארס האט זייער ליעב געהאט איהר זוהן, זי האט גערעדט וועגען איהם גאר אהן אויפהער, און ס'איז קאנטיג געוועזען, אז אללע איהרע מחשבות זיינען פערנומען מיט איהם. זי האט מיר בעוויזען דעם מעדאליאן, מיט זיין פארטרעט ווען ער איז נאך געוועזען א קינד. דארט איז נאך געלעגען זיינע קינדישע האר. מ—ס סטירפארס האט איין פארטרעט פון דער לעצטע צייט געטראגען ביי זיך אויף'ן הארצען. אללע בריעף האט זי געהיט אין א שאן קאסטעלע, וועלכע האט זיך שטענדיג געפונען געבען איהר ביי דער האנד. זי האט חשק געהאט איבער לייענען פאר מיר אללע בריעף, נור סטירפארס האט ניט דערלאזט.

ביי טהיי האט מ—ס סטירפארס מיר דערצאהלט, אז דער זוהן האט איהר טאקע א מאל דערצאהלט פון א קליין איינגעלע, וועלכען ער האט זייער ליעב געקריגען אין פאנסיאן ביי מ—ר קריקל; דעם נאמען געדיינקט זי ניט, נור פערשטייט זיך, אז דאס בין איך געוועזען.

—ער איז איממער גראסמוטהיג און אדעל, האט מ—ס סטירפארס געזאגט מיט שטאלץ.

איך האב דערצו מיט'ן גאנצען הארצען איינגעשטיממט, און מ—ס סטירפארס האט ניט געצווייפעלט אין מיינע געפיהלען. זי האט אויפגעהערט ריידען מיט מיר מיט גדלות, אויסער סיידען ווען זי האט גערידמט איהר זוהן, אין די מינוטען איז זי געוועזען זייער שטאלץ.

— די שוהל, פערשטייט זיך, איז ניט ווערט געוועזען האבען ביי זיך מיין זוהן און ניט אין איהר האט ער געדארפט ערהאלטען די ערשטע בילדונג, נור דאמאלס בין איך געוועזען געצוואונגען דערצו. אויסער דעם האט דער גרויסער שכל פון מיין זוהן געפאדערט, אז די לערער זאללען פיהלען מיט וועמען זיי האבען צו טהון. מ—ר קריקל איז טאקע געוועזען אזא מענש, ער האט געוואוסט, אז מיין זוהן שטייט העכער פאר איהם. ווייטער האב איך געוואלט, אז ער זאל זיך געפינען צווישען קינדער, און מיינע האפנונג זיינען מקוים געווארען. אין פאנסיאן ביי מ—ר קריקל איז ער געווארען א מושל איבער אללעמען און האט זיך געפיהרט גאנץ פיין, קיינער האט

איהם ניט מקנא געווען און קיינער ניט פיינד געהאט, איצט לערנט ער אין אוניווערזיטעט און ס'איז גאר קיין ספק ניט, אז אויב ער וועט וועלען, וועט ער קונה שם זיין אין דער געלערנטער וועלט. דשוזעמס האט מיר דערצאהלט, אז איר, מ-ר קאפפערפילד, זייט מיט איהם זייער בעפריינדעט און נאכטען ביי דער בעגעגעניש האט איר פערגאססען פריידע-טרערען. וואס איז פאראן זיך צו לייקענען, אזעלכע געפיהלען צו מיין זוהן ביי פרעמדע מענשען, וואונדערען מיך ניט; נור דאך קאן איך ניט בלייבען גלייכגילטיג צו די פערזאנען וועלכע שאצען נאך די ווירדע די גייסטיגע און זיטטליכע אייגענשאפטען פון מיין זוהן. איך בין זייער צופריעדען זעהן אייך ביי זיך אין הויז, מ-ר קאפפערפילד, און איך קאן אייך פון מיינער זייט פערזיכערען, אז מיין זוהן ליעבט אייך מיט א-נ-אמת; איר קאנט האפען אויף זיין שיצונג.

מיסס דארטל, וואס האט מיט סטירפארסען דערוויל געשפיעלט אין טריקטראק, האט ארויסגעוויזען אזא ברענן אין שפיעלען, אז ווען איך וואלט איהר איצט געהאט געזעהן דאס ערשטע מאל, וואלט איך געזאגט, אז פון דעם קאפדרייהיגען שפיעל איז זי אזוי אויסגעדארט געווארען. און דאך האט זי אייןווארט ניט פערהערט פון אונזער געשפראך, און איך צווייפעל ניט, אז זי האט מיר נאך געקוקט יעדען רייד.

אבענדצייט, זיצענדיג ביים קאמין, האט מיר סטירפארס צו געזאגט ערנסט בעדיינקען זיך וועגען אונזער רייזע אין סופפאלק. היילען זיך דארף מען ניט. ביי א וואך צייט קאנגען מיר לעבען אין גייגעט. די גאסטפריינדליכע מ-ס סטירפארס האט פערשטארקט דעם זוהנ'ס ווארטער. סטירפארס האט מיך אנגערופען דעזי, און דאס האט ארויס גערופען מיסס דארטל אויף דער סצענע:

— אה, ריכטיג, מ-ר קאפפערפילד? האט זי געפרעגט — איז דאס טאקע אייער פאמיליע? און פאר וואס רופט ער אייך מארגאריטקע? טאקע צו ליעב דעם, וואס ער רעכענט אייך פאר יונג און אונשולדיג? ערקלעהרט מיר, איך בעט אייך: איך פערשטיי ניט די זאכען.

איך בין רויט געווארען, ווען איך האב איהר געאנטפערט, אז דאס טאקע מוז זיין די סבה.

— א! אזוי גאר! האט ווייטער גערעדט מיסס דארטל. — נו מיר איז זייער אנגענאהם, וואס לכל הפחות האב איך דאס מאל קיין טעות ניט געהאט. איך פרעג טאקע פשוט צו ליעב דעם, ווייל איך וויל קיין טעות ניט האבען. ער רעכענט אייך פאר א יונגען און אונשולדיגען און צו ליעב דעם זייט איר זיין אמת'ער גוטער פריינד. א! דאס איז א רייצענדע קארטינע.

מיט די ווערטער איז מיסס דארטל אוועק צו זיך אין שלאף צימער, מ-ס סטירפארס איז ארויס גלייך נאך איהר. איך און סטירפארס זיינען נאך אויף א היבשע ווילע פערבליבען זיצען ביים קאמין און האבען דערמאנט אונזערע בעקאנטע פון

פאלמער פאנסיאן. ענדליך זיינען מיר אויך געגאנגען שלאפען. פאר'ן לייגען זיך בין איך אריין צו סטירפארס'ן אין צימער. דער צימער איז געווען פערפוצט מיט געקונסטעלטע פאטעלען, קישעלאך, פוס-ביינקעלאך. אויף דער וואנד איז געהאנגען מ—ס סטירפארס'ס פארטרעט, פונקט ווי זי זאלל האבען פערגניגען קוקען אויף איהר זוהן, ווען ער שלאפט.

א היבשע ווייל בין איך געזעססען ביי זיך אין צימער און פערזונקען אין געדאנקען וועגען מיין גליק. איך בין געזעססען אונבעוועגט, נור ענדליך האבען זיך מיינע אויגען אבגעשטעלט אויף מיסס דארטל'ס פארטרעט, וועלכער האט מיך אויפמערקזאם אנגעקוקט.

דער פארטרעט איז געווען זייער ריכטיג מיט'ן אריגינאל, דער קינסטלער האט נור גערעכענט פאר איבריג אויסמאהלען דעם שראם, נור איך האב איהם אלליין צוגעגעבען מיט'ן דמיון. דא האב איך איהם געזעהן בלויז אויף דער אויבערשטע ליפ, ווי איך האב דאס ערשטע מאל בעמערקט, צו מיטטאג, דא האט ער זיך אויסגעצויגען ביז'ן קינבאק, אזוי ווי איך האב בעמערקט, ווען מיסס דארטל איז אין כעס געווארען.

פאר וואס האט מען אויפגעהאנגען דעם פארטרעט ביי מיר אין שלאף-צימער? האב איך קיין אנטפער ניט געפונען. און כדי איך זאלל פערגעססען אן דעם בילד, האב איך זיך געשווינד אויסגעטאן, פערלאשען די ליכט און געלייגט זיך שלאפען, נור אפילו אין בעטט אונטער דער דעקע (קאלדרע), האט מיסס דארטל געקוקט אויף מיך מיט איהרע ברעננענדיגע אויגען, און מיר האט געדוכט, אז איך הער, ווי זי פרעגט: — טאקע? איז דאס ריכטיג אזוי?" — אין שלאף, זעהענדיג אונרוהיגע חלומות, האב איך אללעמען און יעדען בעזונדער געפרעגט „איז דאס טאקע אמת?", חאטשע איך דער ערשטער האב ניט געוואוסט, וועגען וואס ס'רעדט זיך, און וואס פאר אין אמת דערגייי איך. איך האב זיך אויפגעהאפט און געזעצט אויף'ן בעטט, נור די פראגע האט זיך אלם געדרייהט ביי מיר אויף דער צונג.

VIII.

די קליינע עממי.

אין דעם הויז איז געווען א משרת, ☐ וועלכער האט מיר תיכף פון ערשטען בליק אויסגעוויזען פאר א אידעאל פון רעספעקטעבעלנאסט (כבודיג האלטען זיך). בעדיענט האט ער בלויז סטירפארס'ן און בעגלייטען איהם בעגלייטען אין אוניווערזיטעט. געגאנגען איז ער ניט אנדערש ווי אויף די שפיץ פינגער און איז געווען בעשיידען, שטילל, ערנסט, אויפמערקזאם, ער איז שטענדיג געווען אונטער דער האנד, ווען מען האט איהם געברויכט און האט קיין מאל ניט געטארטשעט אין די אויגען,

אויב מען האט איהם ניט געדארפט. נור די הויפטאייגענשאפט זיינע איז געווען רעספעקטעבעלנאסט, דאס איז איין אייגענשאפט, וואס מען בעגעגענט זייער זעלטען צווישען משרתים. דער רעספעקטעלבעלנער דיענער האט זיך פאר אייך ניט געבויגען – ס'הייבט זיך גאר ניט אן – ער האט שטענדיג געטראגען א געקראכמאלטען האלזטוך מיט א הויכען קראגען, דער קאפ מיט גלאט – פערקאמטע האר איז שטענדיג געשטאנגען גלייך אונ זאגאר ערהאבען. גערעדט האט ער שטיל, נור זייער לויט, ארויסריידענדיג דעם סמך אויף א שפעפעליאווען ארט אונ פלעגט אין ריידען דווקא אויסקלייבען ווערטער וואס האבען אין זיך פיעל סמך'ען, אלס וואס אויף איהם אונ ארום איהם איז געווען, איז געווארען רעספעקטעבעלנע. ווען די נאטור זאלל איהם פערקרימען די נאז אדער זי זאלל איהר איבערקעהרען מיט'ן עק ארויף, דאס הייסט מיט די נאזלאכער צו די אויגען אדער צו מאשטשען איהר גאר צום שטערן מיט די נאזלאכער צו די האר, וואלט עס אלס בעקוממען אויף זיין געזיכט א רעספעקטעבעלנען אויסזעהן. די גאנצע לופט ארום איהם איז געווען אנגעצויגען מיט רעספעקטעבעלנאסט; חושד זיין איהם, אז ער וועט וואס ס'איז טהון ניט ווי געהעריג איז אדער אונגעלומפערט, איז געווען אונמאגליך, ווייל ער איז געווען רעספעקטעבעלנע פון קאפ ביז די פיס. געבען איהם טהון עפעס ניט קיין שאנע ארבייט, וואלט געהייסען שרעקליך בעליידיגען זיינע רעספעקטעבעלנע געפיהלען. דאס טאקע האבען אין שטוב אללע דיענסטען זייער גוט פערשטאנגען אונ ווען דער רעספעקטעבעלנער דיענער האט גערייניגט א בלאטט–ציטונג, האבען די דיענסטען דערווייל געטאן פאר איהם די קלייניגע אונ נידריגע ארבייט.

ער איז געווען א בעל צורה אונ יעדער קעהר זיינס איז געווען ערנסט אונ דאס האט נאך מער חן צוגעגעבען זיין רעספעקטעבעלנאסט, אפילו דאס וואס קיינער אין גאנצען הויז האט ניט געוואוסט זיין נאמען, האט מען אויך געקאנט ערקלעהרען מיט זיין רעספעקטעבעלנאסט. זיין פאמיליע איז געווען ליטטימער אונ ס'איז זעלבסט פערשטאנדליך, אז פון די משרתים האט קיינער געוואגט טהון איהם דערוויידער. ווען ער זאלל זיך רופען פיטער אדער טאם אדער דיקק, וואלט מען איהם, נאטירליך, געקאנט א מאל שיקען פאשען חזירים, אבער ליטטימער איז שוין גאר אנדערש.

זיין רעספעקטעבעלנאסט איז פאר מיר געווען א-נ-אבקומעניש, ווייל אין דעם געגענוואַרט פון דעם רעספעקטעבעלנעם דיענער, פלעג איך זייער פיהלען מיין יוגענד. ווי אלט איז ער אליין געווען, האב איך ניט געקאנט וויסען, אלס צו ליעב דעם, ווייל ער איז געווען זייער רעספעקטעבעלנע. ס'קאן זיין, אז ער האט שוין געהאט איבער פופציג, אונ אפשר האט ער נאך קיין דרייסיג ניט געהאט.

איידער איך האב אויף געעפענט די אויגען ביי זיך אין בעטט, איז שוין

ליטטימער געוועזן ביי מיר אין צימער: ער האט מיר אריין געטראגען וואסער צום ראזירען, אונ האט גענומען מיינע קליידער רייניגען. ווען איך האב אויפגעהויבען די סטארע פון פענסטער, איז ער שוין ווייטער געוועזן אין צימער אונ האט געבען בעטט א נידער געשטעללט מיינע שטיוועל אונ אראב געבלאזען פון פראק דעם שטויב, וואס מען האט קוים געקאנט בעמערקען.

איך האב איהם בעגריסט מיט א גוט מארגען אונ געפראגט, פיעל איז דער זייגער. ער האט ארויסגענוממען פון קעשענע א וואהרען רעספעקטעבעלנען זייגער, א דריק געטאן די טריבפעדער (שפרונג), געאפענט איהם, א קוק געטאן אויף'ן ציפערבלאט, ווייטער א דריק געטאן די טרייבפעדער אונ ערשט געאנטפערט, אז ס'איז פונקט האלב נײַן.

— מ-ר סטירפארס'ן וועט זיין אנגענאהם צו הערען, ווי האט איר געשלאפען, סער.

— איך דאנק, האב איך געזאגט. — מיר איז געוועזן זייער גוט. וואס מאכט מ-ר סטירפארס.

— איך דאנק, סער. מ-ר סטירפארס איז געזונד.

— קאן איך האבען די עהרע טהון נאך עפעס פאר אייך, סער? קלינגען וועט מען דא זיין א זייגער. אונ האלב צעהן וועט מען פריהשטאגען, האט ער ווייטער געזאגט.

— ניין; מער דארף איך קיין זאך ניט. איך דאנק.

— איך דאנק אייך, סער. אייער דיענער.

מיט די ווערטער האט זיך ליטטימער שטילל ארויסגעגנבעט פון צימער, פערמאכענדיג הינטער זיך די טהיר מיט אזא פארזיכטיגקייט, פונקט ווי איך זאלל איצט האבען פערזונקען אין א זיסען שלאף, פון וועלכען מיין גאנצעס לעבען הייננגט אב.

אללע פריהמארגען האבען מיר גערעדט אין דעם זעלבען טאן, ניט צוגעבענדיג אפילו איין זילבע, אונ דאך פלעג איך זיך יעדען פריהמארגען פיהלען פאר א אינגעל אין זיין געגענווארט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס מיט יעדען טאג ווער איך האבער ביי מ-ס סטירפארס אונ מיסס דארטל אין די אויגען.

ליטטימער פלעגט אונז בריינגען צופיהרען געזאטעלטע פערד אונ סטירפארס, וואס האט אלס אין דער וועלט געקאנט, האט מיר געלערנט רייטען. ליטטימער פלעגט בריינגען ראפפירען (שווערדען), אונ סטירפארס האט מיר געלערנט פעכטען. ליטטימער פלעגט בריינגען האנדשוה, אונ סטירפארס האט מיר געלערנט באקסירען (שלאגען זיך מיט די קולאקעס). מיר איז גאר ניט געוועזן מאוס פאר סטירפארס'ן, וואס איך בין איין עם הארץ אין די אללע זאכען, נור געשאמט האב איך זיך, ווי א גנב, פאר ליטטימער'ן אונ פאר איהם אין די אויגען האב איך ניט געקאנט א קעהר טהון זיך. איך האב ניט געקאנט חושד זיין ליטטימערען, אז ער

איז א בריה אין די אללע קונצען אונ דאך אין זיין געגענווארט פלעגט מיר דאס פנים פלאמען פאר בושה פון מיין עם־הארצעשקייט.

איך פערציה בכיון אזא לאנגען געשפראך וועגען דעם משרת, ווייל שפעטער וועט ער שפילען ניט קיין קליינע ראליע אויף'ן דראמאטישען לעבענסוועג.

די טאג זיינען גיך איבערגעלאפען אין פערשיעדענע פערגניגען. וואס מער איך האב ערקאנט סטירפארס'ן, איז ער אלס מער גראסער געווארען אין מיינע אויגען בעגאנגען איז ער זיך מיט מיר ווי מיט א שפיעלכעל, נורדאס איז מיר זייער געפאללען געווען, ווייל עס האט מיר דערמאנט די אמאליגע יארען אין פאנסיאן אונ דערוויזען אז ער האט זיך צו מיר ניט אומגעביטען. דאך האב איך געזעהן, אז ער שאצט מיך האכער פאר אללע זיינע פריינד אונ ער איז מיר א וואהרער גוטער פריינד.

ענדליך האט ער זיך געשלאססען פאהרען מיט מיר אין סופפאלק אונ דער טאג פון אונזער אבּרייזען איז געקוממען, אנפאנגס האט סטירפארס זיך געשלאגען מיט דער דעה געמען מיט זיך ליטטימער'ן אדער ניט, נור צום סוף איז ביי איהם געבליבען לאזען דעם משרת צוהויז. דער רעספעקטעבעלנער דיענער האט איינגעפאקעהעט אונזערע זאכען, איך האב איהם איבערגעלאזט עטליכע מטבעות, אונ ער האט זיי צוגענוממען זייער רוהיג.

מיר האבען זיך זייער פריינדליך געזעגענט מיט די דאמען אונ איך האב געדאנקט מ—ס סטירפארס פאר איהר גאסטפריינדשאפט. די לעצטע זאך, וואס מיר האט זיך געווארפען אין די אויגען איז געווען ווייטער ליטטימער, מיר האט געדוכט, אז ער איז דורכגעדרונגען מיט א געדאנק, אז איך בין נאך צו יונג פאר איין ארדענטליכען דזשענטלמען.

אין לאנדאן האבען מיר זיך איבערגעזעצט אין א דילישזאנס, וואס איז געגאנגען אין יארמאאוז. איך קאן ניט אויסדריקען אללע מיינע געפיהלען, וואס האבען זיך פערנב'עט אין מיין הארץ, ווען איך האב א קוק געטאן אויף די אללע בעקאנטע ארטער. איך בין געווען אזוי אויפגערעהרט, אז איך האב ניט בעמערקט, ווי מיר זיינען אריין געפארען אין די שמאהלע אונ ענגע יארמאאוזער גאסלאך. מיר האבען זיך אבגעשטעלט אין א האטעל אונ איבערגענאכטעט. אויף מארגען אין דער פריה, נאך איידער איך האב זיך אויפגעהייבען פון בעט, האט שוין סטירפארס געהאט צייט ארום שפאצירען איבער'ן ברעג ים אונ בעקאנען זיך מיט אללע שיפפער.

— איך האב געזעהן, אויב איך האב נור קיין טעות ניט, האט סטירפארס געזאגט, קומענדיג צוריק פון שפאציר, — דיין פריינד'ס שטיבעלע. אויף'ן ברעג האב איך געזעהן עפעס א מין שיפפעל מיט א גרויסען קוימען, פון וועלכען איז געגאנגען א רויך.

איך האב איהם געזאגט, אז דאס איז דאס הייזעל.

— איך האב זייער געוואלט אריין גיין א היין אונ אנרופען זיך מיט דיין נאמען

האט סטירפארס געזאגט, — זיי וואלטען געוויס גערעכענט, אז דער קליינער קאפפערפילד איז אזוי אויסגעוואכסען, אז מען קאן איהם שוין גאר ניט דערקאנען.

איך האב געאנטפערט, אז דאס וואלט געווען ניט שלעכט.

— ווען וועסטו מיך פארשטעללען פאר די מענשען, דעזי? האט סטירפארס געפרעגט. מען דארף וועגען דעם בעצייטענס אבריידען.

— מיר דוכט, אז בעסער איז ביי נאכט, ווען דאס גאנצע געזינדעל וועט זיצען ביים קאמין. איך וואלט וועללען, דו זאללסט זיי זעהן אין בעסטען אופן. דו שטימסט איין, אז דאס איז זייער איין אינטערעסאנטע געזינדעל.

— נו, זאלל זיין אזוי, אבענד זאלל זיין אבענד, מיר איז אלס איינס.

— פערשטייט זיך, אז זיי דארפען ניט וויסען, אז מיר געפינען זיך דא, האב איך געזאגט, זיינענדיג זייער צופריעדען. מיר וועלען פלוצים אריין קוממען.

— געוויס, האט סטירפארס געאנטפערט. אויב אנדערש וועט זיך פערלירען דער גאנצער עפפעקט. מען דארף זעהן די מענשען, ווי זיי זיינען.

— מיר דוכט, סטירפארס, אז דו דיינקסט גאנץ ערנסט, אז די מענשען זיינען נאר א בעזונדערע פארטע אונ האבען קיין שייכות ניט מיט אונז.

— הע, געווג דיר, ראמאנטישער דעזי! האט סטירפארס געאנטפערט בעלעכט. לוינט נאר דערמאנען מיינע ויכוחים מיט עפעס א מיסס ראזע? צום שווארץ יאר דאס פריקרע פריילען. דעם אמת זאגענדיג, האב איך פאר איהר א ביסעל מורא. זי זיצט מיר שוין לאנג אויף'ן האלז. נאמיר איהר לאזען צורוה. נו, וואו ווילסטו איצט געהן? זעהן זיך מיט דער אלטע ניאנע?

— יע. פריהר פאר אלס מוז איך איהר בעזוכען.

— זייער גוט. האט סטירפארס געאנטפערט, א קוקטהוענדיג אויף'ן זייגער. איך רעכען אז דארט וועט מען דיך בעווייגען אונ קושען א שעה צוויי. גענוג צייט?

איך האב געאנטפערט מיט א פרייהליך געלעכטער, אז צוויי שעה איז גענוג, אונ ער וועט טהון זייער גוט, אויב ער וועט דערנאך קוממען צו מיין ניאנע.

— דו קאנסט זיין זיכער, האב איך איהם געזאגט, — אז דיין נאמען וועט דא גלייך ווערען בעוואוסט אונ מען וועט דיך אויפנעמען מיט דער זעלבער שמחה, ווי מיך. פענאטטי ווייס שוין, סטירפארס, אז דו ביזט א גרויסער מענש.

— איך בין גרייט צו גיין וואו דו ווילסט אונ טהון וואס דיר געפאללט. לאז מיר פענאטטיס אדרעס אונ אין צוויי שעה ארום בין איך דארט.

איך האב איהם געזאגט, ווי ער זאלל אב זוכען מ-ר בארקיס'ס דירה אונ בין ארויס פון האטעל אליין.

ס'איז געווען א שאנער ווינטער טאג, די ערד איז שטייף געווארען פון די פרעסט, וואס זיינען ניט לאנג געווען. דער בלויער ים איז געשטאנען אונבעוועגליך, אונ אין איהם האט זיך געשפיגעלט דער הימעל-לאזור, די זונן האט גענאססען

וועללען ליבט אונ ניט געברעננט מיט איהרע שטראהלען. אלס איז געוועזען לעבענדיג אונ פריש. איך האב געפיהלט אין קארפער אזא לעבענדיגקייט אונ פרישקייט, אז איך בין גרייט געוועזען אבשטעללען יעדען פערביייגייענדען אונ דריקען איהם פריינדליך די האנד.

יארמאאוזער גאססען האבען מיר איצט געדוכט זייער קליין. מען דארף רעכענען, אז די גאססען, וואס מיר זעהען אין די קינדישע יאהרען, קוממען אונז אויס קליין, ווען מיר זעהען זיי אין א סך יארען ארום. נור אזוי האב איך ערגעץ קיינע פעראנדערונגען ניט בעמערקט.

אט איז זי, מיין ליעבע נאנע אין איהר אייגענע קיך אונ איז פערנוממען מיט'ן פערפערטיגען מיטטאג. ווען איך האב זיך אנגעקלאפט, האט פעגאטטי מיר געאפינט די טהיר אונ געפרעגט, וואס דארף איך, איך האב אויף איהר א קוק געטאן מיט א שמייכעל, נור זי האט גאר בדעה ניט געהאט אנטפערען מיר מיט א שמייכעל.

— מ—ר בארקיס איז צו הויזע, מאדאם? האב איך געזאגט מיט א גראבען קול.

— צוהויזע, סער; נור ער ליידט פון רעוומאטיזם אונ ליגט צום בעט, האט פעגאטטי געאנטפערט.

— מאכט ער נאך איצט אויך נסיעות אין בלאנדערסטאן?

— יע, סער, ווען ער איז געזונד.

— אונ איר, מ—ס בארקיס, בעזוכט א מאל בלאנדערסטאן?

זי האט מיך א רגע אויפמערקזאם בעטראכט אונ איך האב בעמערקט א האסטיגע בעוועגונג אין איהרע האנד.

— איך האב געוואלט נאך פרעגען ביי אייך וועגען א דארטיגע הויז, וועלכעס, דוכט מיר, האט זיך א מאל גערופען... יע, אזוי טאקע איז דאס.... בלאנדערסטאנער זאאטקראהען.

זי איז אבגעטראטען מיט א טריט א הינטער אונ האט אונבעשלאססען אויפגעהויבען איהרע ביידע האנד.

— פעגאטטי! האב איך אויסגעשריען.

— מיין ליעבער דעווי!

מיר האבען זיך געווארפען איינער דעם צווייטען אין די ארמען אונ בעגאססען זיך מיט גרויסע טראפפען טרערען.

איך וואג ניט בעשרייבען מיט העללע פארבען די אללע נארעשקייטען, וואס פעגאטטי האט ארויסגעוויזען ביי דער בעגעגעניש, ווי זי האט געוויינט, געלאכט, געשטאלצירט מיט מיר אונ בעדויערט וואס מיין ארימער מוטער איז ניט בעשערט צו זעהן איהר איינציגען זוהן. איך האב זיך אויך געפרייט גלייך מיט איהר אונ מער זיך ניט בעזארגט, טאמער איז דאס ניט פאסיג פאר א יונגען דשענטלמען. איך

האב נאך קיין מאל אין מיין גאנצען לעבען אזוי פיעל ניט געוויינט אונ געלאכט, פיעל איצט.

— בארקים וועט זיין אזוי צופריעדען זעהן דיך, אז דאס וועט איהם העלפען א סך מער פון די אללע שמירעכץ וואס מען גיט איהם, האט פעגאטטי געזאגט, אויסווישענדיג מיט'ן פארטוך די טרערען פון די אויגען. זאלל איך איהם גיין זאגען, אז דו ביזט דא? אונ אפשר וועסטו אליין ארויף צו איהם אין דער הויך אונ זעהן זיך מיט איהם?

פערשטייט זיך, אז איך האב געוואלט; נור פעגאטטי האט זיך ארויסגעקליבען פון צימער ניט אזוי גיך, ווי זי האט גערעדט. זי איז איינינע מאל צוגעגאנגען צו דער טהיר, נור דא האט זי זיך אומגעקוקט אונ אומגעקעהרט זיך צוריק, כדי נאך א מאל א וויין טהון אונ א לאך געבען ביי מיר אויף'ן אכסעל. ענדליך זיינען מיר ביידע ארויס אונ זי איז פריהר אליין ארויף צו איהם מודיע זיין איהם פון מיין קוממען.

מ—ר בארקים האט מיך צוגענוממען מיט דער גרעסטע שמחה. ליידענדיג פון א שרעקליכע ברעכעניש אין גאנצען קערפער, האט ער מיר ניט געקאנט א דריק טהון די האנד נור אנשטאדט דעם האט ער מיר געבעטען, איך זאלל איהם אויף א צייכען אין אונזער פריינדשאפט א ציה טהון פאר'ן פראנזעל פון זיין מיטץ, וואס איך האב אויסגעפיללט מיט'ן גרעסטען פערגניגען. ווען איך האב זיך געזעצט אויף'ן ברעג בעט, האט ער געזאגט, אז איהם איז זייער אנגענעהם דערמאנען, ווי מיר פלעגען א מאל פאהרען אויף בלאנדערסטאנישען וועג. מ—ר בארקים איז געלעגען אויף'ן רוקען אונ געווען צוגעדעקט מיט א ווארעמע דעקע.

— איר געדיינקט, מ—ר דוד, וועמעס נאמען האב איך אויסגעקריצט אויף די קאזלעס ביי זיך אין וואגען? האט געזאגט מ—ר בארקים אונ געוואלט ארויס רופען א פריוליכען שמייכעל אויף זיין יסורים'דיג געזיכט.

— פאר וואס זאלל איך ניט געדיינקען, מ—ר בארקים! מיר האבען דאך דאמאלס ערנסט גערעדט.

— ס'איז שוין א סך יארען אריבער פון יענער צייט. ניט אזוי, סער?

— יע, דאס איז שוין געווען זייער לאנג.

— איך האב קיין חרטה קיין מאל ניט געהאט אונ איצט האב איך אויך קיין חרטה ניט אויף מיין חתונה. איר געדיינקט, מ—ר דוד, ווי איר האט מיר דערצאהלט, אז זי באקט ביי אייך זעמעלאך אונ קאכט אללע שפייזען פאר אייער מוטער?

— איך געדיינק, מ—ר בארקים.

— אונ איך קאן אייך זאגען, אז איר האט מיר דערצאהלט דעם ריינען אמת, האט מ—ר בארקים געזאגט, שאקלענדיג מיט זיין מיטץ — דאס איז געווען דער איינציג ריהר, וואס ער האט געקאנט מאכען —. דאס איז אזוי אמת, ווי דאס

געלט, וואס מען צאהלט איין ביי דער ראנאטקע. אונ וואס קאן זיין ריכטיגער פון ראנאטקע געלט?

מ—ר בארקיס האט אויף מיר א ווארף געטאן א פראגענדען בליק אונ איך האב געמוזט פערשטארקען זיין מיינונג.

– יע, סער, קיין זאך קאן ניט זיין ריכטיגער ווי ראנאטקע געלט, האט מ—ר בארקיס איבער געחזרט. – יעדער ארימער פוהרמאן, וועט עס אייך זאגען, ווען ער ליגט קראנק. איך בין זייער ארים, מ—ר דוד.

– מיר טהוט עס זייער לייד, מ—ר בארקיס.

– ריכטיג, מ—ר דוד, איך בין זייער, זייער ארים.

דא האט ער אנגעווענדעט אללע זיינע קראפטען, אונ מיט פיעל מאטערניש ארויסגעצויגען די האנד פון אונטער דער דעקע אונ ער האט מיט דער האנד אנגענוממען פאר'ן עק שטעקען, וואס איז געשטאנגען ביי איהם צוקאפענס, דאביי האט זיין געזיכט אנגענוממען א טרויריגע מינע. עטליכע מינוט האט ער מיט'ן שטעקען געשארט אין קאסטיל, וואס איז געשטאנען ביי איהם אונטער'ן בעט מיט איין עק ארויס צום שטוב.

– איך האלט דא אלטע שמאכטעס, סער, האט ער געזאגט.

– טאקע?

– טרויט מיר. שאדע, וואס דא איז ניטא קיין געלט אויף א שלעכטען טאג.

– איך בעדויער זייער מ—ר בארקיס.

– בעדויערט פיעל איר ווילט, אבער קיין געלט איז פארט ניטא! האט מ—ר בארקיס געזאגט, פערנאנדערעפענדיג ברייט זיינע אויגען, גלויבט מיר אויף נאמנות, סער, אז קיין געלט איז דא ניטא.

איך האב געאנטפערט, אז איך בין אין דעם גאנץ זיכער. מ—ר בארקיס האט א קוק געטאן מיט ריהרענדע אויגען אויף זיין פרוי אונ געזאגט:

– מיר איז זייער אנגענעהם זאגען אייך, סער, אז קלארא פעגאטטי בארקיס – איז די בעסטע פרוי אויף דער וועלט. ס'איז גאר ניטא א זעלכע ווארטער איהר צו לויבען. בעמיה זיך מיין ליעבע, צוגרייטען היינט עפעס א בעסערען מיטטאג א טהייערער גאסט וועט מיט אונז היינט עססען. גרייט צו וויין, מיין ליעבע.

איך האב געוואלט בעטען מ—ר בארקיס'ן, אז ער זאלל צו ליעב מיר ניט מאכען קיין איבריגע קאסטען, נור פעגאטטי וואס איז געשטאנגען פון צווייטען זייט בעט, האט צו מיר געוואונקען איך זאלל ניט ריידען.

– אמת, א ביסעל געלט, האב איך, האט בארקיס געזאגט, נור איצט קאן איך זיך בשום אופן ניט דערמאנען, וואו ליגט עס. איך בין זייער מיעד, מיין ליעבער. אויב איר וועט פון דאנען ארויס מיט מ—ר דוד וועלל איך א ווייל'ע א דרעמעל טהון אונ דערנאך, אז איך וועלל אויף וואכען, קאן אפשר זיין, אז איך וועלל געפינען.

אונז האט זיך מער ניט אבגעשטעלט צו טהון ווי ארויס גיין פון צימער. ווען מיר זיינען ארויס פון טהיר. האט מיר פענאטשי דערצאהלט, אז מ--ד בארקים, וואס איז אין דער לעצטע צייט געווארען א גרויסער קמצן (קארגער), פראוועט שטענדיג אזעלכע שטיק, ווי נור ער דארף נעמען א שיללינג פון גרייטען. דאבייי האט ער, ווערליג זי האט דערצאהלט, געליטען שרעקליכע יסורים, ווען ער האט געדארפט, פערבלייבענדיג אליין, דרייהען זיך אין בעט כדי בעקוממען די היילינע שאטוללע. באלד טאקע האבען מיר דערהערט שרעקליכע קרעכצען, וואס האבען זיך ארויסגעריססען ביי דעם אונגליקליכען ליידענדען פון זיין אוננאטירליכען אנשטרייגגען זיך. ביי פענאטשי האבען זיך בעוויזען טרערען אין די אויגען. דאס קרעכצען האט געדויערט אזוי לאנג, ביז ער האט אנגענוממען די פריהרדיגע לאגע אין בעטט. דערהערענדיג, אז ער רופט אונז, זיינען מיר ווייטער אריין צו איהם.

— איר זעהט, ווי איך שלאף זיך ניך איבער, האט געזאגט מ--ר בארקים. איך בין געווארען ניי בעלעבט אונ איך האב זיך גלייך דערמאנט, אז ביי מיר אונטער דער קישען איז געלעגען א גיניע. אט איז זי.

פערשטייט זיך, אז מיר האבען זיך געמאכט כלומרשט, אז מיר גלויבען איהם. זיין געזיכט האט געשיינט פאר פרייד ביים געדאנק, אז די היילינע שאטוללע בלייבט ווייטער א סוד אונ דאס פערגניגען האט איהם געקאנט דיענען פאר א גוטען בעלאהנונג פאר אללע זיינע יסורים.

איך האב פאראויס געוואוסט, אז פענאטשי וועט צונעמען סטירפארס'ן ווי מיין בעשיצער אונ דאריבער ווי איהר בעסטען פריינד, נור צוגענוממען האט זי איהם מיט א סך מער פריינדליכקייט אונ צוגעבונדענקייט, ווי איך האב ערווארט. זיין שארפזיניגקייט, פריילינקייט, גוט האלטען זיך, שאנקייט האבען געמאכט, אז אין פינף מינוט האט ער אין גאנצען בעזיעגט איהר הארץ.

סטירפארס האט איינגעוויליגט מיטטאגען מיט אונז צוזאממען. ער איז ארויף צום חולה אין צימער אונ האט איהם פשוט בעלעבט מיט זיין ריידען. זיין ריידען, זיין לאכען איז געווען אונגעצוואונגען אונ אין זיין יעדען קעהר האט זיך געזעהן אזא חן, אז אפילו איצט קאן איך זיך ניט אב וואונדערען, ווען איך בעטראכט די אללע דעטאליען פון דער סצענע.

פענאטשי האט ניט אנדערש געוואלט, איך זאלל נאכטיגען ביי איהר אין שטוב אין צימער, וואס איז פון לאנג געווען בעשטיממט פאר מיר אונ גערופען זיך דעווים צימער. איך האב א קוק געטאן אונבעשלאססען אויף סטירפארס'ן, ניט וויסענד ווי צו טהון.

— א, וואס איז דא פאראן צו קלערען! האט סטירפארס געזאגט. די גאנצע צייט, וואס מיר וועללען זיך געפינען אין ירמאוז, וועסטו דא נאכטיגען.

— אונ דו, סטירפארס?

— פערשטייט זיך, אז איך וועלל נאכטיגען אין האטעל.

— דאס איז אבער ניט זייער ארטיג פון מיין זייט, האב איך געזאגט. איך האב דיך אראב געפיהרט אין א פרעמדע שטאדט אונ לאז דיך דערנאך איבער אלליין.

— עט, נארעשקייט, מיין ליעבער! ביי אונז דארפען קיינע צערעמאניעס ניט זיין. דו געהערסט צו דיין גיאנע לויט דער געזעץ פון דער נאטור, אונ דאריבער איז גאר איבריג וועגען דעם צו ריידען.

די אללע בעסטע אונ שאנסטע איינגעשאפטען פון דעם יונגען מענשען האבען זיך ארויסגעוויזען אין זייער גאנצען גלאנץ אין אבענד, ווען מיר האבען זיך געקליבען גיין מיט א וויזיט צום שיפפעל־שטיבעל פון מ־ר פענאטטי. איך האב דאמאלס געכעכענט, אין וואס איך צווייפעל איצט אויך ניט, אז דאס פערשטיין אונ וויסען, וואס פאר א קראפט ער האט געפאללען וועגען יעדען איינציגען, האט איהם בעגייסטערט אונ צוגעגעבען פרישע קראפטען ער זאלל זיעגען אלם, וואס נור ס'האט געקאנט האבען א בעריהרונג מיט איהם. ווען איינער וואלט מיר דאמאלס זאגען, אז מיין גלאנצענדער פריינד שפיעלט מיט זיין שארפזיניגקייט, כדי מאכען שפאס פון גוטע מענשען, וועלכע קריכען איהם ארויס פון זינן תיכף ווי ער טרעט איבער זייער שוועל — א, מיט וואס פאר א כעס וואלט איך דאמאלס אויסגעהערט די נארישע, העזעדיגע, מאוסע רכילות!

דער ווינט האט געוואיעט קלאגליך אונ אומעדיג, ווען מיר זיינען געגאנגען צו מ־ר פענאטטי'ס פאנטאסטישע הייזעל.

— זייער א ווילדער ארט, סטירפארס, ניט אמת? האב איך געזאגט.

— יע, דא איז ניט זייער פרייהליך, איבערהויפט ביינאכט. דו הערסט, ווי דער ים ראוועט? און זעהט זיך עפעס א פייערל.

— דאס איז טאקע מ־ר פענאטטיס הייזעל.

— אזוי טאקע האב איך געכעכענט. היינט אין דער פריה בין איך טאקע צו דעם הייזעל צוגעגאנגען.

מער האבען מיר דעם גאנצען וועג ניט גערעדט מיר זיינען זייער שטילל צוגעגאנגען צום שטיבעל. איך האב געהייסען סטירפארס'ן ער זאלל זיך האלטען און מיר אונ איך האב אפ געזוכט די טהיר.

פון שטוב האט זיך געהערט א הויכעס געשפראך אונ ווען מיר זיינען אריין האט איינער א פאטש געטאן מיט די האנד, געפאטשט האט, צו מיין גרויס וואונדער, מיסס גודמידשז, וואס איז שטענדיג געוועזען ברוגז'דיג, כעסנדיג. נור ניט איין מיסס גודמידשז איז געוועזען אזוי פרייהליך. מ־ר פענאטטי איז געוועזען ענטציקט אונ איז געשטאנען מיט אויסגעשפרייטע ארמען, פונקט ווי ער זאלל וועללען ארום נעמען די קליינע עממי. חם איז געשטאנען צושראקען אונ פערשיעדענע געפיהלען האבען זיך אין איהם געשטויסען אונ ער האט געהאלטען עמיליען פאר דער האנד,

ריכטיג ווי ער זאלל איהר וועללען צו פיהרען צו מ–ר פעגאטטי. די קליינע עממי האט מיטגעפיהלט מ–ר פעגאטטי'ן און האט זיך איהם געוואלט ווארפען אויפ'ן האלז נור אונזער אריין קוממען האט איהר אב געהאלטען וויל זי האט אונז די ערשטע בעמערקט. איך בין צוגעגאנגען צו מ–ר פעגאטטי און געגעבען איהם די האנד. נאך'ן ערשטען איבעראשונג האט חם אויסגעשריען:

–מאסטער דעווי! אהא! דאס איז דאך מאסטער דעווי!

ס'איז אין שטיבעל געווארען א גערודער. מיר האבען איינע די אנדערע געדריקט די האנד און אללע צוזאממען גערעדט; ווען איינער א זייטיגער זאלל שטיין דערביי, וואלט ער מיינען, אז מיר זיינען אללע משוגע געווארען. מ–ר פעגאטטי איז אללע רגע צוגעגאנגען דא צו מיר און דא צו סטירפארס'ן, האט אונז געדריקט די האנד, געגייגט זיך, געווינקט, געקרייזעלט זיינע האר, געשמייכעלט, געלאכט און טויזענד מאל איבער געחזרט, אז מיר האבען איהם היינט געמאכט א גרויסען יום–טוב.

– אח, גאט מיינער! האט מ–ר פעגאטטי געזאגט. ווער האט זיך עס געוואלט ריכטען, אז צוויי דשענטלמענעס וועללען היינט בעזוכען מיין הויז. אזא גליק. אפילו אין חלום האב איך דאס ניט געזעהן. עממי, נשמה'ניו, קום אהער! קום אונטער אהער מיין קליינע צויבערין! דאס איז מאסטער דעווי'ס חבר, דער זעלבער דשענטלמען, פון וועלכען דו האסט שוין געהערט, עמיליע. זיי זיינען צו אונז געקוממען מיט מאסטער דעווי אין אזא נאכט... אין אזא שאנע נאכט, וועלכע דיין פעטער וועט שוין מער ניט זעהן. הוררא! יונגע דשענטלמענס.

נאך דער רעדע האט מ–ר פעגאטטי פערדעקט מיט זיינע ברייטע האנד דאס שאנע געזיכט פון זיין פלימעניצע, האט איהר א קוש געטאן אין שטערן, צוגעדריקט צום הארצען, א גלאט געטאן איבער'ן קאפיל און ענדליך אב געשטויסען פון זיך. ווען עמיליע איז אוועק צו זיך אין צימער האט ער אויף אונז א קוק געטאן ענטציקט פון וואס ס'איז לייכט געווען ארויס צו זעהן אז אין דער גאנצער וועלט איז ניטא קיין מענש גליקליכער פון איהם אין דער וויילע.

– אז די צוויי דשענטלמענעס... ערוואכסענע דשענטלמענעס... צוויי שאנע דשענטלמענעס... האט מ–ר פעגאטטי אנגעהויבען.

– אזוי איז עס טאקע, פעטער דן, האט חם אויסגעשריען. – אזוי איז דאס. גוט געזאגט. מאסטער דעווי–איז א ערוואכסענער דשענטלמען. מאסטער דעווי איז א העלד א דשענטלמען. גוט געזאגט, פעטער דן.

– אויב די צוויי ערוואכסענע דשענטלמענעס, האט מ–ר פעגאטטי ווייטער גערעדט, – וועללען ניט איינוויללינען פערצייהען מיר, וואס פון אזא שמחה גיי איך אראב פון זינן... בין איך גרייט מיט דער גראסטער הכנעה בעטען מחילה ביי די

צוויי ערוואכסענע דשוזענטלמענעס. עממי, נשמה'יו!... זי וויס, וואס איך וויל איצט דערצאהלען און דאריבער, איך בעט פערצייהונג, האט זי זיך בעהאלטען. רוף איהר אריין אויף איין מינוט, אלטע מאטראנע.

מיסס גודמידשז האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און איז ארויס.

— אויב די נאכט וועט ניט זיין די גליקליכסטע אין מיין לעבען, האט מ—ר פעגאטטי פארטגעזעצט,—בין איך טאקע ווי מען רופט עס א בהמה, א בהמה וואס פיהלט ניט, מיינע הערען! איר האט דאך בעמערקט מיין קליינע עממי? האט ער געזאגט, ווענדענדיג זיך צו סטירפארס'ן. דאס איז אזא מיידעל, האב איך די עהרע אייך צו זאגען, וואס די וועלט האט ניט איהר גלייכען.

סטירפארס האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און מ—ר פעגאטטי האט איהם דערפאר בעדאנקט. חם האט צו מיר איינינע מאל צוגעווינקט אויף א צייכען, אז ער שטיממט איין מיט'ן פעטערס מיינונג.

— די קליינע עממי, האב איך די עהרע אייך צו מעלדען, האט מ—ר פעגאטטי פארטגעזעצט איז אויסגעוואכסען און ערצויגען געווארען ביי אונז אין שטוב... דאס הייסט זי איז דא אויסגעוואכסען ווי א בלומעל, אויב איר וועט אזא פראסטען מענשען, ווי מיר, ערלויבען אויסדריקען אויף אזא ארט מיין געדאנק. און דאריבער איז עמיליע אונזערע, דאס הייסט פון אונזער געזינד. זי איז ניט מיינע קיין טאכטער— איך האב קיין קינדער ניט געהאט; נור איך וואג זיך צו זאגען, אז קיין פאטער ליעבט ניט אזוי שטארק זיין קינד, ווי איך די קליינע עממי, זאגאר זי איז שוין ניט קליין. איר פערשטייט?

— איך פערשטיי זייער גוט, האט סטירפארס געזאגט.

— איך דאנק אייך זייער, איך האב געוואוסט, אז איר וועט פערשטיין, האט מ—ר פעגאטטי געזאגט. — מאסטער דעווי געדיינקט איהר פון קליינערהייד און איר זעהט איהר איצט, נור ניט מאסטער דעווי און ניט איר קאנט וויססען און פיהלען, וואס איז זי פאר אונז געוועזן, און איז איצט און דארף זיין פאר אונזער שיפפעל—שטיבעל. איך בין א פראסטער מענש, נור איך זאג אייך זיכער אז מער ווי א פרויענצימער איז ניט פייהיג אזוי שטארק צוליעבען, ווי איך ליעב די קליינע עממי. ס'איז פאראן נאך א מענש, מיינע הערען, וועלכער האט געקאנט די קליינע עממי נאך דאמאלס, ווען איהר פאטער האט זיך דערטרונקען. ער האט איהר געניאנצעט אויף די האנד, ווען זי איז נאך געוועזן א קינד, ער האט זיך מיט איהר געשפיעלט, ווען זי איז געוועזן א מיידעלע און קאן זיך איצט פון איהר זאטט ניט אבקוקען, ווען זי איז געווארען א פריילען. דער בחור איז א פראסטער, א פראסטער און א הארטער, ווי איך אלליין, נור דאך איז ער א קינסטלער א שיפפער און איבערהויפט — איין ארדענטליכער מענש.

חם האט ארויסגעשטעללט די ציינער און האט אויף אונז זייער בעריהרט א קוק

געטאן, געבענדיג מיט דעם צו פערשטיין, אז איצט שמועסט מען וועגען איהם.

— דער מענש, זאג איך אייך, איז געראטען מיט אללע פיצלאך אין א שטאכעלשווין, נור ער פערלירט זיין שטעכיגקייט, ווי ער בעריהרט נור די קליינע עממי. ער גייט איהר נאך יעדען טריט, גיט איהר נאך אלס, וואס זי וויל אונ אפט פערלירט ער דעם חשק פאהרען פאנגען ראקעס, ווי באלד ער זעהט זיך ניט מיט איהר א טאג אדער צוויי... נו, מיינע הערען, איר וועט זיך ניט וואונדערען, אויב איך וועל אייך זאגען, אז עמיליע איז שוין א מיידעל וואס שטייט שוין אין שדוכים... איר זעהט עס זאגאר אלליין. אונ דערפון איז געדרונגען, אז איך וויל איהר פערזארגען מיט א מענשען, וועלכער זאלל בעקוממען דעם רעכט בעשיצען איהר ווי זיין ווייב. ס'איז קלאהר, מיינע הערען?

— מיט אנדערע ווארטער, מ־ר פעגאטטי: איר ווילט אייער ליעבלינגין חתונה מאכען, האט סטירפארס ערקלעהרט.

— אזוי טאקע, מיין איך, איר האט געטראפען מיין געדאנק. איך ווייס ניט, מיינע הערען, אונ קאן ניט וויססען, ווי לאנג וועל איך נאך לעבען, נור אויב, וואס איך וועל זיכער ניט מיידען, ס'וועט זיך אויפהויבען א בורע אויף'ן ברייטען ים א מאל אין א טויבע נאכט, די חוואליען וועלען רוישען, די שטורמענדע ווינטען וועלען ראשען אונ דער תהום וועט אפענען דאס מויל איינשלינגען אייער ערגעבענען דיענער — וועלל איך רוהיג זינקען צום גרונד אונ זאגען, פערהלאבענדיג זיך מיט דער געוואלצענע פייכטקייט: „דארט אויף'ן ברעג געפינט זיך א מענש מיט איין אייזערנע האנד מיט א העלדישען הארץ, א מענש א פרא־אדם, ליעבענסווירדיגע הערען! קיין שלעכטס, קיין צרה וועט ניט טרעפען דער קליינער עממי, כל זמן דער מענש וועט לעבען. זאלל זיי גאט געבען זיין ברכה!"

מ־ר פעגאטטי איז געוועזען בעלעבט פון זיין רעדע, ער האט א מאך געטאן מיט דער האנד, ריכטיג ווי ער זאלל וועלען זעגענען זיך מיט'ן לעבען אונ ווייטער גענוממען ריידען:

— זייער גוט, מיינע הערען! איך ראטה איהם, ער זאלל איבער ריידען מיט עממי אונ וואס איז געוועזען דער פועל־יוצא? ער איז, פערשטייט איר מיך, אויסגעוואקסען א גרויסער שוטה. א באלבאק איז ער א גרויסער נור אין די זאכען איז ער א גרויסער טרום. וואס זאלל איך טהון? איך האב אלליין גענוממען ריידען פאר איהם. נו, איך זאג איהר, איר קאנט פערשטיין, ווי איך רייד. „ס'טייטש! ער! — זאגט עמיליע — ער, וועמען איך קאן פון די קינדערשע יארען, אונ וועמען איך ליעב, ווי א ברודער! אח, פאטערל! איך קאן פאר איהם ניט חתונה האבען! ער איז אזא גוטער!" — וואס האב איך געזאלט טהון? איך האב איהר א קוש געטאן אונ געזאגט, אז קיינער חס ושלום צווינגט איהר ניט זי קאן אויסקלייבען, וועמען זי וויל. זי איז פרייה, ווי א פייגעלע. דערנאך האב איך איהם געזאגט,

אז

אז איך וואלט זייער וועלען, ס'זאלל זיין אזוי, נור ס'מאכט זיך אזוי ניט. דערווייל לעבט, זאג איך איהם, ווי פריהר. פון יענער צייט האבען מיר נאך צוויי יאר געלעבט, ווי פריהר אין פערגניגען און גוטס.

ביי די לעצטע ווארטער האט זיך ביי מ—ר פענאטטי אנגעצונדען דאס געזיכט פאר גרויס שמחה. ער האט אנידערגעלייגט איין האנד ביי מיר אויפ'ן קניע, די צווייטע ביי סטירפארס'ן אויפ'ן קניע און אויף אזא אופן האט ער צוטהיילט זיין פאלגענדע רעדע צווישען אונז ביידען.

— פלוצים, מיינע הערען, אין איין אבענד... און ווער האט זיך געזאלט ריכטען, אז דאס זאלל פאסירען היינטיגען אבענד? איך בעט אויסהערען. עמיליע נאך'ן ענדיגען איהר ארבייט אין מאגאזין גייט פון דארטען ארויס און ער גייט נאך איהר. דא איז וואס בעזאנדערס ניטא. נורווארט, הערט, וואס ווייטער וועט זיין. ס'איז ניט איבריג ערקלעהרען אייך, אז ער בעגלייט איהר שטענדיג אללע פערנאכט און אפילו ניט פערנאכט נור אין דעם אבענד האט ער איהר געבראכט צופיהרען אונטער דער האנד און שרייט צו מיר: „קוק אהער, פעטער'ל דן! אט איז מיין קינפטיגע קליינע ווייב!“ איך בין נשתומם געווארען, ווי איר קאנט זיך פארשטעללען, זי שרעקט זיך, מיין טייבעלע, זי שעמט זיך, האלב לאכט זי, האלב וויינט זי און זאגט מיר: „יע, פעטערל, איך שטימם איין זיין פרוי זיין, אויב אייך געפאללט“. אויב מיר געפאללט? גרויסער גאט! האט מ—ר פענאטטי אויס געשריען, קראצענדיג די האר פון גרויס שמחה. אויב מיר געפאללט? וואס דען איז געווען מיין איינציגער וואונש אין מיין לעבען? „איך האב זיך בעדיינקט, פעטערל, זאגט זי, און מיר דוכט איצט, אז איך קאן זיין א גוטע ווייב, ווייל ער איז זייער א גוטער.“ דא האט זיך מיסס גודמידש אויף דער אלטער א ריהר געטאן און גענומען פאטשען מיט די האנד; און דא זייט איר אנגעקוממען, יונגע דשענטלמענעס. גענוג! איר זייט איצט געווען עדות פון דער סצענע, אט דאס הייסט גוטע גאסט!

חם, ארויסשטעללענדיג די ציינער, האט געקנאטען מיט די פיס, נור פיהלענדיג, אז ער דארף איצט אויך עפעס זאגען האט ער אנגעהויבען בזה הלשון:

— זי איז געווען, מאסטער דעווי... אזא קליינינקע, ווי איר זייט דאמאלס געווען, מאסטער דעווי... נור איך האב געוואוסט, אז זי וועט אויסוואכסען, מאסטער דעווי... און איך האב געזעהן, ווי זי האט געוואכסען, ווי א בלומעל. איך בין גרייט מקריב זיין מיין לעבען פאר איהר... מיט פערגניגען מקריב זיין זיך... פון גאנצען הארצען, מאסטער דעווי, זי איז פאר מיך דשענטלמענעס... אלס איז זי פאר מיר... און אפשר נאך מער פאר אלס. איך... איך ליעב איהר... מיט איין אמת ליעב איך איהר... קיין דשענטלמען אויף דער יבשה און אויפ'ן ים... קאן אזוי ניט ליעבען זיין לעדי, מיינע הערען... ווי איך האב איהר ליעב... חאטשע א דשענטלמען וואלט אדעלער ארויס געזאגט,

ווי איך. אונ דאריבער איז גאר פראסט – וואס איז דא פאראן צו ריידען, יונגע דשענטלמענעס?

ס'איז ריהרענד געווען צו זעהן, ווי דער אונגעשיקטער גיגאנט (ריעז) האט געשווידערט ביים ארויס ריידען זיין ליעבע צו דער קליינע צויבער'ן, וואס האט פערכשופט זיין הארץ; נאך ריהרענדער איז געווען צו זעהן אונ הערען, ווי דער גוטער פישער האט אויף געעפענט זיין גאנצע הארץ פאר די אונערווארטעטע גאסט.

אויף מיך האט די סצענע געמאכט א גרויסען איינדרוק אונ מיין פרייד איז געווען גאר אהן א סוף. נור דאך דארף איך זיך מודה זיין, אז די שמחה איז מיר אנפאנגס געווען געמישט מיט איין אונבעדייטענדען טרויער אונ ווען איך זאלל דארפען אריין מישען זיך גלייך אין געשפראך, וואלט איך זיך אויסגעגליטשט אויף'ן ערשטעןווארט; נור צום גליק האט סטירפארס אויף זיך גענומען די ראליע אנטפערען עטליכע ווערטער אונ ער האט עס אויסגעפיללט, ווי מען דארף גאר ניט בעסער.

– מ–ר פעגאטטי, האט ער געזאגט, – איר זייט דער ווערטהעסטער מענש אונ איר פערדיענט פון היינטיגע נאכט זיין גליקליך אויף'ן גאנצען לעבען. אט האט איר מיין האנד. האם, איך גראטוליר אייך, ליעבענסווירדיגער פריינד. אט האט איר מיין האנד. דעווי, פעריכט דאס פייער אין אייווען, אונ זאלל דאס פייער בעלייכטען אונזער אללעמענס גליק. וואו איז אייער שאנע פלימעניצע, מ–ר פעגאטטי? זאלל זי אריין קוממען אונ זעצען זיך אויף'ן ליידיגען ארט אין ווינקעל, אז ניט וועלל איך איין מינוט ניט פערבלייבען אין אייער הויז. אללע דארפען אין דעם צעבענד זיין גליקליך אונ איך וויל ניט מיט מיין געגענווארט וועמען ס'איז שטערען אונ בפרט נאך א פריילען.

קיינער האט ניט געקאנט ספארען. מ–ר פעגאטטי איז אוועק רופען עמילייען אונ אז זי האט זיך איין געעקשנט איז נאך איהר געגאנגען האם. באלד האבען זיי איהר געבראכט אונ געזעצט ביים קאמין. אנפאנגס האט זי זיך געשעמט אונ געשראקען, נור באלד איז איהר די שעמעריי אונ שרעקעניש אריבער, ווען זי האט בעמערקט, אז מיין פריינד איז גאר ניט אזא שרעקליכער דשענטלמען. ער האט זיך מיט איהר בעגאנגען צארט אונ אדעל אונ האט געקליבען די ווארטער אז אין זיי זאלל ניט זיין קיין אנצוהערעניש, וואס האט איהר געקאנט ברייגען אין א פערלעגענהייט. ער האט זיך פערגאנדערגעשמועסט מיט מ–ר פעגאטטי'ן וועגען שיפפען, לאדקעס, עבע אונ פלוטה, פיש–פאנגען. מען האט ארויס געזעהן, אז ער פערשטייט זייער גוט וואס פאר א שווערער אונ געפאהרליכער געשאפט איז מיט פיש, אויך וואס פאר א פערגניגען פערשאפט דער ים דעם פישער. מיר זייגען אללע געווען בעצויבערט פון זיין ריידען אונ יעדער האט דער־נאך געערדט פריי אונ אפפען.

נור עמיליע האט גערעדט ווינציגער פון אללעמען. זי האט זיך צוגעקוקט צום נייעם גאסט און צוגעהערט זיינע רייד זייער אויפמערקזאם. איהר געזיכט האט זיך פערדעקט מיט א העללע רויטקייט און זי איז געוועזן צויבער-שאן. סטירפארס האט דערצאהלט א מעשה, ווי א שיפף איז פערזונקען, פונקט ווי ער זאלל עס האבען זעהן מיט זיינע אויגען. עמיליעס אויגען זיינען די גאנצע צייט געוועזן צוגעשמיעדט צו איהם. דערנאך האט ער דערצאהלט א פרייהליכער מעשה און עמיליע האט געלאכט אזוי שטארק, אז דאס גאנצע שיפפעל-שטיבעל איז פערהילכט געוועזן פון איהר געלעכטער. סטירפארס האט אויך געלאכט, פונקט ווי די מעשה זאלל פאר איהם אויך זיין אנייעס. דערנאך האט ער געבעטען מ—ר פעגאטטי זינגען א ים-ליעד און דערנאך האט ער אליין געזונגען דעם זעלבען ליעד מיט גרויס געפיהל.

מ—ס גודמידשז איז אויך פרייהליך געווארען אזוי פרייהליך, אז צייט דער מאן איז איהר אבגעשטארבען האט זי נאך אזא שמחה ניט געהאט. אויף מארגען האט זי טאקע געזאגט: אז מיין חבר האט איהר בעכשופט.

דערנאך האב איך פערצויגען מיט עמיליען א געשפראך וועגען אונזערע קינדערשע יארען און האב איהר דערמאנט, ווי מיר פלעגען גיין קלייבען שטיינדלאך בייס ברעג ים. איך האב איהר געפרעגט, אויב זי געדיינקט, ווי איך בין אמאל געוועזן צוגעבונדען צו איהר, מיר האבען זיך ביידע צולאכט און רויט געווארען. זי איז די גאנצע צייט געזעססען אויף'ן אלטען קאסטען און מיין א מאליגען ארט נעבען איהר האט איצט פערנומען חם, נור זי האט איהם געהאלטען א ביסעל פון דערווייטענס.

אונזער וויזיט האט געדויערט ביז האלבע נאכט. מיר האבען צוגעביססען מיט סוהארעס און געטריקענטע פיש און פערטרונקען מיט וויין, וואס סטירפארס האט געהאט געבראכט מיט זיך. און מיר, מאנסביל, האבען אין גאנצען אויסגעטרונקען (איצט האב איך שוין דאס רעכט רופען זיך מאנסביל). מיר האבען זיך געשיידט זייער פרייהליך. דאס גאנצע געזינדל האט אונז בעלויכט דען וועג ביי אונזער ארויסגיין.

— א שאנע מיידעל! האט סטירפארס געזאגט, אננעמענדיג מיין האנד. נו יע, דו האסט רעכט, דעווי, דיינע פריינד זיינע אריגינאללע מענשען און אין זייער געזעללשאפט פיהלסטו גאר בעזאנדערע געפיהלען.

— ווי גוט איז, וואס אונז האט געלונגען זיין עדות פון זייער גליק! האב איך געאנטפערט. — מיר איז נאך קיין מאל ניט אויסגעקומען זעהן אזעלכע גליקליכע מענשען. ווי אנגענאהם איז נעהמען א חלק אין זייער-שמחה!

— נור איך דיינק ניט, אז דער שוטה זאלל זיין א גוטע פארטיע פאר אזא שאנהייט: ניט אמת? האט סטירפארס געפרעגט.

די קאלטע און אונערווארטעטע פראגע האט מיך אין גאנצען צומישט, ווען איך האב זיך בעדיינקט, ווי האפליך און מילד ער האט גערעדט מיט'ן חתן. איך האב זיך געשווינד א קעהר געטאן צו איהם, נור בעמערקענדיג א לצנות־שמייכעל אין זיינע אויגען, האב איך געאנטפערט שוין אהן פעדרוס:

— אה, סטירפארס! פאסט עס פאר א גראסמוטהיגען דשענטלמען אזוי שפאסען פון ארימע מענשען? דו קאנסט שפאסען פון מיסס דארטל, פון מיר, פיעל דו ווילסט; אבער איז דאס ארטיג לאכען פון די מענשען, וואס האבען איצט און ערשט געאפפענט פאר אונז זייער גאנצע הארץ? נור איך קאן דיך בעסער, ווי דו זעלבסט זיך. ווען איך זעה, אז דו פערשטייסט אזוי גוט דאס לעבען פון דעם ארדענטליכען פישער, דו אנאליזירסט אזוי ריכטיג די ליעבע פון מיין ניאנע צו מיר, ווייס איך, אז דו קאנסט ניט זיין גלייכגילטיג צו די קינדער פון דער נאטור, ווען זיי טרויערען אדער פרייהען זיך. און דערפאר, סטירפארס, ליעב איך און שעטץ דיך צוואנציג מאל מעהר.

ער האט זיך אבגעשטעללט, א קוק געטאן מיר אין געזיכט און געזאגט:

— דעווי, איך דיינק, אז דו רעדסט ערנסט, מיין פריינד, און איך זעה, אז דו האסט א גוטע הארץ. ס'וואלט געווען זייער גוט, ווען מיר וואללען אללע זיין געראטען אין דיר.

און אין א מינוט ארום האט ער פרייהליך גענוממען זינגען א פישערשע ליעדעל.

ענדע פון דריטען טהייל.